STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11116

# DER SOTSYAL-DEMOKRATISHER OPNOYG IN DER AL.K.P.(B.)

Joseph Stalin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סטאלין

# דער
# סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּנייג אין דער אל. ק. פ. (ב.)

[פּאָרטראַג און שלוס-וואָרט, געהאַלטן אַף דער XV קאָנפערענץ פון דער אל. ק. פ. (ב.)]

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1927

PRINTED in U.S.S.R.

Типография „Эмес"
Москва, Покровка 9.
Тираж 2.000 экз.
Главлит № 79494.

# פאַרטראַג

## I

## די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

כאַווײַרים, די ערשטע פראַגע, וועלכע מע דאַרף באַרירן אינם פאָרטראַג, דאָס איז די פראַגע וועגן דער אויסבילדונג פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, וועגן די עטאַפּן פון זײַן אַנטוויקלונג און, ענדלעך, וועגן דער שוין אָנגעהויבענער צעפאַלונג זײַנער. דידאָזיקע טעמע איז, לויט מײַן מיינונג, אַ נויטיקע טעמע, ווי אַן אַרײַנפיר אינם טאָך פון דער פראַגע מ׳קויעך די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

נאָך אפן 14-טן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט כ׳ זינאָוויעוו געגעבן אַ סיגנאַל אַף צוזאַמענציען אַלע אָפּאָזיציאָנעלע שטרע-מונגען און צו פאַרײַניקן זיי אין איין קראַפט. די כאַווײַרים-דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ מוזן געדענקען דידאָזיקע רעדע פונם כ׳ זינאָוויעוו. עס קאָן קיין שום סאָפעק ניט זײַן, אַז אַזאַ צורוף האָט ניט געקאָנט ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין די רייען פון די טראָצקיסטן, וועלכע האָבן פון אָנהויב אָן זיך געהאַלטן

באַם געדאנק, אַז די גרופּירונגען דארפן זיין מער אָדער ווייניקער פריי, אַז זיי דאַרפן מער אָדער ווייניקער זיך פּאַרייניקן, קעדיי צו פירן אַ קאַמף קעגן יענער גרונט-ליניע פון דער פּאַרטיי, וועלכע באפרידיקט שוין לאנג ניט דעם כ׳ טראָצקי.

דאָס איז געווען אזוי צו זאָגן די צוגרייטונגס-אַרבעט אף צו פּאָרמירן דעם בלאָק.

## דער ערשטער עטאַפּ.

דעם ערשטן ערנסטן שריט צו פּאָרמירן דעם בלאָק האָט די אָפּאָזיציע פאָרגענומען בעאייס דעם אַפּרעל-פּלענום פונם צ״ק, אין צוזאַמענהאַנג מיט די טעזיסן פון כ׳ ריקאָוו וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאגע. קיין פולע צונויפגערעדטקייט איז נאָך דעמאָלט צווישן דער נייער אָפּאָזיציע און די טראָצקיסטן ניט געווען. אָבער אַז אין גרונט גענומען איז שוין דער בלאָק געווען גרייט,—דעריך האָט מען שוין ניט געקאָנט צווייפלען. די כאוויירים, וועלכע האָבן געלייענט די סטענאָגראַמע פונם אַפּרעל-פּלענום, וועלן פארשטיין, אַז דאָס איז פולקום ריכטיק. אינם איקער האָבן שויןביידע גרופּעס באוויזן צונויפריידן זיך, נאָר עס זיינען געווען, רעזערוואַציעס (אויסריידן), וואָס צוליב זיי איז זיי אויסגעקומען ארייננצוטראָגן צו די טעזיסן פון כ׳ ריקאָוו ניט אויסבעסערונגען, געמיינזאַמע פאַר דער גאַנצער אָפּאָזיציע, נאָר צוויי פּאַראַלעלע רייען אויסבעסערונגען: איין ריי אויסבעסערונגען, וואָס איז געקומען פון דער „נייער אָפּאָזיציע״ מיט קאַמעניעוון בעראָש, און די צווייטע ריי אויסבעסערונגען, וועלכע איז געקומען פון דער גרופּע טראָצקיסטן. אָבער אז אינם איקער האָבן זיי געשלאָגן אין איין פּונקט און אַז דער פּלענום האָט שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז זיי רעסטאַווירן אין אַ נייער פאָרם דעם אַווגוסט-בלאָק,—דאָס איז אַן אָנסאָפעקדיקער פאַקט.

אין וואָס אָבער זיינען דאַן באַשטאַנען דידאָזיקע רעזערוואַציעס?

אַט וואָס דעמאָלט האָט געזאָגט כ׳ טראָצקי:

„פּאַר אַ כיסאָרן פון כ׳ קאָמעניעוס אויסבעסערונגען האַלט איך דאָס, וואָס אין זיי איז די דיפערענצירונג פון דאָרף אוועקגעשטעלט עפּעס ווי אין אַ געוויסן גראַד אומאָפּהענגיק פון דער אינדוסטריאַליזאַציע. אָבער די באַדייטונג און דער סאָציאַלער געוויכט פון דער פויערשער דיפערענציאַציע און פון איר טעמפּ ווערט באַשטימט דורכן וואוקס און טעמפּ פון דער אינדוסטריאַליזאַציע בענויגייע צום דאָרף אין גאַנצן גענומען".

אַ ניט מינדערווערטיקע רעזערוואַציע.

אַלס ענטפער אַף דעם מאַכט קאַמעניעוו פון זיין זייט אַ רעזערוואַציע בענויגייע די טראָצקיסטן:

„איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט,—זאָגט ער,—צוצושטיין צו יענעם טייל זייערן (ד. ה. צום טייל פון כ׳ טראָצקיס אויסבעסערונגען צום פּראָיעקט פון כ׳ ריקאָווס רעזאָלוציע), וועלכער שאַצט אָפּ די פאַרגאַנגענע ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, וואָס איך האָב אַף הונדערט פּראָצענט פאַרטיידיקט".

דער נייער אָפּאָזיציע איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס כ׳ טראָצקי קריטיקירט די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק, וואָס מיט איר האָט אָנגעפירט כ׳ קאַמעניעוו פאַרן פאַריקן פעריאָד. און דעם כ׳ טראָצקי איז, ווידער, ניט געפעלן געוואָרן, וואָס די נייע אָפּאָזיציע רייסט אָפּ די דיפערענציאַציע-פראַגן פון דער פראַגע וועגן אינדוסטריאַליזאַציע.

## דער צווייטער עטאַפּ.

דער צווייטער עטאַפּ—דאָס איז דער יולי-פּלענום פון צ. ק. אַפן דאָזיקן פּלענום האָבן מיר שוין אַ פאָרמעל צונויפגעקלאַפּטן בלאָק, אַ בלאָק אָן רעזערוואַציעס. כ׳ טראָצקיס רעזערוואַציעס זיינען אָראָפּגענומען געוואָרן, אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַרכיוו,

פונקט אַזוי ווי כ׳ קאַמעניעווס רעזערוואַציעס זיינען אראָפּגענומען געוואָרן און אָפּגעגעבן אין אַרכיוו. זיי האָבן שוין איצט אַ געמיינזאַמע „דעקלאַראַציע“, וועלכע איז אייך אַלעמען גוט באַוואוסט, כאַווײרים, אַלס אַן אַנטיפּאַרטייאישער דאָקומענט. אָט דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם צווייטן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

דער בלאָק איז צונויפגעקלאַפּט געוואָרן און האָט זיך אויסגעפורעמט אין יענעם פעריאָד ניט בלויז אַפן באָדן פון קעגנזייטיקן אָפּזאָגן זיך פון אויסבעסערונגען, נאָר אויך אַפן באָדן פון קעגנזייטיקער „אַמניסטיע“. מיר האָבן פאַרן דאָזיקן פעריאָד כ׳ זינאָוויעווס אינטערעסאַנטע דערקלערונג מיקויעך דעם, אַז די אָפּאָזיציע, איר גרונט-קערן אין 1923 יאָר, ד. ה. די טראָצקיסטן זיינען געווען גערעכט אין דער פראַגע וועגן דער איבערגעבורט פון דער פּאַרטיי, ד. ה. אין דער הויפּט-פראַגע וועגן דער פּראַקטישער פּאָזיציע פונם טראָצקיזם, וואָס דרינגט ארויס פון זיין פּרינציפּיעלער פּאָזיציע. מיר האָבן, פון דער צווייטער זייט, ניט קיין ווייניקער אינטערעסאַנטע דערקלערונג פונם כ׳ טראָצקי וועגן דעם, אַז זיינע „לעקציעס פון אָקטיאַבר“, וואָס זיינען ספּעציעל געווענדעט קעגן קאַמעניעוון און זינאָוויעוון, אַלס דעם „רעכטן פליגל“ פון דער פּאַרטיי, וועלכער כאַזערט איצט איבער די אָקטיאַבר-פעלערן,—זיינען אַ פעלער, אַז דעם אָנהויב פונם רעכטן אָפּנויג אין דער פּאַרטיי און פון איר איבערגעבורט דאַרף מען צושרייבן ניט קאַמעניעוון און זינאָוויעוון, נאָר, לאָמיר זאָגן, סטאַלינען.

אָט וואָס כ׳ זינאָוויעוו האָט געזאָגט אין יולי דאָס יאָר:

„מיר זאָגן, אַז איצט קאָן שוין ניט זיין קיין שום סאָפעק אין דעם, אַז דער גרונט-קערן פון דער אָפּאָזיציע פון 1923 יאָר, ווי דאָס האָט ארויסגעוויזן די עוואָלוציע פון דער אָנפירנדיקער ליניע פון דער פראַקציע (ד. ה. פון דער מערהייט צ״ק), האָט ריכטיק געוואָרנט וועגן די געפאַרן

פון אָפּקער פון דער פּראָלעטאַרישער ליניע און וועגן דעם דראָ-ענדיקן וואוקס פונם אַפּאַראַטישן רעושים".

אַנדערש געזאָגט: די אַנומלטיקע באַהויפּטונגען פון כ' זי-נאָוויעוו און די רעזאָלוציע פונם 13-טן צוזאַמענפאָר וועגן דעם, אַז טראָצקי רעווידירט דעם לעניניזם, אַז דער טראָצקיזם איז אַ קליינבירגערלעכער אָפּנויג,—דאָס אַלץ איז געווען אַ טאָעס, אַ מיספאַרשטייעניש, אז די געפאַר ליגט ניט אינם טראָצקיזם, נאָר אין צ. ק.

דאָס איז אַ סאַמע פּרינציפּלאָזע „אַמניסטיע" פונם טראָצקיזם.

פון דער אַנדערער זייט דערקלערט טראָצקי אין יולי:

„עס איז קיין סאָפּעק ניט, אַז אין די „לעקציעס פון אָקטיאַבער" האָב איך פאַרבונדן די אָפּאָרטוניסטישע אָפּוועגדונגען פון דער פּאָליטיק מיט זינאָוויעווס און קאַמעניעווס נעמען. ווי עס צייגט די דערפאַרונג פונם אידייאישן קאַמף אינם צ.ק., איז דאָס געווען אַ גראָבער פעלער. די דערקלערונג פון דעם-דאָזיקן פעלער ליגט אין דעם, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן נאָכן אידייען-קאַמף אינעווייניק אינם זיבלינג אין באַצייטנס פעסטצושטעלן, אַז די אָפּאָרטו-ניסטישע אָפּוועגדונגען זיינען ארויסגערופן געוואָרן דורך דער גרופּע, וואָס בעראָש פון איר שטייט כ' סטאַלין קעגן די כ"כ זינאָוויעוו און קאַמעניעוו".

דאָס הייסט, אַז כ' טראָצקי האָט אָפּן זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע „לעקציעס פון אָקטיאַבער", וועלכע האָבן אָנגעמאַכט אַ טומל, און האָט דערמיט גופע געגעבן אַן „אַמניסטיע" זינאָוויעוון און קאַמעניעוון אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער „אַמניסטיע", וואָס ער האָט באַקומען פון קאַמעניעוון און זינאָוויעוון. אַ פּאָשעט און אָפּן פּרינציפּלאָז געשעפטל.

אלזאָ, אַן אָפּזאָג פון די אפּרעל-רעזערוואַציעס און אַ קעגנ-זייטיקע „אַמניסטיע" אָפּן כעשבן פון די פּרינציפּן פון דער פּאַר-טיי,—אָט דאָס זיינען די עלעמענטן, וועלכע האָבן באַשטימט די פולשטענדיקע אויספּאָרמירונג פונם בלאָק, אַלס בלאָק קעגן דער פּארטיי.

## דער דריטער עטאַפּ.

דער דריטער עטאַפּ אין דער אנטוויקלונג פונם בלאָק— דאָס זיינען די אָפּענע ארויסטרעטונגען פון דער אָפּאָזיציע קעגן דער פּאַרטיי אין סאָף סענטיאַבר און אָנהויב אָקטיאַבר דאָס יאָר אין מאָסקווע און לענינגראַד, דאָס איז דער פּעריאָד, ווען, אָפּגערוט זיך דאָרטן, אין דאָרעם, און זיך אנגענומען מיט קרעפטן, האָבן זיך די לידערס פונם בלאָק אומגעקערט צוריק אין צענטער און זיינען אוועק אין א דירעקטע אטאקע אף דער פּאַרטיי. פּאַרן אריבערגיין פון אומלעגאַלע פּאָרמען פון קאַמף קעגן דער פּאַרטיי צו אָפּענע קאַמפּס-פּאָרמען האָבן זיי, ווייזט זיך ארויס, דאָ, אין פּאָליטביוראָ (איך בין דעמאָלט ניט געווען אין מאָסקווע) געזאָגט: „מיר וועלן אייך באַווייזן, מיר וועלן גיין אָף די אַרבעטער-פּאַר-זאַמלונגען, און זאָלן די אַרבעטער זאָגן, ווער עס איז גערעכט, מיר וועלן אייך באַווייזן". און זיי האָבן גענומען וואַנדערן פון קעמערלעך צו קעמערלעך. אָבער די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער ארויסטרעטונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן, ווי אייך איז באַוואוסט, פּאַר קלאָגעדיקע פּאַר דער אָפּאָזיציע. איר ווייסט, אַז זיי האָבן געליטן א מאַפּאָלע. פון דער פּרעסע איז באוואוסט, אַז סאַי אין לענינגראַד און סאַי אין מאָסקווע, סאַי אין די אינדוסטריעלע ראיאָ-נען פונם ראַטנפּאַרבאַנד און סאַי אין די ניט אינדוסטריעלע ראיאָנען האָט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק באַקומען אַן אנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד מיצאַד די פּאַרטיי-מאַסן. וויפל שטימען זיי האָבן באַקומען, וויפל האָבן זיך ארויסגעזאָגט פּאַרן צ. ק., וועל איך ניט איבערכאַזערן, דאָס איז באַוואוסט פון דער פּרעסע. איינס

איז קלאָר, אַז די כעשבוינעס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. פון יענעם מאָמענט הויבט זיך אָן דער קער פון דער אָפּאָזיציע אין דער ריכטונג פון א שאָלעם אין דער פּאַרטיי. די מאַפּאָלע פון דער אָפּאָזיציע איז אפּאָנים ניט אדורך אומזיסט. דאָס איז געווען דעם 4-טן אָקטיאבר, ווען די אָפּאָזיציע האָט אַרייַנגעטראָגן אין צ. ק. די מעלדונג וועגן שאָלעם און ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל, נאָך די זידלערייען און אָנ-פאַלן, דערהערט פון דער אָפּאָזיציע ווערטער, וועלכע דערמאָנען ווערטער פון פּאַרטיי-לייט: שוין צייט אויפצוהערן די „אינערלעך-פּאַרטייאישע רייסעריי" און איינשטעלן א „געמיינזאַמע ארבעט".

אַף אַזאַ אויפן איז די אָפּאָזיציע, נאָכדעם, ווי זי האָט גע-ליטן א מאַפּאלע, געווען געצוואונגען קומען דערצו, צו וואָס עס האָט זי ניט איינמאָל גערופן דער צ. ק. — צו דער פראַגע וועגן שאָלעם אין דער פּארטיי.

נאַטירלעך, אַז געטריי די דירעקטיוון פונם 14-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר וועגן דער נויטיקייט פון איינהייט, האָט דער צ. ק. גערן מאַסקים געווען מיטן פאָרשלאַג פון דער אפּאזיציע, האגאם ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָרשלאַג פון דער אפּאזיציע איז ניט גאָר קיין אויפריכטיקער.

## דער פערטער עטאַפּ.

דער פערטער עטאַפּ—דאָס איז דער פעריאָד, ווען עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די באַוואוסטע „מעלדונג" פון די לידערס פון דער אָפּאָזיציע פון 16 אָקטיאַבר דאָס יאָר. געוויינלעך קוואליפיצירט מען זי ווי קאפּיטוליאציע. איך וועל קיין שאַרפע קוואליפיקאַציע ניט געבן, אָבער עס איז קלאָר, אז דידאָזיקע מעלדונג רעדט ניט וועגן די ניצכוינעס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, נאָר וועגן זיין מאַפּאָלע. די געשיכטע פון די אונטערהאַנדלונגען קלייב איך זיך ניט צו דערציילן, כאַווערים. די אונטערהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן מיט סטענאָגראַפישן פארשרייבן און איר האָט די

מעגלעכקייט צו באַקאַנען זיך מיטן דאָזיקן איניען לויט דער סטע־נאָגראַמע. איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן בלויז אַף איין אינצידענט.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האָט פאָרגעלייגט אינם ערשטן אָפּזאַץ פון דער „מעלדונג" צו זאָגן, אַז זיי בלייבן באַ זייערע אָנשויאונגען, און בלייבן ניט פּאַשעט, נאָר „פולשטענדיק" אַף זייערע אַלטע פּאָזיציעס. מיר האָבן זיך געסטאַרעט צו איבער־ציַיגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק ניט צו באַשטיין אַף דעם. פאַר־וואָס? צוליב צוויי סיבעס. ערשטנס, ווייל, אויב אָפּזאָגנדיק זיך פון פראַקציאָנעלקייט, האָבן זיי זיך צוזאַמען דערמיט אָפּגעזאָגט פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון פראַקציעס־פרייהייט, האָבן זיך אָפּגעגרעניצט פון אָסאָווסקין, פון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" פון דער גרופּע מאַסלאָוו־אורבאַנס,—הייסט דאָס, אַז די אָפּאָזיציע, האָט זיך דערמיט גופע אָפּגעזאָגט ניט בלויז פון די פראַקציאָנעלע קאַמפּס־מעטאָדן, נאָר אויך פון געוויסע פּאָליטישע פּאָזיציעס. צי קאָן מען דען נאָך דעם זאָגן, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק פאַרבלייבט „פולשטענדיק" באַ זיינע פעלערהאַפטע אַנשויאונגען, באַ זיינע אידייאישע פּאָזיציעס? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. צווייטנס, האָבן מיר געזאָגט דער אָפּאָזיציע, אַז פאַר איר אַליין לוינט ניט צו שרייען וועגן דעם, אַז זיי, די אָפּאָזיציאָנערן, פאַרבלייבן, און נאָך „פולשטענדיק", אַף די אַלטע פּאָזיציעס, ווייל די אַרבעטער וועלן מיט פולן גרונט זאָגן: הייסט עס, אַז די אָפּאָזיציאָנערן ווילן זיך שלאָגן אויך לעהאַבע, הייסט עס, אַז מע האָט זיי וויי־ניק איינגעטיילט א כיילעק, הייסט עס, אַז מע דאַרף זיי ווייטער שלאָגן (געלעכטער; אויסגעשרייען: „ריכטיק!"). דאָך זיינען זיי מיט אונז ניט מוסקעם געוואָרן, און האָבן אָנגענומען בלויז דעם פאָרשלאַג אויסצושליסן דאָס וואָרט „פולשטענדיק", איבערלאָזנדיק די פראַזע וועגן דעם, אַז זיי פאַרבלייבן אַף די אַלטע פּאָזיציעס. זאָלן זיי איצט אויסזופּן די קאַשע, וואָס זיי האָבן מיט דעם גופע פאַרקאָכט אַף זייער קאָפּ (שטימען: „ריכטיק!").

## לענין און די פראגע וועגן א בלאָק אין דער פּאַרטיי.

כ׳ זינאָוויעוו האָט אנומלט געזאָגט, אז דער צ. ק. האָט ניט קיין גרונט צו זידלען זייער בלאָק, ווייל איליטש האָט קלוימערשט באַוויליקט ביכלאַל בלאָקן אין דער פּאַרטיי. איך מוז זאָגן, כאַווײַרים, אז כ׳ זינאָוויעווס דערקלערונג האָט ניט קיין שום שאַיכעס צו לענינס פּאָזיציע. לענין האָט קיינמאָל ניט באַגיטיקט ביכלאַל בלאָקן אין דער פּאַרטיי. לענין איז געשטאַנען בלויז פאַר פּרינציפּיעלע און רעוואלוציאָנערע בלאָקן קעגן די מענשעוויקעס, ליקווידאַטאָרן, אָפּרופלער („אָטזאָוויסטן"). לענין האָט שטענדיק געקעמפט קעגן די פּרינציפּלאזע און אנטיפּאַרטייאישע בלאָקן אין דער פּאַרטיי. וועמען איז ניט באַוואוסט, אַז לענין האָט דריי יאָר געקעמפט קעגן טראָצקיס אַווגוסט-בלאָק, אַלס קעגן אַן אַנטיפּאַרטייאישן און פּרינציפּלאָזן בלאָק, ביזן פולשטענדיקן ניצאָכן איבער אים. איליטש איז קיינמאָל ניט געשטאַנען פאַר קאָלערליי בלאָקן. איליטש איז געשטאַנען בלויז פאר אזוינע בלאָקן אין דער פּאַרטיי, וועלכע זיינען פּרינציפּיעלע, ערשטנס, און, צווייטנס, וועלכע פאַרפאָלגן דעם ציל צו פאַרפעסטיקן די פּאַרטיי קעגן די ליקווידאטארן, קעגן די מענשעוויקעס, קעגן די וואקלדיקע עלעמענטן. די געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי ווייסט פון א פּרואוו פון אַזאַ בלאָק פון די לענינצעס מיט די פּלעכאנאווצעס (דאָס איז געווען אין 1911—1912 יאָר) קעגן דעם בלאָק פון די ליקווידאטאָרן, ווען עס האָט זיך אויספאָרמירט קעגן דער פּאַרטיי דער אַווגוסט-בלאָק, וואוהין עס זיינען אריין פאטרעסאָוו און אנדערע ליקווידאטאָרן, אלעקסינסקי און אנדערע אָפּרופלער, און וואָס בעראַש פון אים איז געשטאַנען כ׳ טראָצקי. עס איז געווען איין בלאָק, אַן אַנטיפּאַרטייאישער בלאָק, דער אַווגוסט-בלאָק, א פּרינציפּלאָזער, אַן אוואנטיוריסטישער—און א צווייטער בלאָק, דער בלאָק פון די לענינצעס מיט די פּלעכאַנאָווצעס, ד. ה. מיט די רעוואָלוציאָנערע מענשעוויקעס (דעמאָלט איז פּלעכאַנאָוו געווען

א רעוואלוציאָנערער מענשעוויק). אָט אַזוינע בלאָקן האָט לענין אנערקענט, און מיר אלע אנערקענען אַזוינע בלאָקן.

אויב א בלאָק אין דער פּאַרטיי העכערט די שלאַכטפּעאיקייט פון דער פּאַרטיי און פירט זי פאָרויס, זיינען מיר פאַר אים, פאַר אזא בלאָק. נו, אין אייער בלאָק, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, צי העכערט ער, אָט דער בלאָק, די שלאַכטפּעאיקייט פון אונזער פּאַרטיי, צי איז ער, אָט דער בלאָק, א פּרינציפּיעלער? וואָסערע פּרינציפּן פאַרייניקן אייך, לאָמיר זאָגן, מיט מעדוועדיעווס גרופּע? וועלכע פּרינציפּן פאַרייניקן אייך, לאָמיר זאגן, מיט סואוואַרינס גרופּע אין פראַנקרייך, אָדער מאַסלאָווס אין דייטשלאַנד? וועלכע פּרינציפּן פאַרייניקן אייך גופּע, די „נייע אָפּאָזיציע", וועלכע האָט נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג געהאַלטן דעם טראָצקיזם פאַר א מין מענשעוויזם, מיט די טראָצקיסטן, וועלכע האָבן נאָך אָט דאָ גאָר ניט לאַנג געהאַלטן די לידערס פון דער „נייער אָפּאָזיציע" פאַר אפּאָרטוניסטן? און דאַן, צי איז דען אייער בלאָק, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, געווענדעט אין דער ריכטונג און צו גונסטן פון דער פּאַרטיי, און ניט קעגן דער פּאַרטיי? צי האט ער דען כאָטש אַף א האָר געהעכערט די שלאַכטפּעאיקייט און רעוואלוציאָנערישקייט פון אונזער פּאַרטיי? די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך איצט, אז פאר די 8 אָדער 6 כאדאָשים פון דער עקזיסטענץ פון אייער בלאָק האָט איר זיך באַמיט צו שלעפּן די פּאַרטיי אַף צוריק, צו „רעוואלוציאָנערער" פראַזע, צו פּרינציפּלאָזיקייט, איר האָט זיך געסטאַרעט צו דעזאָרגאַניזירן די פּאַרטיי און ברענגען זי צו א פּאַראליטש, צו א שפּאַלטונג. ניין, כאַווײרים, דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האָט קיין שום שאַיכעס ניט צו יענעם בלאָק, וועלכן לענין האָט געשלאָסן מיט די פּלעכאנאוועצעס אין 1912 יאָר קעגן דעם אַווגוסט-בלאָק פון די אָפּאָרטוניסטן. אדעראבע, דער איצטיקער אפּאָזיציאָנעלער בלאָק דערמאָנט אין גרונט גענומען טראָצקיס אַווגוסט-בלאָק סאַי מיט זיין פּרינציפּלאָזיקייט און סאַי מיט זיין אפּאָרטוניסטישן יעסאָד. מיטן ארגאניזירן אַזאַ בלאָק זיי-

גען די כאַווייַרים פון דער אָפּאָזיציע אַזוי אַרום אוועק פון יענער גרונט-ליניע, וועלכע לענין האָט זיך געסטאַרעט דורכצופירן. לע-נין פלעגט אונז שטענדיק זאָגן, אַז די ריכטיקסטע פּאָליטיק איז אַ פּרינציפּיעלע פּאָליטיק. די אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך צונויפגע-קלאַפּט אין איין גרופּע האָט, פאַרקערט, באַשלאָסן, אַז די ריכ-טיקסטע פּאָליטיק איז די פּרינציפּלאָזע.

דעריבער קאָן ניט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק לאַנג עק-זיסטירן, ער מוז אומפאַרמיידלעך צעפאַלן און דעזאָרגאַניזירט ווערן.

אָט דאָס זיינען די עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פונם אָפּאָ-זיציאָנעלן בלאָק.

## דער פּראָצעס פון צעפאַלונג פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

מיט וואָס כאַראַקטעריזירט זיך איצט דער צושטאַנד פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק? מע וואָלט אים געקאָנט כאַראַקטעריזירן אַלס צושטאַנד פון בעהאַדראָגעדיקן פאַנאַנדערפאַלן, אַלס צושטאַנד, ווען פונם בלאָק פאַלן ביסלעכווייז אָפּ זיינע באַשטאַנד-עלעמענטן, אַלס צושטאַנד פון צעלייגונג. נאָר אַזוי קאָן מען כאַראַקטערי-זירן דעם איצטיקן צושטאַנד פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק—און אַזוי מוז עס זיין, ווייל אַ פּרינציפּלאָזער בלאָק, אַן אָפּאָרטוניסטישער בלאָק קאָן לאַנג אין די רייען פון אונזער פּאַרטיי ניט עקזיסטירן. מיר ווייסן שוין, אַז די גרופּע מאַסלאָוו און אורבאַנס פאַלט אָפּ פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. מיר האָבן שוין נעכטן געהערט, אַז מעד-וועדיעוו און שליאַפּניקאָוו האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע באַגאַנ-גענע זינד און גייען אַוועק פונם בלאָק. עס איז כּוח דעם באַוואוסט, אַז אינעם בלאָק גופא, ד. ה. צווישן דער „נייער" אָפּאָזיציע און דער „אַלטער" אָפּאָזיציע איז אויך פאַראַן אַ שטיקל קידער-ווידער, וואָס וועט זיך מוזן אַרויסווייזן אויף דער איצטיקער קאָנפערענץ.

עס לאָזט זיך אָף אַזאַ אויפן אויס, אַז אַ בלאָק האָבן זיי געשאַפן, און געשאַפן מיט גרויס טאַראַראַם, נאָר אַ רעזולטאַט

האָט זיך באַקומען אַ הייפּעכדיקער פון דעם, וואָס זיי האָבן דער־וואַרט פונם בלאָק. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אז פון שטאַנדפּונקט פון אַריפמעטיק האָבן זיי באַדאַרפט באַקומען אַ פּלוס, ווייל אַ כיבער פון קרעפטן גיט אַ פּלוס, נאָר זיי האָבן ניט גענומען אין אַכט דאָס, וואָס כוץ אַריפמעטיק איז נאָך פאַראַן אַלגעברע, אז ניט יעטווידער כיבער פון קרעפטן גיט אַ פּלוס (געלעכטער), ווייל עס ווענדעט זיך ניט בלויז פונם צונויפלייגן די קויכעס, נאָר אויך פון דעם, וועלכע צייכנס שטייען פאַר די צונויפגעלייגטע צאָלן (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן). עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז זיי, וועלכע זיינען שטאַרק אין הילכעס אַריפמעטיק, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שוואַך אין הילכעס אַלגעברע, דערביי האָבן זיי באַם צונויפלייגן די קרעפטן גיט נאָר ניט פאַרגרעסערט זייער אַרמיי, נאָר, אדעראבעו, דערפירט זי ביזן מינימום, דערפירט זי ביז צעפאַלונג.

מיט וואָס איז געווען שטאַרק די זינאָוויעווישע גרופּע?

מיט דעם, וואָס זי האָט געפירט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די יעסוידעס פונם טראָצקיזם. וויבאַלד אָבער די זינאָוו־יעווישע גרופּע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר קאַמף מיטן טראָצ־קיזם, האָט זי זיך, אזוי צו זאָגן, קאַסטרירט, אָפּגענומען באַ זיך די קראַפט.

מיט וואָס איז געווען שטאַרק טראָצקיס גרופּע?

מיט דעם, וואָס זי האָט געפירט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די טאָעסן פון זינאָוויעוון און קאַמעניעוון אין אָקטיאבער 1917 יאָר און קעגן זייער רעצידיוו אין דער געגנוואַרט. וויבאַלד אָבער דידאָזיקע גרופּע האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם קאַמף מיטן אָפּנויג פון זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, האָט זי זיך קאַסטרירט, האָט זי באַ זיך אַוועקגענומען די קרעפטן.

האָט זיך באַקומען אַ כיבער פון קאַסטרירטע קרעפטן (גע־לעכטער; לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן). עס איז קלאָר, אַז דער־פון האָט זיך גאָרניט געקאָנט באַקומען, אַכוץ אַ קאָנפוז. עס איז

קלאָר, אַז די ערלעכסטע פון כ׳ זינאָוויעווס גרופּע האָבן נאָכדעם געמוזט אוועקגיין פון כ׳ זינאָוויעוון, פּונקט אַזוי ווי די בעסטע מענטשן פון די טראָצקיסטן האָבן געמוזט פאַרלאָזן טראָצקין.

## אַף וואָס רעכנט אויס דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק.

וואָסערע זיינען די פּערספּעקטיוון פון דער אָפּאָזיציע? אַף וואָס רעכענען זיי אויס? איך מיין, אַז זיי רעכענען אויס אַף דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע אין לאַנד און אין דער פּאַרטיי. איצט וויקלען זיי צונויף זייער פּראַקציאָנעלע אַרבעט, ווייל די ציַיטן זיינען איצט „שווערע" פאַר זיי. אָבער אויב זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פון זייערע פּרינציפּיעלע אַנשויאונגען, אויב זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אַף זייערע אַלטע פּאָזיציעס, איז דערפון געדרונגען, אַז זיי וועלן אויסוואַרטן, וואַרטן אַף „בעסערע צייטן", ווען, אָנקלייבנדיק קרעפטן, וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט איבעראנייס אַרויסצוטרעטן קעגן דער פּאַרטיי. דערין קאָן קיין שום סאָפעק ניט זיין. אָט דאָ ניט לאַנג האָט איינער פון די אָפּאָזיציאָנערן, וואָס איז ניט לאַנג אַריבער אַף דער זייט פון דער פּאַרטיי, דער אַרבעטער אַנדרעיעוו, מיטגעטיילט וועגן די פּלענער פון דער אָפּאָזיציע אַ מערקווירדיקע זאַך, וועלכע מע דאַרף, לויט מיין מיינונג, פאַרצייכענען אַף דער קאָנפערענץ. אָט וואָס עס האָט וועגן דעם דערציילט כ׳ יאַראָסלאַווסקי אין זיין פּאָרטראַג אַפן אָקטיאַבער-פּלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק.

> „אַנדרעיעוו, וואָס האָט אין מעשעך פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט געפירט אַן אַרבעט אין דער אָפּאָזיציע, איז סאָפקאָלסאָף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער קאָן מער ניט אַרבעטן מיט זיי. אים האָט דערצו געבראַכט הויפּטזאַכלעך דער אומשטאַנד, וואָס ער האָט דערהערט פון דער אָפּאָזיציע צוויי זאַכן: די ערשטע איז דאָס, אַז די אָפּאָזיציע האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער „רעאַקציאָנערער" שטימונג פונם אַרבעטער-קלאַס, און די צווייטע איז דאָס, וואָס די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך

אַרויסגעוויזן ניט פֿאַר אַזאַ שלעכטע, ווי זיי האָבן געטראַכט״.

איך מיין, אז כ׳ אנדרעיעוו, דער געוועזענער אָפּאָזיציאָנער און איצט פּאַרטייער, האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס איז באַ דער אָפּאָזיציע אַפֿן הארצן און וואָס זי וועט זיך ניט באַשליסן צו זאָגן אָפֿן. זיי פֿילן אַפֿאַנים, אז די עקאָנאָמישע לאַגע איז איצט בעסער, איידער זיי האָבן מעשאַער געווען, און די שטימונג פֿון די ארבעטער איז ניט אזא שלעכטע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט, ד. ה. „רעאַקציאָנער״. דערפֿון נעמט זיך די פּאָליטיק פֿון צונויפֿ־וויקלען די „אַרבעט״. ס׳איז קלאָר, אז אויב נאָכדעם וועט זיך אַביסל פֿאַרשאַרפֿן די עקאָנאָמישע לאַגע, — וואָס אין דעם זיינען די אָפּאָזיציאָנערן איבערצייגט, — און אין צוזאמענהאנג דערמיט וועט זיך פֿאַרערגערן די שטימונג פֿון די ארבעטער, — וואָס אין דעם זיינען זיי אויך איבערצייגט, — וועלן זיי טייקעף פֿאַנאַנדערוויקלען די „אַרבעט״, פֿאַנאַנדערוויקלען זייערע אידייאישע פּאָזיציעס, וואָס פֿון זיי האָבן זיי זיך ניט אָפּגעזאָגט, און וועלן אוועק אין אַן אָפֿענעם קאַמף מיט דער פּאַרטיי.

אָט דאָס זיינען, כאווייריִם, די פּערספּעקטיוון פֿונם אָפּאָזי־ציאָנעלן בלאָק, וועלכער ווערט צעפֿאַלן, נאָר איז נאָך ניט צע־פֿאַלן געוואָרן און וועט עפּשער ניט צעפֿאַלן ווערן גיך אָן אַן אַנטשלאָסענעם און אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף מיצאַד דער פּאַרטיי.

אָבער וויבאַלד זיי גרייטן זיך צום קאַמף און וואַרטן אַף „בעסערע צייטן״, קעדיי צו באַנייען דעם אָפֿענעם קאַמף מיט דער פּאַרטיי, טאָר אויך די פּאַרטיי ניט שלאָפֿן. פֿון דאנען נעמען זיך די אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטיי: פֿירן אַן אַנטשלאָסענעם אידיי־אישן קאַמף קעגן די פֿעלערהאַפֿטע אידייאישע פּאָזיציעס פֿון דער אָפּאָזיציע, וואָס אַף זייער יעסאָד פֿאַרבלייבן זיי, דעמאַסקירן דעם אָפּאָרטוניסטישן מעהוס פֿון דיזאָזיקע אידייען, מיט וואָסערע רע־וואָלוציאָנערע פֿראַזן זיי זאָלן זיך ניט פֿאַרדעקן, און פֿירן די זאַך דערצו, אז די אָפּאָזיציע זאָל זיין געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פֿון אירע טאָעסן אויס מוירע אינגאַנצן צעקלאַפּט צו ווערן.

II

# דער גרונט-פּעלער פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

איך גיי איבער, כאַווײרים, צו דער צווייטער פּראַגע — וועגן דעם גרונט-פּעלער פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אין דער גרונט-פּראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

די גרונט-פּראַגע, וועלכע טיילט אָפּ די פּאַרטיי פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, דאָס איז די פּראַגע וועגן דעם, צי איז מעגלעך דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, אָדער, וואָס דאָס איז דאָסזעלבע, אַוועלכער איז דער כאַראַקטער און אַוועלכע זיינען די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע פּראַגע, כאַווײרים, איז ניט קיין נייע, זי איז, אַגעוו, מער אָדער ווייניקער גענוי באַהאַנדלט געוואָרן אָף דער אַפּרעל-קאָנפערענץ פונם 1925-טן יאָר, אָף דער 14-טער קאָנפערענץ. איצט, אין די נייע אומשטענדן, איז זי באַנייס אַרויפגעשוואומען, און אונז קומט אויס דירעקט זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פּראַגע. דערביי איז אַזוי ווי אָף דער לעצטער פּאַ-רייניקטער זיצונג פון די פּלענומס פון צ. ק. און צ. ק. ק. האָבן די כאַווײרים טראָצקי און קאַמענעוו געוואָרפן אַ באַשולדיקונג אין דעם, אַז אין די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק זיינען ניט ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן זייערע אַנשויאונגען, בין איך געצוואונגען צו ברענגען אין מיין פּאָרטראַג אַ ריי דאָקומענטן און ציטאַטן, וועלכע באַשטעטיקן די גרונט-האַנאָכעס פון די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. איך אַנטשולדיק זיך, כאַווײרים, אָפריער, אָבער איך בין געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען.

פאַר אונז שטייען דריי פּראַגן:

1) צי איז מעגלעך דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין אונ-

זער לאַנד, ווען מיר ווען דיסקאַנטירן דעם אומשטאַנד, אז אונזער לאַנד איז דערוויל דאָס איינציקע לאַנד פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, אז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער האָט נאָך ניט געזיגט, אז דער טעמפּ פון דער וועלט־רעוואָלוציע האָט זיך פאַרלאַנגזאַמט?

2) אויב ער, דערדאָזיקער זיג, איז מעגלעך, צי קאָן מען אָנרופן אַזאַ ניצאָכן א פולן זיג, אַן ענדגילטיקן זיג?

3) אויב מע קאָן אַזאַ ניצאָכן ניט אָנרופן ענדגילטיקער, איז וועלכע באַדינגונגען זיינען נויטיק צוליב דעם, אַז דערדאָזיקער ניצאָכן זאָל ווערן אַן ענדגילטיקער?

דאָס זיינען די דריי פראַגן, וועלכע פאַרייניקן זיך אין דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, ד. ה. אין אונזער לאַנד.

## פארלויפיקע באמערקונגען.

ווי אַזוי פלעגן די מאַרקסיסטן לייזן דידאָזיקע פראגע פריער, לאָמיר זאָגן, אין די 40־ער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, אין די 50—60־ער יאָרן, ביכלאַל, אין דעם פעריאָד, ווען קיין מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט געווען, ווען דער געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט אַנטדעקט געוואָרן און ניט געקאָנט אַנטדעקט ווערן, ווען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז די פראַגע וועגן דעם זיג פונם סאָציאַליזם אין באַזונדערע לענדער נאָך ניט געשטעלט געוואָרן אין דער פלאַך, אין וועלכער זי איז געשטעלט געוואָרן שפּעטער?

מיר אַלע, מאַרקסיסטן, אָנגעהויבן פון מאַרקסן און ענגעלסן, האָבן זיך געהאַלטן בא דער מיינונג, אז דער זיג פונם סאָציאַליזם אין איין באַזונדער גענומען לאַנד איז ניט מעגלעך, אַז כדי דער סאָציאַליזם זאָל זיגן, איז נויטיק א גלייכצייטיקע רעוואָלוציע אין א ריי לענדער, אין א ריי לעכאַלאפּאָכעס מער אַנט־

וויקלטע, ציוויליזירטע לענדער. און דאָס איז געווען ריכטיק דעמאָלט. פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דידאָזיקע אנשויאונגען וואָלט איך אייך געוואָלט ברענגען איין כאַראַקטעריסטישע ציטאַטע פון ענגעלסעס עסקיז „די פרינציפּן פון קאָמוניזם“, וועלכער שטעלט די פראַגע אין דער סאַמע שאַרפער פאָרם. דערדאָזיקער עסקיז האָט דערנאָך געדינט אלס גרונט פאַרן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. ער איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1847 יאָר. אָט וואָס ענגעלס זאָגט אין דעמדאָזיקן עסקיז, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק.

„צי קאָן דידאָזיקע רעוואָלוציע (ד. ה. די רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט. — י. סט.) פאָרקומען אין א וואָסער ניט איז איין לאַנד?

דער ענטפער: ניין. די גרויסע אינדוסטריע האָט שוין דערמיט, וואָס זי האָט באַשאַפן דעם וועלט-מאַרק, אזוי פאַרבונדן צווישן זיך אלע פעלקער פונם ערד-קוגל, באַזונדערס די ציוויליזירטע פעלקער, אז יעדעס פון זיי הענגט אָפּ דערפון, וואָס עס קומט פאָר באַם צווייטן. ווייטער האָט די גרויסע אינדוסטריע אזוי אויסגעגליכט די געזעלשאַפטלעכע אנטוויקלונג אין אלע ציוויליזירטע לענדער, אז אומעטום זיינען די בורזשואזיע און דער פּראָלעטאַריאַט געוואָרן צוויי באַשליסנדיקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, און דער קאַמף צווישן זיי איז דער הויפּט-קאַמף פון אונזער צייט. דעריבער וועט די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע זיין ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע, נאָר זי וועט פאָרקומען גלייכצייטיק אין אלע ציוויליזירטע לענדער, ד. ה. ווייניקסטנס אין ענגלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד*). אין יעדן פון דידאָזיקע לענדער וועט זי זיך אַנטוויקלען שנעלער אָדער לאַנגזאַמער, אָפּהענגיק דערפון, אין וועלכן פון דידאָזיקע לענדער איז מער אנטוויקלט די אינדוסט-

*) אונטערגעשטראָכן פון מיר. — י. סט.

ריע, מער אָנגעזאַמלט רייכטימער און מאַראַן א מער באַדייטנ־דיקע צאָל פּראָדוקטיווע קרעפטן. דעריבער וועט זי זיך פאַר־ווירקלעכן לאַנגזאַמער און שווערער פון אַלץ אין דייטשלאַנד, שנעלער און לייכטער פון אַלץ אין ענגלאַנד. זי וועט אויך האָבן א באַדייטנדיקע ווירקונג אױף די באַוונדערע לענדער פון דער וועלט און וועט אינגאַנצן ענדערן און אויסערגעוויינלעך פאַרשנעלערן זייער פריערדיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג. זי איז אַן אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע און וועט דעריבער האָבן אַן אַל־וועלטלעכע אַרענע" (פ. ענגעלס, „די פּרינציפּן פון קאָמוניזם", מעלוכע־פאַרלאַג, 1923 יאָר, זייט 317).

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די פערציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, ווען קיין מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט געווען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָ איז אַפילע ניט דערמאָנט רוסלאַנד. רוסלאַנד פעלט ביכלאַל. און דאָס איז פולקום פאַרשטענדלעך, ווייל רוסלאַנד מיט איר רעוואָלו־ציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, רוסלאַנד אלס רעוואָלוציאָנערע קראַפט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין.

צי איז ריכטיק געווען דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דערדאָזיקער ציטאַטע, אין די באַדינגונגען פונם פאַרמאָנאָ־פּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, צי איז דאָס ריכטיק געווען אין דעם פּע־ריאָד, ווען ענגעלס האָט וועגן דעם געשריבן? יאָ, ריכטיק.

צי איז ריכטיק דיזאָזיקע האַנאָכע איצט, אין די באַדינגונגען פונם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל און פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע? ניין, שוין ניט ריכטיק.

אינם אַלטן פּעריאָד, אינם פּעריאָד פונם פאַרמאָנאָפּאָליס־טישן קאַפּיטאַליזם, אינם פאַראימפּעריאַליסטישן פּעריאָד, ווען דער ערד־קיילעך איז נאָך ניט איינגעטיילט געווען צווישן די פינאַנ־ציעלע גרופּן, ווען די איבערפאַרטיילונג מיט געוואַלט פונם שוין צעטיילטן איז נאָך ניט געווען קיין פראַגע פון לעבן און טויט

פאַרן קאַפּיטאַליזם, ווען די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָ-
מישער אַנטוויקלונג איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין
אַזאַ שאַרפע, ווי זי איז געוואָרן דערנאָך, ווען די ווידערשפּרוכן
פונם קאַפּיטאַליזם זיינען נאָך ניט דערפירט געוואָרן ביז דער
אַנטוויקלונגס-שטופע, ווען זיי פאַרוואַנדלען דעם בליענדיקן קאַ-
פּיטאַליזם אין א שטאַרבנדיקן קאַפּיטאַליזם, עפענענדיק די מעג-
לעכקייט פון זיג פונם סאָציאַליזם אין באַזונדערע לענדער, — אין
יענעם אַלטן פעריאָד איז ענגעלסעס פאָרמול געווען אָן ספעק
אַ ריכטיקע. אינם נייעם פעריאָד, אינם פעריאָד פון דער אַנט-
וויקלונג פונם אימפּעריאַליזם, ווען די ניטגלייכמעסיקייט פון דער
אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין א באַשליסנדיקע קראַפט פון אימפּעריאַליסטישער
אַנטוויקלונג, ווען די אומפאַרמיידלעכע קאָנפליקטן און מילכאָמעס
צווישן די אימפּעריאַליסטן שוואַכן אָפּ דעם פראָנט פונם אימפּע-
ריאַליזם און מאַכן מעגלעך דורכצורייסן אים אין באַזונדערע לענ-
דער, ווען דער אַנטדעקטער פון כ׳ לענין געזעץ וועגן דער ניט-
גלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן
אינם אויסגאַנגס-פונקט פון דער טעאָריע וועגן דעם זיג פון סאָ-
ציאַליזם אין באַזונדערע לענדער, — אין דידאָזיקע באַדינגונגען
ווערט שוין ענגעלסעס אַלטע פאָרמול ניט קיין ריכטיקע, און די-
דאָזיקע באַדינגונגען דאַרף זי אומפאַרמיידלעך פאַרביטן ווערן אויף
אַן אַנדער פאָרמול, וועלכע רעדט וועגן דער מעגלעכקייט פונם
זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

לענינס גרויסקייט אַלס פאָרזעצער פון מאַרקסן און ענגעלסן
באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין
קנעכט פון אַן אָס אין מאַרקסיזם. אין זיינע אויספאָרשונגען האָט
ער געפאָלגט דער אָנווייזונג פון מאַרקסן, וועלכער האָט ניט
איינמאָל געזאָגט, אַז מאַרקסיזם איז ניט קיין דאָגמע, נאָר א גע-
צייג אויף אָנפירן מיטן טאַט. לענין האָט דאָס געוואוסט און,
שטרענג אונטערשיידנדיק צווישן דעם אָס און דעם טאָך פון מאַר-

קסיזם, האָט ער קיינמאָל ניט געהאַלטן דעם מאַרקסיזם פאַר אַ דאָגמע, נאָר זיך געסטאַרעט אָנצואווענדן דעם מאַרקסיזם אלס גרונט-מעטאָד אין די נייע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג. דערין טאַקע באַשטייט לענינס גרויסקייט, וואָס ער האָט אָפּן און אָרנטלעך, אָן וואקלונגען, אוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער נויטיקייט פון אַ נייער פאָרמול און וועגן דער מעגלעכ-קייט פונם זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע אין באַזונ-דערע לענדער, ניט מוירע האָבנדיק, אַז די אָפּאָרטוניסטן פון אלע לענדער וועלן זיך קלאַמערן אָן דער אַלטער פאָרמול און וועלן סטאַרען זיך צו פאַרדעקן מיטן נאָמען פון מאַרקס און ענגעלס זייער אָפּאָרטוניסטישע זאַך.

פון דער צווייטער זייט, וואָלט געווען מאָדנע צו פאָדערן פון מאַרקסן און ענגעלסן, וואָס פאַר געניאַלע דענקער זיי זאָלן ניט געווען זיין, אַז זיי זאָלן פאָרויסזעען פינקטלעך פאַר 50—60 יאָר ביז דער אנטוויקלונג פונם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אלע מעגלעכקייטן פון קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אינם פעריאָד פון מאָנאָפּאָליסטישן, אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם..

און דאָס איז ניט דער ערשטער פאַל, ווען, ארויסגייענדיק פון מאַרקס מעטאָד, זעצט לענין פאָר די זאַך פון מאַרקסן און ענגעלסן, ניט קלאַמערנדיק זיך אָן דעם אָס פונם מאַרקסיזם. איך מיין אַ צווייטן אַנאַלאָגישן פאַל, דעהאַינע—דעם פאַל מיט דער פראַגע וועגן דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאַריאַט. עס איז באַ-וואוסט, אַז וועגן דערדאָזיקער פראַגע האָט מאַרקס ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אלס דאָס צעברעכן דעם אַלטן מעלוכישן אַפּאַראַט און די שאַפונג פון אַ נייעם אַפּאַראַט, פון דער נייער פּראָלעטאַרישער מעלוכע, איז אַ נויטוועגדיקער עטאַפּ פון אנטוויקלונג צום סאָציאַליזם אין די לענדער פונם קאָנטינענט, דערלאָזנדיק אָן אויסנאַם פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע, וואו דער מיליטאַריזם און דער ביוראָקראַטיזם

זיינען, לויט מארקס דערקלערונג, שוואַך אַנטוויקלט אָדער אינגאַנצן ניט אַנטוויקלט און וואו עס איז דעריבער מעגלעך אַ צווייטער וועג, א „פרידלעכער" וועג פון איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיק אין די 70-ער יאָרן.

(ריאזאַנאָוו: אויך דאַן איז דאָס ניט געווען ריכטיק).

סטאַלין. איך דענק, אז אין די 70-ער יאָרן, ווען דער מיליטאַריזם אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע איז ניט געווען אזוי אנטוויקלט, ווי ער האָט זיך אנטוויקלט שפּעטער, — איז דידאָזיקע האַנאָכע געווען פולקום ריכטיק. וועגן דעם, אז דידאָזיקע האַנאָכע איז געווען ריכטיק, וואָלט איר זיך געקאָנט איבערצייגן לויט דעם באוואוסטן קאַפּיטל פון דער בראָשור פון כ' לענין „וועגן גערשטייער", וואו לענין האַלט, אַז ס'איז געווען ניט אויסגעשלאָסן די אנטוויקלונג פון סאָציאַליזם אין ענגלאַנד אין די 70-ער יאָרן אף אן אויפן פון אַן אויסגלייך צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואזיע, — אין א לאנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאַר די מערהייט, וואו די בורזשואַזיע איז געוואוינט צו גיין אף קאָמפּראָמיסן, וואו דער מיליטאַריזם איז געווען שוואַך, די ביוראָקראַטיע איז געווען א שוואַכע. אָבער זייענדיק ריכטיק אין די 70-ער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, איז דידאָזיקע האַנאָכע שוין געוואָרן ניט ריכטיק נאָכן 19-טן יאָרהונדערט, אינם פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם, ווען ענגלאַנד איז געוואָרן ניט ווייניקער ביוראָקראַטיש און ניט ווייניקער, אויב ניט מער מיליטאַריסטיש, ווי יעדער אנדער לאַנד פונם קאָנטינענט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זאָגט דער כ' לענין אין זיין בראָשור „מעלוכע און רעוואָלוציע", אז „מאַרקס באַגרעניצונג מיקויעך דעם קאָנטינענט פאַלט אָפּ" איצט, ווייל עס זיינען אָנגעקומען נייע באַדינגונגען, וועלכע מאַכן איבעריק דעם אויסנאַם, וואָס איז דערלאָזט געוואָרן פאַר ענגלאַנד.

אין דעם טאָקע באַשטייט לענינס גרויסקייט, וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן אין געפענגעניש דעם אָס, וואס ער האָט גע-

קאָנט כאַפּן דעם טאָך פון מאַרקסיזם, און, אַרויסגייענדיק פון אים, אנטוויקלען ווייטער די האַנאָכעס פון מאַרקסן און ענגעלסן.

אָט ווי אַזוי עס האָט געהאַלטן, כאַווײרים, מיט דער פראַגע וועגן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין באַזונדערע לענדער אין דעם פּאַראימפּעריאַליסטישן פּעריאָד, אינם פּעריאָד פונם פּאַראימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם.

## לעניניזם און טראָצקיזם.

פון די מאַרקסיסטן איז לענין געווען דער ע ר ש ט ע ר, וועלכער האָטווירקלעך מאַרקסיסטיש אנאַליזירט דעם אימפּעריאַליזם אלס נייע, לעצטע פּאַזע פונם קאַפּיטאַליזם, האָט אָף א נייעם אויפן אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פונם סאָציאַליזם אין ב אַ ז ו נ ד ע ר ע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און האָט זי געלייזט פּ אָ ז י ט י װ. איך מיין דאָ לענינס בראָשור „דער אימפּעריאַליזם“. איך מיין דאָ לענינס אַרטיקל וועגן דעם לאָזונג—„פאַרייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע“, וואָס איז דערשינען אין 1915 יאָר. איך מיין דאָ די פּאָלעמיק צווישן טראָצקין און לענינען וועגן דעם לאָזונג פאַרייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע אָדער פון דער גאַנצער וועלט, ווען לענין האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעשטעלט דעם טעזיס וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

אָט וואָס לענין האָט דאַן געשריבן אין יענעם אַרטיקל:

„אלס זעלבשטענדיקער וואָלט אָבער דער לאָזונג „פאַרייניקטע שטאַטן פון דער וועלט“ קוים געווען ריכטיק, ערשטנס, דערפאַר, ווייל ער גיסט זיך צונויף מיט סאָציאַליזם; צווייטנס, דערפאַר, ווייל ער וואָלט געקאָנט אַרויסרופן א ניט-ריכטיקע אויסטייטשונג וועגן דער אומעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד און וועגן דער באַציאונג פון אזא לאַנד צו די איבעריקע. די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַן אומבאַדינגטער

געזעץ פונם קאַפּיטאַליזם. דערפון איז געדרונגען, אַז עס איז מעגלעך דער זיג פונם סאָציאַליזם טכילעס אין עטלעכע אָדער אַפילע אין איין באַזונדער גענומען קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. נאָך דעם, ווי דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט פון דעמדאָזיקן לאַנד וועט עקספּראָפּריאירט די קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירט בא זיך די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, וועט ער זיך געשטעלט קעגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַנדערע לענדער, אויפהויבנדיק אין זיי אויפשטאַנדן קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אַרויסטרעטנדיק אין א נויטפאַל אַפילע מיט באַוואָפנטער קראַפט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און זייערע מעלוכעס"..., ווייל „ס'איז ניט מעגלעך קיין פרייע פאַראייניקונג פון נאַציעס אין סאָציאַליזם אָן א מער אָדער ווייניקער לאַנגן, האַרטן קאַמף פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן מיט די אָפּגעשטאַנענע מעלוכעס" (לענין, באַנד 13, זייט 133).

אזוי האָט לענין געשריבן אין 1915.

וואָס איז דאָס פאַר א געזעץ פון ניטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, וואָס זיין ווירקונג פירט אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם צו דער מעגלעכקייט פונם ניצחון פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד?

ריידנדיק וועגן דעמדאָזיקן געזעץ, איז לענין אַרויסגעגאַנגען דערפון, אַז דער אַלטער, דער פרײַקאָנקורענץ... פאַרמאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם איז שוין איבערגעוואַקסן אין אימפּעריאַליזם; אַז די וועלט-ווירטשאַפט אַנטוויקלט זיך אין באַדינגונגען פון ווילדן קאַמף פון די ווייכטיקסטע אימפּעריאַליסטישע גרופּעס פאַר טעריטאָריעס, פאַר מערק, פאַר רוי-וואַרג א.א.וו.; אַז די צעטיילונג פון דער וועלט אויף ווירקונג-ספערן פון די אימפּעריאַליסטישע גרופּן איז שוין פאַרענדיקט; אַז די אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גייט ניט דורך גלייכמעסיק, ניט אזוי, אַז איינס זאָל גיין נאָכן צווייטן, אָדער מיטן צווייטן, נאָר שפּרונג-

אַרטיק, דורך אָפּשטויסן איינע לענדער, וועלכע זיינען אוועקגעגאַנגען פריער פאָרויס, און ארויסרוקן נייע לענדער אַפן פאָדערגרונט; אַז אזא אנטוויקלונגס-אויפן פון די קאפיטאליסטישע לענדער רופט אומפאַרמיידלעך ארויס קאָנפליקטן און מילכאָמעס צווישן די קאפיטאליסטישע מעלוכעס פאַר דער נייער איבערפארטיילונג פון דער שוין צעטיילטער וועלט; אַז דידאָזיקע קאָנפליקטן און מילכאָמעס פירן צו דער אָפּשוואַכונג פונם אימפעריאליזם; אַז דער וועלט-פראָנט פונם אימפעריאליזם קאָן ווערן אָפּגעשוואַכט אַף דורכגעריסן צו ווערן אין די אָדער יענע לענדער; אז צוליב דעם ווערט מעגלעך דער זיג פון סאָציאליזם אין באַזונדערע לענדער.

עס איז באַוואוסט, אז נאָך גאָר ניט לאנג איז ענגלאנד געגאַנגען פאָרויס פאַר אלע אַנדערע אימפעריאליסטישע מעלוכעס. עס איז אויך באַוואוסט, אַז לעצטנס האָט דייטשלאנד אָנגעהויבן אריבערצויאָגן ענגלאַנד, פאָדערנדיק פאַר זיך אַן אָרט „אונטער דער זון“ אַפן כעשבן פון אנדערע מעלוכעס און קוידעמקאָל אַפן כעשבן פון ענגלאנד. עס איז באַוואוסט, אז די אימפעריאליסטישע מילכאָמע (פון די יאָרן 1914—1918) איז אנטשטאנען טאקע אין צוזאמענהאנג מיט דעמדאָזיקן אומשטאַנד. איצט, נאָך דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע, איז אמעריקע פאַרלאָפן ווייט פאָרויס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך סײַ ענגלאַנד, סײַ די איבעריקע אייראָפּעאישע מעלוכעס. אָסער אויב מע קאָן צווייפלען, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד טראָגט אין זיך נייע גרויסע קאָנפליקטן און מילכאָמעס.

דאָס, וואָס דער אימפעריאַליסטישער פראָנט איז דורכגעריסן געוואָרן אין צוזאַמענהאנג מיטן אימפעריאליסטישן קריג אין רוסלאַנד, דאָס רעדט וועגן דעם, אז אין די איצטיקע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאליזם וועט די קייט פונם אימפעריאַליסטישן פראָנט זיך דורכרייסן ניט אומבאַדינגט אין יענעם לאַנד, וואו די אינדוסטריע איז מער פון אַלץ אַנטוויקלט,

נאָר דאָרט, וואו דידאָזיקע קייט איז שוואַכער, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַן ערנסטן פאַרבינדעטן, לעמאָשל, דאָס פויערטום, קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט, ווי דאָס איז געווען אין רוסלאַנד. עס איז פולקום מעגלעך, אַז אין דער צוקונפט וועט די קייט פונם אימפּעריאַליסטישן פראָנט זיך דורכרייסן אין איינעם פון אַזעלכע לענדער, ווי, לאָמיר זאָגן, אינדיע, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַן ערנסטן פאַרבינדעטן אין געשטאַלט פון אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונגס-באַוועגונג.

ריידנדיק וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, האָט לענין פּאָלעמיזירט, ווי באַוואוסט, קוידעםקאָל מיטן כ׳ טראָצקי, ווי אויך מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

ווי אַזוי האָט רעאַגירט דער כ׳ טראָצקי אף לענינס אַרטיקל און אַף לענינס טעזיס וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד?

אָט וואָס עס האָט דאַן געשריבן טראָצקי (אין 1915 יאָר) אַלס ענטפער אַף לענינס אַרטיקל:

„דער איינציקער וויפל ניט איז קאָנקרעטער היסטאָרישער מאַטיוו,—זאָגט דער כ׳ טראָצקי,—קעגן דעם לאָזונג פאַרייניקטע שטאַטן איז פאָרמולירט געוואָרן אינם שווייצאַרישן „סאָציאַל-דעמאָקראַט״ (דעמאָלטיקער צענטראַל-אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס, וואו עס איז אויך אָפּגעדרוקט געווען דער אויבן דערמאָנטער אַרטיקל לענינס. י. כט.) אין פאָלגנדיקער פראַזע: „די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַן אומבאַדינגטער געזעץ פונם קאַפּיטאַליזם״. דערפון האָט דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט״ געמאַכט דעם אויספיר, אַז עס איז מעגלעך דער ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד און אַז דעריבער דאַרף מען ניט אַלס באַדינג פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין יעדער באַזונדערער מעלוכע האַלטן די באַשאַפונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע. אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון

פאַרשיידענע לענדער איז ניטגלייכמעסיק, דאָס איז אַן אַבסאָלוט אומבאשטרייטבאַרע באטראַכטונג. אָבער דידאָזיקע ניטגלייכמעסיקייט גופא איז זייער ניטגלייכמעסיק, דער קאַפּיטאליסטישער ניוואָ פון ענגלאנד, עסטרייך, דייטשלאנד אָדער פראַנקרייך איז ניט גלייך. אָבער אין פאַרגלייך מיט אפריקע און אזיע שטעלן דידאָזיקע אלע לענדער פאָר מיט זיך די קאַפּיטאליסטישע „אייראָפּע“, וועלכע איז רייף געוואָרן פאַר א סאָציאַלער רעוואָלוציע. אז קיין איין לאנד דארף ניט „אויסוואַרטן“ אף אנדערע אין זיין קאַמף, דאָס איז אַן עלעמענטאַרער געדאַנק, וועלכן עס איז נוצלעך און נויטיק צו איבערכאַזערן, כּדי די אידייע פון פּאַראַלעלן אינטערנאַציאָנאַלן טאַט זאָל ניט פאַרביטן ווערן דורך דער אידייע פון אויסוואַרטערישער אינטערנאַציאָנאַלער טאַטלאָזיקייט. ניט וואַרטנדיק אַף אנדערע, הויבן מיר אָן און זעצן פאָר דעם קאַמף אַף א נאַציאָנאַלן באָדן און אין דער פולער זיכערקייט, אַז אונזער איניציאַטיוו וועט געבן א שטויס צום קאַמף אין אנדערע לענדער; און ווען דאָס זאָל ניט פאָרקומען, איז האָפענונגסלאָז צו דענקען,—אזוי זאָגן איידעס סאַי די דערפאַרונג פון דער געשיכטע, סאַי די טעאָרעטישע האַשאָרעס,—אז, לעמאָשל, דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד זאָל קאָנען איינשטיין פאַר דער קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע, צי דאָס סאָציאליסטישע דייטשלאַנד וואָלט געקאָנט בלייבן איזאָלירט אין דער קאַפּיטאליסטישער וועלט“ (זע באנד 3 פון כ׳ טראָצקיס ווערק, ערשטער טייל, זייט 89—90. *).

אזוי האָט דער כ׳ טראָצקי געשריבן אין 1915 יאָר אינם פּאריזער זשורנאל „נאשע סלאווא“, דערביי איז דערדאָזיקער ארטיקל איבערגעדרוקט געוואָרן אין רוסלאנד שפּעטער אין דער זאַמלונג פונם כ׳ טראָצקיס ארטיקלען אונטערן נאָמען „די שאַ-

*) מיין קורסיוו. י. קמ.

לעם-פּראָגראַם", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום ערשטן מאָל אין אווגוסט פון 1917 יאָר.

איר זעט, אז אין דידאָזיקע צוויי ציטאַטעס פון לענין און טראָצקי ווערן געשטעלט איינער קעגן דעם אַנדערן צוויי אבסאָ-לוט פאַרשיידענע טעזיסן. אין דער צייט, ווען לענין רעכנט, אַז דער ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז מעגלעך, אז פאַרכאַפנדיק די מאַכט, קאָן דער פּראָלעטאַריאַט ניט נאָר זי איינ-האַלטן, נאָר ער קאָן גיין נאָך ווייטער, עקספּראָפּריאירנדיק די קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירנדיק א סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, קעדיי צו געבן א טעטיקע שטיצע די פּראָלעטאַריער פון די קאַ-פּיטאַליסטישע לענדער, האַלט דער כ׳ טראָצקי, פאַרקערט, אז אויב די זיגרייכע רעוואָלוציע אין איין לאַנד וועט ניט אַרויסרופן אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט דעם ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער, וועט דער פּראָלעטאַריאַט פונם זיגרייכן לאַנד ניט קאָנען אפילע איינהאַלטן די מאַכט (אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז ער וועט ניט קאָנען אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט), ווייל, זאָגט כ׳ טראָצקי, עס איז האָפענונגסלאָז צו טראַכטן, אז די רעוואָלוציאָנערע מאַכט אין רוסלאַנד זאָל קאָנען איינשטיין פאַר דער קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע.

דאָס זיינען צוויי אַבסאָלוט פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן, צוויי אבסאָלוט פאַרשיידענע אָריענטאַציעס. בא לענינען שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט גענומען די מאַכט, פאָר די אקטיווסטע און איניציאַטיווסטע קראַפט, וועלכע אָרגאַניזירט די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט און גייט ווייטער אָף שטיצן די פּראָ-לעטאַריער פון אַנדערע לענדער. בא טראָצקין, פאַרקערט, ווערט דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער נעמט די מאַכט אין די הענט, פאַרוואַנדלט אין אַ האַלב-פּאַסיווע קראַפט, וואָס פאָדערט באַל-דיקע הילף אין דער פאָרם פון אַ באַלדיקן זיג פון סאָציאַליזם אין אַנדערע לענדער און פילט זיך ווי אָף אַ ביוואַק אונטערן שרעק פון באַלדיקן פאַרלירן די מאַכט. נו, און אַז עס וועט ניט

צוקומען דער באַלדיקער ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער, ווי אַזוי דאַן? דאַן וועל צונויף די אַרבעט (אַ שטים פונם אָרט: „און מאַך אַ וואַיווראַך”). יאָ, און מאכן א וואַיווראַך. דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיק (געלעכטער).

מע וועט עפשער זאָגן, אז דידאָזיקע כלוקעדייעס צווישן לענינען און טראָצקין זיינען אַ געביט פון פאַרגאַנגענהייט, אז דערנאָך האָבן דידאָזיקע כלוקעדייעס אין גאַנג פון דער אַרבעט געקאָנט דערגיין צו אַ מינימום אָדער אפילע אינגאַנצן אָפּגעווישט ווערן. יאָ, עס האָט געקאָנט דערגיין ביז אַ מינימום און אפילע אָפּגעווישט ווערן. אָבער צום באַדויערן איז ניט פאָרגעקומען ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע. פארקערט, דידאָזיקע כלוקעדייעס זיינען פארבליבן אין זייער פולער קראַפט ביזן סאמע טויט פונם כ׳ לענין. זיי עקזיסטירן אויך איצט, ווי איר זעט אַליין. פאַרקערט, איך באהויפּט, אַז דידאָזיקע כלוקעדייעס צווישן לענינען און טראָצקין און די פּאָלעמיק אף דעמדאָזיקן באָדן זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן די גאנצע צייט, דעריבער פלעגן די אַנטשפּרעכנדיקע אַרטיקלען פון לענינען און טראָצקין זיך באווייזן איינס נאָכן אַנדערן, און די באהאַלטענע פּאָלעמיק האָט זיך געצויגן, עמעס, אַן אָנרופן די פּערזאָנען.

אָט זיינען אייניקע פאַקטן וועגן דעם.

אין 1921 יאָר, ווען מיר האָבן איינגעפירט דעם נעפּ, שטעלט לענין באַנייס די פראגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פונם סאָציאליזם שוין אין אַ מער קאָנקרעטער פאָרם, וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאליסטישן פונדאמענט פון אונזער עקאָנאָמיק אף די רעלסן פון נעפּ. איר געדענקט, אז אין 1921 יאָר, באם איינפירן דעם נעפּ, האָט איין טייל פון אונזער פּאַרטיי, באַזונדערס די „אַרבעטער-אָפּאָזיציע”, באשולדיקט לענינען אין דעם, אז, איינפירנדיק דעם נעפּ, קערט ער אָפּ פונם וועג פון סאָציאליזם. אפּאָנים, אלס ענטפער דערויף האָט לענין עטלעכע מאָל דערקלערט דעמאָלט אין זיינע אַרויס-

טרעטונגען און אַרטיקלען, אז, איינפירנדיק דעם נעפּ, האָבן מיר אין זינען ניט אַוועקצוגיין פון אונזער וועג, נאָר פאָרצוזעצן אים אין נייע באדינגונגען אף אויסצובויען דעם „סאָציאַליסטישן פונדאמענט פון אונזער עקאָנאָמיק", „צוזאמען מיטן פויערטום", „אונטער דער אָנפירונג פונם אַרבעטער-קלאַס" (זע „נערשטייער" און אַנדערע אַרטיקלען לעניגס אף דער טעמע וועגן נעפּ).

אזוי ווי אַלס ענטפער דערויף דרוקט דער כ' טראָצקי אין יאַנוואר פון 1922 י. אַ „פאָרעדע" צו זיין בוך „1905 יאָר", וואו ער טיילט מיט, אַז די בויאונג פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאנד צוזאַמען מיטן פויערטום שטעלט פאָר מיט זיך א ניטאויספירבארע זאַך, ווייל דאָס לעבן פון אונזער לאַנד וועט גיין לויט דער ליניע פון פיינטלעכע צוזאמענשטויסן צווישן דעם ארבעטער-קלאס און דעם פויערטום, ביז וואנען עס וועט ניט זיגן דער פראָלעטאַריאַט אין מאַירעוו.

אָט וואָס עס זאָגט דער כ' טראָצקי אין דערדאָזיקער „פארעדע":

„דער פראָלעטאריאַט, וואָס האָט גענומען די מאַכט, וועט קומען אין פ ײ נ ט ל ע כ ע צ ו ז א ַמ ע נ ש ט ו י ס ן *) ניט נאָר מיט אלע גרופּירונגען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן אים געשטיצט אין דער ערשטער צייט פון זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נאָר אויך מיט די ברייטע מאַסן פויערטום, וואָס מיט זייער הילף איז ער געקומען צו דער מאַכט", אַז „די ווידערשפּרוכן אין דער לאגע פון דער אַרבעטער-רעגירונג אין אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט פון פויערשער באַפעלקערונג וועלן קאָנען געפינען זייער ליזונג בלויז אין אינטערנאַציאָנאלן מאסשטאַב אף דער ארענע פון דער וועלט-רעוואָלוציע פונם פראָלעטאריאַט" (טראָצקי, „פאָרעדע" צום בוך פונם כ' טראָצקי „1905", אָנגעשריבן אין 1922-טן יאָר).

*) מיין קורסיוו. י. סט.

אויך דאָ, ווי איר זעט, ווערט קעגנגעשטעלט איינס קעגן אַנדערן צוויי פאַרשיידענע טעזיסן: אין דער צייט, ווען לענין דערלאָזט די מעגלעכקייט צו בויען דעם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט פון אונזער עקאָנאָמיק צוזאַמען מיטן פויערטום און אונטער דער אָנפירונג פונם אַרבעטער-קלאַס, קומט באַ טראָצקין אויס, פאַרקערט, אַז די אָנפירונג פונם פויערטום מיצאַד דעם פראָלעטאַריאַט און די געמיינזאַמע בויאונג פונם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט זיינען זאַכן ניט צו פאַרווירקלעכן, ווייל דאָס פּאָליטישע לעבן פונם לאַנד וועט דורכגיין אין פּיינטלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן דער אַרבעטער-מאַכט און דער מערהייט פויערטום, און דידאָזיקע צוזאַמענשטויסן קאָנען געלייזט ווערן בלויז אַף דער אַרענע פון דער וועלט-רעוואָלוציע.

ווייטער. מיר האָבן אַן אַרויסטרעטונג פון לענינען אַפן פּלענום פונם מאָסקווער ראַט מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1922 יאָר, וואו ער קערט זיך אום צו דער פראַגע וועגן בויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. ער זאָגט:

„דער סאָציאַליזם איז שוין איצט ניט קיין פראַגע פון ווייטער צוקונפט, אָדער עפּעס אַן אַבסטראַקט בילד, אָדער עפּעס אַ איקאָנע. מיקוייעך איקאָנעס זיינען מיר געבליבן באַ דער אַלטער, זייער שלעכטער מיינונג. מיר האָבן דעם סאָציאַליזם דורכגעשלעפּט אין אַלטעגלעכן לעבן, און דאָ דאַרפן מיר זיך פאַנאַנדערקלייבן. אָט אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע פונם היינטיקן טאָג, אָט אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע פון אונזער עפּאָכע. דערלויבט מיר צו פאַרענדיקן מיט אויסדריקן די זיכערקייט, אַז ווי דידאָזיקע אויפגאַבע איז ניט שווער, ווי זי איז ניט ניי אין פאַרגלייך מיט אונזער פריערדיקער אויפגאַבע און וויפל שוועריקייטן זי פאַרשאַפט אונז ניט, — וועלן מיר אַלע צוזאַמען, ניט מאָרגן, נאָר אין עטלעכע יאָר, אַלע צוזאַמען לייזן דידאָזיקע אויפגאַבע אום

יעדן פּרייז, אַזוי אַז פונם נעפּישן רוסלאַנד וועט זיין א סאָציאַליסטיש רוסלאַנד" (זע באַנד 18, טייל 2, זייט 108).

אזוי ווי אַלס ענטפער דערויף, אָדער עפשער אלס דערקלערונג דערפון, וואָס דער כ׳ טראָצקי האָט געזאָגט אין זיין אויבן דערמאָנטער ציטאַטע, דרוקט דער כ׳ טראָצקי אין 1922 יאָר א „נאָכוואָרט" צו זיין בראָשור די „שאָלעם-פּראָגראַם", וואו ער זאָגט:

„די באַהויפּטונג, וועלכע כאַזוערט זיך עטלעכע מאָל איבער אין דער „שאָלעם פּראָגראַם", אז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן ניט פאַרענדיקט ווערן זיגרייך אין נאַציאָנאַלע ראַמען, וועט עפשער פאַר אייניקע לעזער אויסזען ווי אן אָפּגעלייקנטע דורך דער קימאַט פינפיאָריקער דערפאַרונג פון אונזער ראַטן-רעפּובליק. אָבער אַזא אויספיר וואָלט געווען ניט באַגרינדעט. דער פאַקט, וואָס די אַרבעטער-מעלוכע איז בייגעשטאַנען קעגן דער גאַנצער וועלט אין איין לאַנד, און דערצו נאָך אין אן אָפּגעשטאַנען לאַנד, זאָגט איידעס וועגן דער קאָלאָסאַלער מעכטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע וועט אין אַנדערע, מער פאָרגעשריטענע, מער ציוויליזירטע לענדער זיין אימשטאַנד בעעמעס צו באַווייזן וואונדער. אָבער, אָפּשלאָגנדיק זיך אין פּאָליטישער און מיליטערישער הינזיכט אלס מעלוכע, זיינען מיר צו דער באַשאַפונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ניט געקומען און אפילע ניט צוגעקומען... קאָלזמאַן אין די איבערקע איראָפּעישע מעלוכעס שטייט בא דער מאַכט די בורזשואזיע, זיינען מיר געצוואונגען אין קאַמף מיט דער עקאָנאָמישער איזאָלירטקייט צו זוכן אן אויסגלייך מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט; אין דערזעלבער צייט קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דידאָזיקע אויסגלייכן קאָנען אין בעסטן פאל אונז העלפן צו פאַרהיילן די אָדער יענע עקאָנאָמישע וואונדן, מאכן דעם אָדער יענעם שריט פאָרויס, נאָר אז דער עכטער

אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין רוסלאנד וועט מעגלעך ווערן בלויז נאָכן זיג*) פונם פראָלעטאַריאַט אין די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע" (זע באַנד 3 פון כ' טראָצקיס ווערק, טייל 1, זייט 92—93).

אויך דאָ, ווי איר זעט, ווערן געשטעלט איינס קעגן אנדערן צוויי קעגנזעצלעכע טעזיסן — לענינס און טראָצקיס. אין דער צייט, ווען לענין רעכנט, אַז מיר האָבן שוין דורכגעשלעפּט דעם סאָציאַליזם אין אלטעגלעכן לעבן און אַז, ניט געקוקט אַף שוועריקייטן, האָבן מיר אלע מעגלעכקייטן צו מאכן פונם נעפּישן רוסלאנד אַ סאָציאַליסטיש רוסלאנד, האַלט טראָצקי, פאַרקערט, אַז ניט נאָר מיר קאנען ניט מאכן דאס איצטיקע רוסלאנד פאַר אַ סאָציאַליסטיש רוסלאַנד, נאָר אַז מיר קאָנען זיך אפילע ניט דערשלאָגן דעם עכטן אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט ביזן זיג פונם פראָלעטאַריאט אין אַנדערע לענדער.

צולעצט, האָבן מיר שריפטן פונם כ' לענין אין דער פאָרם פון אַרטיקלען „וועגן דער קאָאָפּעראציע" און „וועגן אונזער רעוואָלוציע" (קעגן סוכאנאָוון), וועלכע לענין האָט געגעבן פארן טויט און וועלכע ער האָט אונז איבערגעלאָזט אלס זיין פּאָליטישע צאַוואָע. דידאָזיקע שריפטן זיינען מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס אין זיי שטעלט לענין באנייס די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאליזם אין אונזער לאַנד און גיט אַזעלכע פאָרמולירונגען, וועלכע לאָזן ניט איבער קיין פלאץ פאַר וועלכע ניט איז ספייקעס.

אָט וואָס ער שרייבט אין די נאָטיצן „וועגן אונזער רעוואָלוציע":

„...אומענדלעך שאבלאָניש איז בא זיי (בא די הערן פונם 2 אינטערנאַציאָנאל. י. סט.) דער מאָטיוו, וועלכן זיי האָבן אויסגעלערנט אַף אויסווייניק אין דער צייט פון דער אנטוויקלונג פון דער מאירעוו-אייראָפּעאישער סאָציאַל-דע-

*) מיין קורסיוו. י. סט.

מאָקראַטיע און וועלכער באַשטייט אין דעם, אז מיר זיינען ניט דערוואַקסן צום סאָציאַליזם, אַז בא אונז איז ניטאָ, ווי עס דריקן זיך אויס פארשיידענע „געלערנטע" לייט צווישן זיי, קיין אָביעקטיווע עקאָנאָמישע פאָרהאַנאָכעס פארן סאָציאַליזם. און קיינעם קומט ניט אַפן זינען זיך צו פרעגן: און צי האָט אַ פאָלק, וועמען עס האָט זיך געטראָפן א רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, אַזאַ, ווי עס האָט זיך געשאַפן אין דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, ניט געקאָנט אונטער דער ווירקונג פון דער אויסוועגלאָזיקייט פון זיין לאַגע זיך וואַרפן אין אַזאַ קאַמף, וועלכער זאָל אים עפענען כאָטש וואָסערע ניט איז שאַנסן צו דעראָבערן פאַר זיך ניט גאָר געוויינלעכע באַדינגונגען פאַרן ווייטערדיקן וואוקס פון דער ציוויליזאַציע?"...

„אויב פאַר שאַפן דעם סאָציאַליזם איז נויטיק אַ באַשטימטער ניוואָ פון קולטור (האַגאַם קיינער קאָן ניט זאָגן, וועלכער איז ער, דער דאָזיקער באַשטימטער „ניוואָ פון קולטור"), איז פאַרוואָס טאָר מען ניט אָנהויבן צוערשט פון דעראָבערן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אויפן די פאָרהאַנאָכעס פאַר דעם דאָזיקן באַשטימטן ניוואָ, און שוין דערנאָך, אויפן יעסאָד פון אַרבעטערפּויערשער מאַכט און פון ראַטן-רעושים, זיך לאָזן אָניאָגן אַנדערע פעלקער"...

„כדי צו שאַפן דעם סאָציאַליזם,—זאָגט איר,—פאָדערט זיך ציוויליזירטקייט. זייער גוט. אָבער פאַרוואָס האָבן מיר ניט געקאָנט טכילעס שאַפן אַזעלכע פאָרהאַנאָכעס פון ציוויליזירטקייט בא זיך, ווי דאָס פאַרטרייבן די גוטבאַזיצער און דאָס אַרויסטרייבן די רוסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, און דערנאָך שוין אָנהויבן די באַוועגונג צום סאָציאַליזם? אין וועלכע ביכלעך האָט איר איבערגעלייענט, אַז אַזעלכע ענדערונגען פונם געוויינלעכן היסטאָרישן פּראָצעס זיינען ניט דערלאָזבאַר אָדער ניט מעגלעך?" (לענין, באַנד 18, טייל 2, זייט 118—120).

און אָט וואָס לענין זאָגט אין די ארטיקלען „וועגן קאָאָפּעראַציע“:

„בעעמעס, די מאַכט פון דער מעלוכע אַף אַלע גרויסע פּראָדוציר-מיטלען, די מאַכט פון דער מעלוכע אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט, דער בונד פון דעמדאָזיקן פּראָלעטאַריאַט מיט פיל מיליאָנען קליינע און קלענסטע פּויערים, דאָס פּאַרזיכערן פאַרן דאָזיקן פּראָלעטאַריאט די אָנפירונג בענויגייע צום פּויערטום און אז. וו.,—צי דען איז דאָס ניט אַלץ, וואָס מע דאַרף צוליב דעם, אַז מע זאָל פון דער קאָאָפּעראַציע, בלויז פון איין קאָאָפּעראַציע, וועלכע מיר האָבן פריער טרעטירט אַלס אַ הענדלערשע און וועלכע מיר האָבן פון אַ געוויסער זייט דאָס רעכט צו טרעטירן אויך איצט באַם נעפּ, צי איז דאָס ניט *אַלדאָס נויטיקע* אַף *אויסבויען* די *פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט*? דאָס איז נאָך ניט די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז *אַלדאָס נויטיקע און גענוגנדע* פאַר דערדאָזיקער בויאונג“*) (זע לענינס ווערק, באַנד 18, טייל 2, זייט 140).

אַזוי אַרום האָבן מיר צוויי ליניעס אין דער גרונט-פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון זיגרייכן בויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, וועגן דער מעגלעכקייט פון זיג פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אונזערווירטשאַפט איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, וויבל, כאַוויידים, די מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד באַטייט ניט קיין אַנדער זאַך אויסער דער מעגלעכקייט פונם זיג פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן,—די ליניע פון לענינען און פון לעניניזם און די ליניע פון טראָצקין און פון טראָצקיזם. דער לעניניזם לייזט דידאָזיקע

*) מיין קורסיוו. י. סט.

פראַגע פּאָזיטיוו. פאַרקערט, דער טראָצקיזם לייקנט אָפּ די מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד אפן יעסאָד פון די אינערלעכע קרעפטן פון אונזער רעוואָלוציע. אויב די ערשטע ליניע איז אַ ליניע פון אונזער פאַרטיי, איז די צווייטע ליניע אַ דערנעענטערונג צו די אנשויאונגען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

אָט פאַרוואָס עס ווערט געזאָגט אינם פּראָיעקט פון די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, אַז דער טראָצקיזם איז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּנויג אין אונזער פאַרטיי.

דערפון טאַקע דרינגט אַרויס יענער אָנסאָפּעקדיקער פאַקט, אַז אונזער רעוואָלוציע איז אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע רעוואָלוציע, אַז זי שטעלט פאָר מיט זיך ניט נאָר אַ סיגנאַל, אַ שטויס און אן אויסגאַנגס-פונקט פון דער וועלט-רעוואָלוציע, נאָר אויך אַ באַזע, אַ באַזע אַ נויטיקע און אַ גענוגע אַף אויסבויען אַ פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אונזער לאַנד.

אַזוי אַרום, קאָנען מיר און דאַרפן באַזיגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזערווירטשאַפט. מיר קאָנען און דאַרפן אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אונזער לאַנד. אָבער צי קאָן מען אָנרופן דעמדאָזיקן ניצאָכן אַ פולן, אן ענדגילטיקן? ניין, מע קאָן ניט. באַזיגן אונזערע קאַפּיטאַליסטן קאָנען מיר, בויען דעם סאָציאַליזם און אויסבויען אים זיינען מיר אימשטאַנד, אָבער דאָס באַטייט נאָך ניט, אַז מיר זיינען אימשטאַנד דערמיט גופע דאָס לאַנד פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט צו גאַראַנטירן פון געפאַרן פון אויסן, פון געפאַרן פון אינטערווענציע און פון דער פאַרבונדענער מיט איר רעסטאַוראַציע, אויפשטעלונג פונם אַלטן סיידער. מיר לעבן ניט אַף קיין אינזל. מיר לעבן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג. דער אומשטאַנד, וואָס מיר בויען דעם סאָציאַליזם און מיר רעוואָלוציאָניזירן דערמיט גופע די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער,—מוז ארויסרופן אַ האַס און פיינטשאַפט מיצאַד דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטי-

שער וועלט. מיינען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט קאָן גלייכגיל-טיק צוזעען אונזערע ערפאָלגן אפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט, די ערפאָלגן, וועלכע רעוואָלוציאָניזירן ז'עם אַרבעטער-קלאַס פון דער גאַנצער וועלט, — דאָס הייסט אַריינפאַלן אין אַ אילוזיע. דעריבער איז קאָלזמאַן מיר בלייבן אין אַ קאפיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, קאָלזמאַן דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געזיגט לעכאָלאַפּאָכעס אין אַ ריי לענדער, קאָנען מיר ניט רעכענען אונזער ניצאָכן פאַר אַן ענדגילטיקן. וואָס פאַר ערפאָלגן מיר זאָלן ניט האָבן אין אונזער בויאונג, קאָנען מיר ניט רעכענען דאָס לאַנד פון פּראָלעטאַרי-שער דיקטאַטור פאַר גאַראַנטירט פון געפארן פון אויסן. קעדיי צו זיגן ענדגילטיק, דאַרף מען זיך דערביי דערשלאָגן, אז די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג זאָל פארביטן ווערן אף אַ סאָציאַליסטישער ארומרינגלונג, מע דארף זיך דערשלאָגן, אז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיגן לעכאָלאַפּאָכעס נאָך אין עטלעכע לענדער. בלויז דאַן קאָן מען רעכענען אונזער ניצאָכן פאַר אַ פולן און ענדגילטיקן.

אָט פאַרוואָס מיר באַטראַכטן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד ניט ווי אַ זעלבסטציל, נאָר ווי אַ שטיצפונקט, ווי אַ מיטל, ווי אַ וועג פאַרן ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רע-וואָלוציע אין אנדערע לענדער.

אָט וואָס עס האָט וועגן דעם געשריבן דער כ' לענין:

„מיר לעבן, — זאָגט לענין, — ניט בלויז אין אַ מעלוכע, נאָר אין אַ סיסטעם פון מעלוכעס, און די עקזיסטענץ פון דער ראַטן-רעפּובליק באַנאַנד מיט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס אַ לאַנגע צייט איז ניט דענקבאַר. סאָפעקאָלסאָף וועט אָדער איינס אָדער דאָס צווייטע זיגן. און ביז וואנען דאָס וועט פאָרקומען, איז אומפארמיידלעך אַ ריי שרעקלעכסטע צוזאַמענשטויסן צווישן דער ראַטן-רעפּובליק און די בורזשואזע מעלוכעס. דאָס הייסט, אַז אויב נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס הערשנדיקער

קלאַס, ווייל און וועט הערשן, דאַרף ער דאָס דערווייזן אויך מיט זיין מיליטערישער אָרגאַניזאַציע" (לענין, באַנד 16, זייט 102).

דערפון דרינגט, אז די געפאַר פון א מיליטערישער אינטערווענציע עקזיסטירט און וועט נאָך עקזיסטירן א לאַנגע צייט. א צווייטע פראַגע איז, צי קאָנען איצט די קאַפּיטאַליסטן פאַרנעמען קעגן דער ראַטן־רעפּובליק אן ערנסטע אינטערווענציע. דאָס איז נאָך א פראַגע. דאָ הענגט פיל אָפּ פון דער אויפפירונג פון די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פון זייער מיטגעפיל צום לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פונם גראַד אָנהענגערישקייט זייערער צו דער זאַך פון סאָציאַליזם. אַז די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָנען איצט ניט שטיצן אונזער רעוואָלוציע מיט א רעוואָלוציע קעגן זייערע קאַפּיטאַליסטן, — דאָס איז דערווייל א פאַקט. נאָר אַז די קאַפּיטאַליסטן זיינען ניט אימשטאַנד אויפצוהייבן „זייערע" אַרבעטער אף אַ מילכאָמע קעגן אינזער רעפּובליק, — דאָס איז אויך א פאַקט. אָבער מילכאָמע האַלטן מיטן לאַנד פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אָן די אַרבעטער קאָן מען ניט איצטיקע צייטן אָן דער געפאַר אויסצושטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין א טויט־ריזיקע. וועגן דעם ריידן די אַנצאָליקע אַרבעטער־דעלעגאַציעס, וועלכע קומען צו פאָרן אין אונזער לאַנד, קעדיי דורכצוקאָנטראָלירן אונזער אַרבעט פון בויען דעם סאָציאַליזם. וועגן דעם רעדט דער קאָלאָסאַלער מיטגעפיל, וועלכן עס האָט צו דער ראַטן־רעפּובליק דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט. אף דעמדאָזיקן מיטגעפיל באַזירט זיך אויך איצט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון אונזער רעפּובליק. אָן אים וואָלטן מיר איצט געהאַט א ריי נייע פּרוּוון פון אינטערווענציע, אַ איבעררייס פון אינזער בוי־אַרבעט, עס וואָלט אויסגעפעלט דער פּעריאָד פאַר „איבערכאַפּן דעם אָטעם".

אָבער אויב איצט איז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט ניט אימשטאַנד אַרויסצוגיין אין א מיליטערישער אינטערווענציע קעגן אונזער לאַנד, הייסט דאָס נאָך ניט, אַז זי וועט דאָס קיינמאָל

ניט זיין בעקויעך צו טאָן. אַלנפאַלס שלאָפן די קאַפּיטאַליסטן ניט, און זיי נעמען אָן אַלע מיטלען, קעדיי אָפּצושוואַכן די אינטער-נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס פון אונזער רעפּובליק און צו שאַפן פּאָר-האַנאָכעס פאַר אַ אינטערווענציע. דעריבער טאָר מען ניט האלטן פאַר אויסגעשלאָסן סאַי די פּרואוון פון אינטערווענציע, סאַי די מיט זיי פאַרבונדענע מעגלעכקייט צו רעסטאַווירן די אַלטע פּאַ-ראָנדקעס.

לענין איז דעריבער גערעכט, ווען ער זאָגט:

„קאַלזמאַן אונזער ראַטן-רעפּובליק וועט בלייבן אַן איינזאַ-מער ראנד פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ביז דע-מאָלט — וואָלט געווען אַן אבסאָלוט לעכערלעכע פאַנטאַזיאָריש-קייט און אוטאָפּיזם צו טראַכטן וועגן דעם פאַרשווינדן פון די אָדער יענע געפאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז קאַלזמאַן אַזעלכע קאַר-דינאַלע הייפּוכים זיינען פאַרבליבן, בלייבן אויך די געפאַרן, און פון זיי קאָן מען אין ערגעץ ניט אַנטלויפן" (זע באנד 17, זייט 408—409).

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„ענדגילטיק זיגן קאָן מען נאָר אין אלוועלטלעכן מאַסשטאַב און בלויז דורך די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די אַרבע-טער פון אַלע לענדער" (זע באַנד 15, זייט 287).

אַלזאָ, וואָס איז אַזוינס דער זיג פונם סאָציאַליזם אין אונ-זער לאַנד?

דאָס הייסט דעראָבערן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און אויסבויען דעם סאָציאַליזם, בייקומענדיק אזוי אַרום די קאַ-פּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט אַפן גרונט פון די אינערלעכע קרעפטן פון אונזער רעוואָלוציע.

וואָס איז אַזוינס דער ענדגילטיקער ניצאָכן פונם סאָציאַ-ליזם אין אונזער לאַנד?

דאָס הייסט שאַפן א פולע גאראַנטיע קעגן אינטערווענציע און קעגן פּרואוון פון רעסטאווראַציע אַפן גרונט פונם זיג פון דער

סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע לעכאלאַפּאָכעס אין עטלעכע לענדער.

אויב די מעגלעכקייט פונם זיג פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד באַטייט די מעגלעכקייט צו לייזן די אינערלעכע ווידערשפּרוכן, וועלכע לאָזן זיך פולשטענדיק בייקומען פאַר איין לאַנד (מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, אונזער לאַנד), איז די מעגלעכקייט פון ענדגילטיקן זיג פונם סאָציאַליזם באַטייט די מעגלעכקייט צו לייזן די אויסערלעכע ווידערשפּרוכן צווישן דעם לאַנד פון סאָציאַליזם און די לענדער פון קאַפּיטאַליזם, די ווידערשפּרוכן, וועלכע קאָנען בייגעקומען ווערן בלויז דורך די קרעפטן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין עטלעכע לענדער.

ווער עס מישט צונויף דיזאָזיקע צוויי רייען ווידערשפּרוכן, דער איז אָדער אַ האָפּענונגסלאָזער פּלאָנטערער, אָדער אַ פאַרפאַלענער אָפּאָרטוניסט.

דאָס איז די גרונט-ליניע פון אונזער פּאַרטיי.

## רעזאָלוציע פון דער 14־טער קאָנפערענץ פון אלק״פ (ב).

צום ערשטן מאָל האָט דיזאָזיקע ליניע באַקומען איר אָפּיציעלן פאַרטיי-אויסדרוק אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ איבער דער פראַגע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וועגן דער סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם און דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד. איך האַלט, אַז דיזאָזיקע רעזאָלוציע איז איינע פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן אין דער געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי ניט בלויז דערפאַר, ווייל זי שטעלט פאָר די גרעסטע דעמאָנסטראַציע לעטויוועס דער לענינשער ליניע אין דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זי איז צוזאַמען דערמיט אַ דירעקטע פאַרורטיילונג פון טראָצקיזם. איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען ניט איבעריק צו פאַרצייכענען די וויכטיקסטע פונקטן פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען גע-

וואָרן, ווי מאָדנע דאָס קומט ניט אויס, לויטן פּאַרטראַג פון כ׳ זינאָוויעוו (אַ באַוועגונג אין זאַל).

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דערדאָזיקער רעזאָלוציע וועגן דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד:

„בּיכלל דער ניצחון פון סאָציאַליזם (ניט אין זין פון ענדגילטיקן ניצחון) איז אומבאַדינגט מעגלעך אין איין לאַנד".

איבער דער פראַגע וועגן דעם ענדגילטיקן ניצחון פונם סאָציאַליזם ווערט אין דער רעזאָלוציע געזאָגט:

„...דאָס פאַראַנענזיין פון צוויי דירעקט קעגנזעצלעכע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען רופט אַרויס אַ שטענדיקע דראָונג פון קאַפּיטאַליסטישער בלאָקאַדע, פון אַנדערע פאָרמען עקאָנאָמישן דרוק, פון באַוואָפנטער אינטערווענציע, רעסטאַווראַציע. די איינציקע גאַראַנטיע פאַרן ענדגילטיקן ניצחון פון סאָציאַליזם, ד. ה. די גאַראַנטיע קעגן רעסטאַווראַציע איז, הייסט עס, די זיגרייכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין אַ ריי לענדער".

און אָט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע איבער דער פראַגע וועגן אויסבויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און וועגן טראָצקיזם:

„פון דאַנען איז קלאָל ניט געדרונגען, אַז עס איז אוממעגלעך אויסצובויען אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווי רוסלאַנד, אָן דער „מעלוכישער הילף" (טראָצקי) פון די לענדער מער אַנטוויקלטע אין טעכניש-עקאָנאָמישן זין. אַ באַשטאַנדטייל פון דער טראָצקיסטישער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע איז די באַהויפּטונג, אַז „דער עכטער אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט אין רוסלאַנד וועט ווערן מעגלעך ערשט נאָכן ניצחון פונם פּראָלעטאַריאַט אין די וויכטיקסטע לענדער פון איראָפּע" (טראָצקי, 1922 יאָר), — אַ באַהויפּטונג, וואָס פאַרמישפּט דעם פּראָלעטאַריאַט פון פסס"ר אינם איצטיקן פּעריאָד אויף פּאַטאַ-

ליסטישע פּאַסיוויקײט. קעגן אַזױנע „טעאָריעס" האָט כ׳ דעניו געשריבן: „ביז גאָר שאַבלאָניש איז באַ זײ דער מאָטיוו, וואָס זײ האָבן אויסגעלערנט אַף אויסווייניק בעאײס דער אנטוויקלונג פון דער מאַירעיו-אײראָפּעאישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און וועלכער באַשטײט אין דעם, אַז מיר זײנען ניט דערוואַקסן ביזן סאָציאַליזם, אַז באַ אונז זײנען ניטאָ, ווי עס דריקן זיך אויס פאַרשײרענע „געלערנטע" הערן פון זײ, קײן אָביעקטיווע פאָרהאַנאָכעס פאַרן סאָציאַליזם" (נאָטיצן וועגן סוכאנאָוון). (רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ פון רק"פּ „וועגן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן און רק"פּ (ב) אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרברײטערטן פּלענום פונם אויספּירקאָם פונם קאָמינטערן").

איך האַלט, אַז אָט די גרונט-פּונקטן פון דער רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ נויטיקן זיך ניט אין דערקלערונגען. עס איז אומעגלעך זיך אויסצודריקן מער קלאָר און באַשטימט. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקײט ציט צו זיך יענץ אָרט פון דער רעזאָלוציע, וואו צווישן טראָצקיזם און סוכאַנאָווערײ שטײט אַ גלײכהײט-צײכן. און וואָס איז אַזױנס סוכאַנאָווערײ? מיר ווײסן פון לעניגס באַוואוסטע אַרטיקלען קעגן סוכאַנאָוון, אַז סוכאַנאָווערײ איז אַ מין סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם, מענשעוויזם. דאָס איז באַזונדערס נויטיק אונטערצושטרײכן, קעדײ צו פאַרשטײן, פאַרוואָס כ׳ זינאָוויעוו, וואָס האָט פאַרטײדיקט אַף דער 14 קאָנפערענץ דידאָזיקע רעזאָלוציע, איז נאָכדעם אַוועק פון איר און איז צוגעשטאַנען צום שטאַנדפּונקט פון טראָצקין, מיט וועלכן ער געפינט זיך איצט אין אַ בלאָק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פאַרצײכנט ווײטער די רעזאָלוציע צוויי אפנויגן פון דער גרונט-ליניע פון דער פּאַרטײ, וועלכע קאָנען שאַפן אַ געפאַר פאַר דער פּאַרטײ.

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע וועגן די-דאָזיקע געפאַרן:

„אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, קאָנען אונזער פּאַרטיי אינם געגעבענעם פּעריאָד דראָען צוויי געפאַרן: 1) אַן אָפּנויג צו פּאַסיוויקייט, וואָס דרינגט אַרויס פון צו פיל פאַרברייטערטן אויסטייטשן די סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכע האָט זיך וואו ניט וואו אָנגעמערקט, און דעם פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, דאָס פעלן פון אַ גענוגנדיקן אימפּולס פאַר דער ענערגישער און סיסטעמאַטישער אַרבעט איבערן אויסבויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין פסס"ר, ניט געקוקט אַפן פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און 2) אַן אָפּנויג צו נאַציאָנאַלער באַגרעניצטקייט, דאָס פאַרגעסן די פליכטן פון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן, די אומבאַוואוסטזיניקע ביטלדיקע באַציאונג צו דעם, וואָס דער שיקזאַל פון פסס"ר איז צום ענגסטן אָפּהענגיק פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער, האָגאָם לאַנגזאַם, אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דאָס ניט פאַרשטיין, אַז ניט נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג נויטיקט זיך אין דער עקזיסטענץ, פאַרפעסטיקונג און פאַרשטאַרקונג פון דער מעכטיקייט פון דער ערשטער אין דער וועלט פּראָלעטאַרישער מעלוכע, נאָר אַז אויך די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין פסס"ר נויטיקט זיך אין הילף מיצאַד דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט" (רעזאָלוציע פון דער 14 קאָנפערענץ פון ר. ק. פּ. „וועגן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן און רק"פּ (ב) אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרברייטערטן פּלענום פונם אויספירקאָם פונם קאָמינטערן").

פון דערדאָזיקער ציטאַטע איז צו זען, אַז די 14 קאָנפערענץ האָט, ווען זי רעדט וועגן דעם ערשטן אָפּנויג, געהאַט אין זינען דעם אָפּנויג צום ניטגלויבן אינם ניצחון פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין אונזער לאַנד, וועלכער איז פאַרשפּרייט

צווישן די טראָצקיסטן; ריידנדיק שוין וועגן דעם צווייטן אָפּנויג, האָט זי געהאַט אין זינען דעם אָפּנויג צום פאַרגעסן די אינטער־נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע, וואָס איז ביז א געוויסן גראַד פאַרשפּרייט צווישן אייניקע טוער לויט דער ליניע פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועלכע שלאָגן זיך אַראָפּ צומאָלס אויף דער פּאָזיציע פון איינשטעלן „איינפלוס־ספערן" אין די אָפּהענגיקע לענדער.

שטעמפּלענדיק אָט די צוויי אָפּנויגן, האָט די פּאַרטיי אין גאַנצן גענומען און איר צענטראַל־קאָמיטעט דערקלערט אַ מיל־כאָמע די געפאַרן, וואָס גייען לויט דער ליניע פון דידאָזיקע אָפּנויגן.

אָט דאָס זיינען די פאַקטן.

ווי אזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז כ' זינאָוויעוו, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די רעזאָלוציע פון דער 14 קאָנפערענץ אין אַ ספּעציעלן פאַרטראַג, איז נאָכדעם אוועק פון דער ליניע פון דער־דאָזיקער רעזאָלוציע, וועלכע איז צוזאַמען דערמיט די ליניע פון לעניניזם, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן, וואָס, אַוועקגייענדיק פונעם לעניניזם, האָט ער צוזאַמען דערמיט געוואָרפן לויטן אַדרעס פון דער פּאַרטיי די לעכערלעכע באַשולדיקונג אין נאַציאָ־נאַלער באַגרעניצטקייט און האָט צוגעדעקט זיין אָפּגאַנג פון לע־ניניזם מיט דערדאָזיקער באשולדיקונג, — וועגן אָט דעם פּאַקוס וועל איך זיך, כאָווירים, באַלד באַמיען צו דערציילן.

## דער איבערגאַנג פון דער „נייער אָפּאָזיציע" צום טראָצקיזם.

די כלוקעדייעס צווישן די איצטיקע לידערס פון דער „נייער אָפּאָזיציע", די כ"כ קאַמעניעוו און זינאָוויעוו, מיטן צענ־טראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי איבער דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד האָט צום ערשטן מאָל אָנגענומען אַן אָפענע פאָרם ערעוו דער 14 קאָנפערענץ. איך

האָב אין אויג איינע פון די זיצונגען פון דער פּאָליטביוראָ פון צ. ק. ערעוו דער קאָנפערענץ, וואו קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן זיך געפּרואווט פאַרטיידיקן אין דערדאָזיקער פראַגע אַן אייגנאַרטיקן שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט ניט קיין שום שײַכעס מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי און פאַלט אין גרונט צונויף מיט סוכאַנאָווס פּאָזיציע.

אָט וואָס עס האָט מיקויעך דעם געשריבן דער מאָסקווער קאָמיטעט פון אלק״פּ אלס ענטפער אף דער געוויסער דערקלע־רונג פונם געוועזענעם לענינגראַדער אויבנאָן אין דעקאַבר 1925 יאָר, ד. ה. אין 7 כאַדאָשים ארום:

„ערשט ניט לאַנג האָבן די כאַווײרים קאַמעניעוו און זי־נאָוויעוו פאַרטיידיקט אין פּאָליטביוראָ דעם שטאַנדפּונקט, אַז מיר וועלן קלוימערשט ניט קאָנען בייקומען די אינערלעכע שוועריקייטן צוליב אונזער טעכנישער און עקאָנאָמישער אָפּגע־שטאַנענקייט, אויב נאָר אונז וועט ניט ראַטעווען די אינטער־נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע. מיר אָבער, צוזאמען מיט דער מער־הייט פון צ. ק., רעכענען, אז מיר קאָנען בויען דעם סאָציאַליזם, אז מיר בויען אים און וועלן אים אויסבויען, ניט געקוקט אַף אונ־זער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט און קעגן איר. מיר רעכענען, אַז דידאָזיקע בויאונג וועט גיין, פאַרשטייט זיך, פיל לאַנגזאַמער, איידער אין די באַדינגונגען פון אלוועלטלעכן ניצאָכן, אָבער דאָך גייען מיר און וועלן גיין פאָרויס. פונקט אזוי רעכענען מיר, אז דער שטאַנדפּונקט פון די כ״כ קאַמעניעוו און זינאָוו־יעוו דריקט אויס אַן אומגלויבן אין די אינערלעכע קרעפטן פון אונזער ארבעטער־קלאַס און פון די פּויערשע מאַסן, וועלכע גייען נאָך אים. מיר האַלטן, אז דאָס איז אַן אָפּגאַנג פון דער לענינשער פּאָזיציע" (וע דעם „ענטפער").

איך מוז פאַרצייכענען, כאַווײרים, אז די־דאָזיקע דערקלערונג פונם מאָסקווער קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פּראַוודאַ" אין טאָג פון דער עפענונג פונם 14 צוזאַמענפאָר,

האָבן די כאַווײרים קאַמעניעוו און זינאָוויעוו ניט געפּרואווט אפילע אָפּצולייקענען און שטילשווייגנדיק אנערקענט מיט דעם גופע, אַז די באַשולדיקונגען, וועלכע דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט ארויסגערוקט, אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט.

אַף דער 14 קאָנפערענץ גופע האָבן די כ״כ קאַמעניעוו און זינאָוויעוו אנערקענט פאָרמעל די ריכטיקייט פון דער פּאַרטייליניע איבער דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. זיי זיינען געווען גענויט דערצו אפּאָנים צוליב דעם אומשטאַנד, וואָס קאַמעניעווס און זינאָוויעווס שטאַנדפּונקט האָט ניט געפונען קיין מיטגעפיל צווישן די מיטגלידער פון צ. ק. נאָך מער, זינאָוויעוו האָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַפילע פּאַרטיידיקט אין אַ ספּעציעלן פּאָרטראַג אַף דער 14 קאָנפערענץ די באַוואוסטע רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ, וועלכע דריקט אויס, ווי איר האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך איבערצייגן אין דעם, די ליניע פון אונזער פּאַרטיי. אָבער די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן פאַרטיידיקט די פּאַרטייאישע ליניע אף דער 14-טער קאָנפערענץ בלויז פאָרמעל, אויסערלעך, בלייבנדיק אין טאָך אף זייערע פּאָזיציעס. דאָס דערשיינען פונם כ׳ זינאָוויעווס בוך „לעניניזם״ אין סעפּטיאַבר פון 1925 יאָר שטעלט מיט זיך פאָר אין דער הינזיכט א „געשעעניש״, וואָס פירט דורך א גרעניץ צווישן זינאָוויעוון, וועלכער האָט פאַרטיידיקט אף דער 14-טער קאָנפערענץ די ליניע פון דער פּאַרטיי, און זינאָוויעוון, וועלכער איז אָפּגעטראָטן פון דער פּאַרטיי-ליניע, פון לענינים — צו דער אידייאישער פּאָזיציע פון טראָצקיזם.

אָט וואָס עס שרייבט דער כ׳ זינאָוויעוו אין זיין בוך:

„אונטערן ענדגילטיקן ניצאָכן פון סאָציאַליזם דאַרף מען פאַרשטיין לעכאָלאַפּאָכעס: 1) די פאַרניכטונג פון די קלאַסן און, הייסט עס, 2) די אָפּשאַפונג פון דער דיקטאַטור פון איין קלאַס, אין געגעבענעם פאַל די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור״...

„קעדיי נאָך פּינקטלעכער זיך קלאָר מאַכן“,—זאָגט ווייטער דער כ׳ זינאָוויעוו, — ווי עס האַלט מיט דער פראַגע בא אונז אין פּסס״ר אין 1925 יאָר, דאַרף מען אונטערשיידן 2 זאַכן: 1) די געזיכערטע מעגלעכקייט צו בויען דעם סאָציאַליזם, — אזאַ מעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם קאָן מען, פאַרשטייט זיך, דענקען אויך אין די ראַמען פון איין לאַנד, און 2) די ענדגיל־טיקע אויסבויאונג און פאַרפעסטיקונג פונם סאָציאַליזם, ד. ה. די פאַרווירקלעכונג פונם סאָציאַליסטישן רעזשים, פון דער סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט“... (זע כ׳ זינאָוויעווס „לעניניזם“, ז. 291 און 293).

איר זעט, אז דאָ איז אַלץ איבערגעפּלאָנטערט און איבער־געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. לויט זינאָוויעוון קומט אויס, אז זיגן, אין זין פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד — הייסט האָבן די מעגלעכקייט צו בויען דעם סאָציאַליזם, אָבער ניט האָבן די מעגלעכקייט אים אויסצובויען. בויען, זייענדיק זיכער, אז דו וועסט ניט אויסבויען. אָט וואָס עס הייסט, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, בא זינאָוויעוון דער זיג פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד (געלעכטער). וואָס איז שייַעך די אויסבויאונג פון דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט, פּלאָנטערט ער זי צונויף מיט דער פראַגע וועגן ענדגילטיקן זיג, דעמאָנסטרירנדיק דערמיט גופע זיין אַב־סאָלוטן ניט פאַרשטיין די פראַגע אין גאַנצן גענומען וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. בויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, וויסנדיק, אז דו וועסט ניט אויסבויען,—אָט צו וואָס עס האָט זיך דערקייקלט דער כ׳ זינאָוויעוו.

עס איז שוין אָפּגערעדט, אז אזא פּאָזיציע האָט קיין שאַי־כעס ניט צו דער גרונט-ליניע פונם לעניניזם וועגן דער בויאונג פון סאָציאַליזם. עס איז שוין אָפּגערעדט, אַז אפשוואַכנדיק דעם ווילן פונם פּראָלעטאַריאַט צו דער בויאונג פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד און טאָרמאָזירנדיק דערמיט גופע די פאַנאַנדערבינ־דונג פון דער רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער, קערט אַזאַ פּאָ־

ליטיק איבער מיטן קאָפּ אראָפּ די עצעם יעסוידעס פון אינטער-נאַציאָנאַליזם. דאָס איז די פּאָזיציע, וועלכע גייט דירעקט צו און דערלאַנגט א האַנט דער אידייאישער פּאָזיציע פונם טראָצקיזם.

דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן די ארויסטרעטונגען פונם כ׳ זינאָוויעוו אָפּן 14 צוזאַמענפאָר אין דעקאַבער פון 1925 יאָר. אָט וואָס ער האָט געזאָגט אָפּן 14 צוזאמענפאָר, קריטיקירנדיק דעם כ׳ יאַקאָוולעוו:

„גיט א קוק, צו וואָס עס האָט זיך, לעמאָשל, דערעדט דער כ׳ יאַקאָוולעוו אף דער לעצטער קורסקער גובפּאַרטקאָנפּע-רענץ. — „צי קאָנען מיר אין איין לאַנד, — פרעגט ער,—ארומ-גערינגלט פון אלע זייטן מיט קאַפּיטאַליסטישע סאָנים, צי קאָ-נען מיר אין אזעלכע באדינגונגען אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד?" און ער ענטפערט: „אָפּן סמאַך פון אלץ, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, האָבן מיר דאָס רעכט צו זאָגן, אז ניט בלויז מיר בויען דעם סאָציאַליזם, נאָר אז, ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר זייגען דערווייל אין דער וועלט דאָס איינ-ציקע ראטן-לאַנד, די איינציקע ראטן-מעלוכע, — וועלן מיר דעמדאָזיקן סאָציאַליזם אויסבויען". („קורסקאַיא פּראַוודאַ" נומ. 279 פונם 8 דעקאַבער 1925 י.). צי איז דאָס א לעניניש ע שטעלונג פון דער פראַגע, צי שמעקט דאָ ניט מיט נאַציאָנאַלער באגרעניצטקייט?*) (זינאָוו-יעוו, שלוס-וואָרט אפן 14 פארטיי-צוזאמענפאָר).

עס קומט אויס, אז דער כ׳ יאַקאָוולעוו, וועלכער האָט פארטיידיקט אין גרונט די ליניע פון דער פארטיי און פון לעני-ניזם, פאַרדינט די באשולדיקונג אין נאציאָנאלער באגרעניצטקייט. עס קומט אויס, אז פאַרטיידיקן די ליניע פון דער פאַרטיי, וואָס איז פארפעסטיקט געוואָרן אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ, — הייסט ארייַנפאַלן אין נאַציאָנאַלער באגרעניצטקייט. אָט אזוינס הייסט טאָקע בא אונז: זיך דערקייקלט!

*) מיין קורסיוו. — י. סט.

אין דעם, אייגנטלעך, איז פאַרבאָרגן דער פּאָקוס, וועלכן עס מאכט דער כ׳ זינאָוויעוו און וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס זיין אָפּגאַנג פון לעניניזם צו דער פּאָזיציע פון טראָצקיזם סטאַרעט ער זיך צו פאַרדעקן מיט לעכערלעכע באשולדיקונגען לויטן אדרעס פון די לעניניסטן אין נאַציאָנאַלער באַגרעניצטקייט.

דעריבער זאָגן די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק דעם רעכטן עמעס, ווען זיי באהויפּטן, אז די נייע אָפּאָזיציע איז אריבערגעגאַנגען אף דער זייט פונם טראָצקיזם אין דער גרונט-פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, אָדער — וואָס עס איז דיזעלבע זאַך, — אין דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

עטוואָס א באזונדערע לאַגע פאַרנעמט אין דערדאָזיקער פראַגע פּ אָ ר מ ע ל דער כ׳ קאַמעניעוו, וואָס דאָס דאַרף דאָ פארצייכנט ווערן. דאָס איז א פאַקט, אַז דער כ׳ קאַמעניעוו האָט טראָץ דעם כ׳ זינאָוויעוו אָפּן דערקלערט, סאַי אף דער 14-טער פאַרטיי-קאָנפערענץ, סאַי אפן 14 פארטיי-צוזאַמענפאָר וועגן זיין סאָלידאַריטעט מיט דער ליניע פון דער פאַרטיי אין דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. דאָך האָט דער 14 צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי ניט גענומען ערנסט די דערקלערונג פונם כ׳ קאַמעניעוו, ניט געגלויבט אים אַפן וואָרט, צורעכענענדיק אים אין זיין רעזאָלוציע איבערן פּאָרטראַג פונם צ. ק. צו דער גרופּע כאוויירים, וועלכע זיינען אָפּגעגאַנגען פונם לעניניזם. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס דער כ׳ קאַמעניעוו האָט ניט געוואָלט און ניט געפונען פאַר נויטיק צו אונטערשטיצן מיט טאַט זיין דערקלערונג וועגן דער סאָלידאַריטעט מיט דער פאַרטיי-ליניע. און וואָס הייסט אונטערשטיצן די דערקלערונג מיט טאַט? דאָס הייסט רייסן מיט די, וועלכע פירן דעם קאַמף קעגן דער ליניע פון דער פאַרטיי. די פאַרטיי ווייסט ניט ווייניק ביישפּילן, ווען מענטשן, וועלכע האָבן דערקלערט אָפן וואָרט וועגן זייער סאָלי-

דאַריכטעט מיט דער פּאַרטיי, האָבן פאָרגעזעצט צוזאַמען דערמיט פּאָליטישע פּריינטשאַפט מיט די עלעמענטן, וועלכע האָבן געפירט א קאַמף קעגן דער פּאַרטיי. לענין פלעגט אין אַזעלכע פאַלן געווינלעך זאָגן, אז אַזעלכע „אָנהענגער" פון דער פּאַרטיי-ליניע זיינען ערגער פון אירע קעגנער. עס איז באַוואוסט, לעמאָשל, אַז דער כ׳ טראָצקי האָט אין דער עפּאָכע פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע דערקלערט ניט איינמאָל וועגן זיין סאָלידאַריטעט און איבערגעגעבנקייט די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער לענין האָט אים דאָך אָנגערופן „מיטהעלפער פון די סאָציאַל-שאָוויניסטן". פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל, דערקלערנדיק וועגן זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט דער כ׳ טראָצקי אין דערזעלבער צייט ניט געוואָלט איינרייסן מיט קאוטסקין און מאַרטאָוון, פּאָטרעסאָוון און טשכעאידזע. און לענין איז, פאַרשטייט זיך, געווען גערעכט. דו ווילסט, אז דיין דערקלערונג זאָל גענומען ווערן ערנסט,— איז שטיין אונטער דיין דערקלערונג מיט מאַיסים און רייס די פּאָליטישע פריינטשאַפט מיט די מענטשן, וועלכע פירן א קאַמף קעגן דער ליניע פון דער פּאַרטיי.

אָט פאַרוואָס איך האַלט, אז די דערקלערונגען פונם כ׳ קאַמעניעוו מיקויעך זיין סאָלידאַריטעט מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי וועגן דער בויאונג פונם סאָציאַליזם קאָנען ניט גענומען ווערן ערנסט. אויב ער וויל ניט אונטערשטיצן זיין דערקלערונג מיט מאַיסים און בלייבט ווייטער אין בלאָק מיט די טראָצקיסטן.

## די כ״כ טראָצקי, סמילגא און ראַדעק ווילן זיך אַרויסדרייען.

מע קאָן זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיק. אָבער צי זיינען ניטאָ אַוואָסערע ניט איז גרונטן און דאָקומענטן, וועלכע ריידן וועגן דעם, אַז די לידערס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק זיינען גרייט פונם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג אַ קער

טאָן זיך צום לעניניזם? אָט איז, לעמאָשל, דעם כ׳ טראָצקיס ביכל „צום סאָציאַליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם?“. צי איז דאָסדאָזיקע ביכל ניט קיין סימען דערפון, אַז דער כ׳ טראָצקי איז גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע פּרינציפּיעלע טאָעסן? אייניקע מיינען אַפּילע, אַז דער כ׳ טראָצקי האָט זיךווירקלעך אָפּגעזאָגט אָדער ער סטאַרעט זיך אָפּזאָגן אין דעמדאָזיקן ביכל פון זיינע פּרינציפּיעלע פעלערן. איך, זינדיקער מענטש, לייד אין געגעבענעם פאַל אַף אַ געוויסן אומצוטרוי אין דערדאָזיקער זאַך (געלעכטער), און איך דאַרף זאָגן, אַז אזעלכע האָשאָרעס אַנטשפּרעכן אַבסאָלוט ניט, צום באַדויערן, דער ווירקלעכקייט.

אָט איז, צום ביישפּיל, דאָס-סאַמע העלע אָרט פון כ׳ טראָצקיס בוך „צום סאָציאַליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם?“

„די מעלוכישע פּלאַן-קאָמיסיע (מעלוכע-פּלאַן) האָט פאַרעפנטלעכט אַ סאַכאַקל-טאַבעלע פון „קאָנטראָל-ציפערן פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט פון פסס״ר אַפן 1925—26 יאָר“. דאָס אַלץ קלינגט זייער טרוקן און, אזוי צו זאָגן, ביוראָקראַטיש. אָבער אין דידאָזיקע טרוקענע סטאַטיסטישע קאָלאָנקעס און די קימאַט אזוי טרוקענע און איינגעהאַלטענע דערקלערונגען צו זיי הערט זיך די גרויסאַרטיקע געשיכטלעכע מוזיק פונם וואקסנדיקן סאָציאַליזם (ל. טראָצקי. „צום סאָציאַליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם?“. פאַרלאַג „פּלאַן-ווירטשאַפט“. 1925 י. זייט 1).

וואָס איז דאָס אַזוינס: „די גרויסאַרטיקע געשיכטלעכע מוזיק פונם וואקסנדיקן סאָציאַליזם“? וואָס איז דער זין פון דערדאָזיקער „גרויסאַרטיקער“ פראַזע, אויב עס איז ביכלאל פאַראַן אין דערדאָזיקער פראַזע א וואָסער ניט איז זין? צי איז דאָ פאַראַן אן ענטפער, א רעמעז אַפּילע פון אַן ענטפער, אַף דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאנד? וועגן דער געשיכטלעכער מוזיק פונם וואקסנדיקן

סאָציאַליזם האָט מען געקאָנט ריידן אין 1917 יאָר, ווען מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזיע, און אין 1920 יאָר, ווען מיר האָבן אַרויסגעשלאָגן די אינטערווענציאָניסטן פון אונזער לאַנד, ווייל דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסאַרטיקע מוזיק פונם וואַקסנ-דיקן סאָציאַליזם, ווען, שטירצנדיק די בורזשואַזיע אין 1917 יאָר און אַרויסטרייבנדיק די אינטערווענציאָניסטן, האָבן מיר געגעבן דער גאַנצער וועלט גרויסאַרטיקע פאַקטן פון דער קראַפט און מעכטיקייט פונם וואַקסנדיקן סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. אָבער צי האָט דאָס און צי קאָן דאָס האָבן אַ וואָסער ניט איז שאַיכעס צו דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון זיגרייכער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד? מיר קאָנען,—זאָגט טראָצקי,—גיין צום סאָציאַליזם. אָבער צי קאָנען מיר קומען צום סאָציאַ-ליזם,—אָט אין וואָס עס באַשטייט די פראַגע. גיין, ווייסנדיק, אַז דו וועסט ניט קומען צום סאָציאַליזם,—צי איז דאָס דען ניט קיין נאַרישקייט? ניין, כאַווײרים, די „גרויסאַרטיקע" פראַזע פונם כ׳ טראָצקי וועגן מוזיק און אַנדערע זאַכן איז ניט קיין ענטפער אַף דער פראַגע, נאָר אַן אַדוואָקאַטיש דריידל און אַ „מוזיקאַ-ליש" אַרויסדרייען זיך פון דער פראַגע (שטימען פון די ערטער: „ריכטיק!").

איך מיין, אַז דאָסדאָזיקע גרויסאַרטיקע און מוזיקאַלישע אַרויסדרייען זיך פונם כ׳ טראָצקי וואָלט מען געקאָנט שטעלן אין איין קאָן מיט דעמזעלבן אַרויסדרייען זיך אין דער פראַגע וועגן דער קוואַליפיקאַציע פון לעניניזם, וועלכע דער כ׳ טראָצקי האָט געגעבן בעשאַיטוי אין זיין בראָשור „דער נייער קורס". אָט הערט:

„לעניניזם אַלס סיסטעם פון רעוואָלוציאָנערן טאַט איז מעכאַיעוו אַ דערצויגענעם דורך באַאָבאַכטונגען און דערפאַרונ-גען רעוואָלוציאָנערן כוש, וועלכער איז אין געזעלשאַפטלעכן געביט דאָסזעלבע, וואָס מוסקול-געפיל אין פיזישער אַרבעט". (ל. טראָצקי „נייער קורס", פאַרלאַג „קראַסנאַיאַ נאָוו", 1924 י.ז. 47).

לעניניזם אַלס „מוסקול-געפיל אין פיזישער ארבעט״. ניט עמעס, אי נײַ, אי אָריגינעל, אי טיפזיניק, איר האָט עפּעס פאַר-שטאנען? (געלעכטער). דאָס אַלץ איז זייער פּאַרביק, מוזיקאַליש און, אויב איר ווילט, אפילע גרויסאַרטיק. עס פעלט נאָר אַ „קלייניקייט״: אַ פּראָסטע און מענטשלעכע דעפיניציע פון לעניניזם.

לענין האָט געהאַט אין אויג טאַקע אזעלכע פאלן פון טראָצקיס נעטיעס צו אַ מוזיקאלער פּראַזע. ווען ער האָט גע-שריבן וועגן טראָצקין, לעמאָשל, פאָלגנדע ביטערע, אָבער עמעס-דיקע ווערטער:

„ניט אַלץ, וואָס עס גלאַנצט, איז גאָלד. פיל גלאַנץ און טומל איז פאַראַן אין טראָצקיס פראַזעס, אָבער קיין אינהאלט איז אין זיי ניטאָ״. (לענין, באנד 12, טייל 2, זייט 449).

אַזוי האַלט עס מיט כ׳ טראָצקיס ביכל „צום סאָציאליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם?״, וואָס איז דערשינען אין 1925 יאָר.

וואָס איז שאַיעך די שפּעטערע צייט, לעמאָשל, דאָס 1926 יאָר, האָבן מיר אַ דאָקומענט פון סענטיאַבר 1926, וועלכער איז אונטערגעשריבן פונם כ׳ טראָצקי און וועלכער לאָזט ניט איבער קיינע ספייקעס אין דעם, אַז דער כ׳ טראָצקי בלייבט ווי פריער אף זיין שטאנדפונקט, וואָס די פארטיי האָט אָפּגעוואָרפן. איך מיין דאָ דעם כ׳ טראָצקיס בריוו צו די אָפּאָזיציאָנערן.

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דעמדאָזיקן דאָקומענט:

„די לענינגראַדער אָפּאָזיציע האָט באַצייטנס געמאכט אַן אַליאַרם וועגן דעם פארשמירן די דיפערענציאַציע פונם דאָרף, וועגן דעם וואוקס פונם באַלעגוף און דעם וואוקס פון זיין ווירקונג ניט בלויז אַף די סטיכישע פּראָצעסן פון דער ווירטשאַפט, נאָר אויך אַף דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט; מיקויעך דעם, וואָס אין די רייען פון אונזער אייגענער פּאַרטיי

איז געשאפן געוואָרן אונטער בוכאַרינס שוץ אַ טעאָרעטישע שול, וועלכע שפּיגלט קלאָר אָפּ דעם דרוק פון דער קליינביר־גערלעכער סטיכיע פון אונזער ווירטשאַפט; די לעניני־גראַדער אָפּאָזיציע איז ענערגיש ארויסגע־טראָטן קעגן דער טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, אַלס אַ טעאָרעטישער באַ־רעכטיקונג פון נאַציאָנאַלער באַגרעניצט־קייט... (פון די ביילאַגעס צו דער סטענאָגראַמע פון די זיצונגען פון פּאָליטביוראָ פון צ. ק. פון אַל. ק. פּ. (ב) פונם 8-טן און 11-טן אָקטיאַבר 1926 י. איבער דער פראגע וועגן דער אינערלעך פּארטייאישער לאגע).

דאָ, אין דעמדאָזיקן דאָקומענט, וואָס טראָצקי האָט אונ־טערגעשריבן, איז געזאָגט געוואָרן אַלץ: סײַ אַז די לידערס פון דער „נייער אָפּאָזיציע" זיינען אָפּגעגאַנגען פון לעניניזם צום טראָצקיזם, סײַ אַז דער כ׳ טראָצקי בלייבט אינגאנצן און פול־שטענדיק אַף זיינע אַלטע פּאָזיציעס פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנויג אין אונזער פּארטיי.

נו, און ווי האַלטן די איבעריקע לידערס פונם אָפּאָזיציאָ־נעלן בלאָק, לעמאָשל, דער כ׳ סמילגא אָדער דער כ׳ ראַדעק? איך רעכן, אז דידאָזיקע כאוויירים זיינען אויך לידערס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, סמילגא אָדער ראַדעק,—מיט וואָס זיינען זיי ניט קיין לידערס? ווי אזוי שאצן זיי אָפּ די פּאָזיציע פון דער פּאַרטיי, די פּאָזיציע פונם לעניניזם אין דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון סאָציאליזם אין אונזער לאַנד?

אָט וואָס דער כ׳ סמילגא. לעמאָשל, האָט געזאָגט אין סענטיאבר פון 1926 יאָר אין דער קאָמאַקאַדעמיע.

איך באַהויפּט,—זאָגט ער,—אַז ער (בוכארין. סט.) געפינט זיך דורכויס אין געפענגעניש בא דער אויפשטע־לונגס-אידעאָלאָגיע, ער האַלט פאַר דערוויזן, אַז די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון אונ־

זער לאַנד קאָן ניט דינען אַלס שטערונג פאַר דער בויאונג פון סאָציאַליסטישן רעזשים אין רוסלאַנד... איך האַלט, אַז, פאַרנעמענדיק זיך מיט סאָציאַליסטישער בויאונג, בויען מיר אומבאַדינגט דעם סאָציאַליזם. אָבער עס פרעגט זיך, צי גיט דער אויפשטעלונגס-פּעריאָד גרונטן צו איבערקוקן, צו רעווידירן דעם צענטראַלן פונקט פונם מאַרקסיזם און לעניניזם, וועלכער באַשטייט אין דעם, אַז אין איין טעכניש-אָפּגעשטאַנענעם לאַנד איז ניט מעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאַליזם*) (סמילגא, די ארויסטרעטונג אין דער קאָמאַקאַדעמיע פונם 25 סענטיאַבר 1926 איבער דער פראַגע וועגן די קאָנטראָל-ציפערן).

ווי איר זעט, אויך אַ „פּאָזיציע”, וועלכע פאַלט פולקום צונויף מיט דער פּאָזיציע פונם בירגער סוכאַנאָוו אין דער גרונט-פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע. צי איז ניט ריכטיק, אַז סמילגאַס פּאָזיציע אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דער פּאָזיציע פון כ׳ טראָצקי, וועלכע איך האָב אָנגערופן—און מיט רעכט אנגערופן—פּאָזיציע פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג? (שטימען: „ריכטיק!”). צי קאָן מען רעכענען, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אזעלכע ארויסטרעטונגען פונם כ׳ סמילגא? מע קאָן און מע דאַרף. צי האָט זיך ווען עס איז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק געפּרואווט אָפּגרעניצן פון כ׳ סמילגא? ניין, ניט געפּרואווט. פאַרקערט, ער האָט מיט אַלע מיטלען דערמונטערט דעם כ׳ סמילגא אין זיינע ארויסטרעטונגען אין דער קאָמאַקאַדעמיע.

און אָט איז אַ צווייטער לידער, דער כ׳ ראַדעק, וועלכער איז ארויסגעטראָטן אין דער קאָמאַקאַדעמיע צוזאַמען מיט סמילגען און האָט דאָרט געמאַכט טיל-טעל פון אונזערע כעווירע (געלעכטער). מיר האָבן אַ דאָקומענט, וועלכער רעדט וועגן דעם,

*) מיין קורסיוו. י. סט.

אז דער כ׳ ראַדעק האָט זיך אויסגעלאַכט און כויזעק געטריבן איבער דער אידייע פֿון אויסבויען דעם סאָציאליזם אין אונזער לאַנד, אָנרופנדיק זי טעאָריע פֿון בויען דעם סאָציאליזם אין „איין אויעזד“ אָדער אפילע „אָף איין גאַס“, דערביי איז אָף אַ רעפליק פֿון די כאַווירים פֿון די ערטער וועגן דעם, אַז דידאָזיקע טעאָריע איז אַ „לעניִנשע אידייע“, האָט דער כ׳ ראַדעק גע-ענטפערט:

„איר האָט שלעכט געלייענט לענינען; ווען וולאַדימיר איליִטש זאָל לעבן, וואָלט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שטשעדרין-אידייע. באַ שטשעדרינען אין ווערק „פּאָמפּאַדורן“ איז דאָ אַ פּאָמפּאַדור, אַן איינציקער, וועלכער בויט דעם ליבעראַליזם אין איין אויעזד“ (רעדע פֿונם כ׳ ראַדעק אין דער קאָמאַקאַדעמיע).

צי קאָן מען דאָסדאָזיקע כ׳ ראַדעקס פּלאַכע און ליבעראַלע אָפּלאַכן פֿון דער אידייע וועגן בויען דעם סאָציאליזם אין איין לאַנד אָנרופן אַנדערש, ווי פולער איינרייס מיטן לעניניזם? צי ענטפערט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק פאַר דערדאָזיקער פּלאַכקייט פֿונם כ׳ ראַדעק? אומבאַדינגט יאָ. פאַרוואָס זשע גרעניצט ער זיך ניט אָפּ פֿון איר? דערפאַר, ווייל דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האָט ניט בעדייע צו פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע פֿון אָפּגאַנג פֿונם לעניניזם.

## די באַשליסנדיקע באַדייטונג פֿון דער פּראַגע וועגן די פּערספּעקטיוון פֿון אונזער בויאונג.

מע קאָן פרעגן: צו וואָס זיינען דידאָזיקע אַלע שטרייטן וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פֿון אונזער רעוואָלוציע, צו וואָס זיינען די שטרייטן וועגן דעם, וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט אָדער וואָס קאָן זיין אין דער צוקונפט, — צי איז ניט בעסער דידאָזיקע אַלע שטרייטן לאָזן אָן א זייט און זיך פאַרנעמען מיט פּראַקטישער אַרבעט?

איך האַלט, כאַווײרים, אַז אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע איז אין גרונט ניט ריכטיק, ווײל זי האָט ניט קײן שום שײכעס צום לעניניזם.

מיר קאָנען זיך ניט באַוועגן פאָרויס, ניט ווײסנדיק, וואוהין מע דאַרף זיך באַוועגן, ניט ווײסנדיק דעם ציל פון דער באַוועגונג. מיר קאָנען ניט בויען אָן פערספּעקטיוון, אָן דער זיכערקײט, אַז אײנמאָל אָנגעהויבן בויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, וועלן מיר זי קאָנען אויסבויען. אָן קלאָרע פּערספּעקטיוון, אָן קלאָרע צילן קאָן די פּאַרטײ ניט אָנפירן מיט דער בויאונג. מיר קאָנען ניט לעבן לויט בערנשטײנס רעצעפּט: „די באַוועגונג איז אַלץ, דער ציל איז גאָרניט". פאַרקערט, מיר אַלס רעוואָלוציאָנערן דאַרפן אונטערוואַרפן אונזער באַוועגונג פאָרויס, אונזער פּראַקטישע אַרבעט אונטער דעם קלאַסאָוון גרונט-ציל פון פּראָלעטאַרישער בויאונג. אַנדערש, אָן דעם פאַלן מיר אַרײַן אין זומפּ פון אָפּאָרטוניזם אומפאַרמײדלעך און אומבאַדינגט.

ווײַטער. אָן קלאָרע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג, אָן דער זיכערקײט אין דער אויסבויאונג פונם סאָציאַליזם קאָנען די אַרבעטער-מאַסן ניט באַטײליקן זיך באַוואוסטזיניק אין דער דאָזיקער בויאונג, זײ קאָנען ניט אָנפירן באַוואוסטזיניק מיטן פּויערטום. אָן דער זיכערקײט אין דער אויסבויאונג פונם סאָציאַליזם קאָן ניט זײַן קײן ווילן צו בויען דעם סאָציאַליזם. ווער קאָן האָבן כײשעק צו בויען, ווײסנדיק, אַז מע וועט ניט אויסבויען? דאָס פעלן פון סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג פירט דעריבער צום אָפּשוואַכן דעם ווילן פונם פּראָלעטאַריאַט צו דער דאָזיקער בויאונג אומפאַרמײדלעך און אומבאַדינגט.

ווײַטער. דאָס אָפּשוואַכן דעם ווילן פונם פּראָלעטאַריאַט צו דער בויאונג פונם סאָציאַליזם מוז אַרויסרופן א פאַרשטאַרקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט. ווײַל וואָס הײסט בויען דעם סאָציאַליזם, אויב ניט באַקעמפן די קאַ-

פּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזערווירטשאַפט ? די יערידע און מאַפּאָלע-שטימונגען אינם אַרבעטער-קלאַס מוזן באַפליגלען די האָפענונגען פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אויף רעסטאַווראַציע פונם אַלטן רעזשים. ווער עס דערשאַצט ניט די באַשליסנדיקע באַדייטונג פון די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג, דער העלפט די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט, דער קולטיווירט קאַפּיטולאַנטישקייט.

ענדלעך, טאָרמאָזירנדיק אונזער סאָציאַליסטישע בויאונג, מוז דאָס אָפּשוואַכן דעם ווילן פונם פּראָלעטאַריאַט צום זיג איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט פאַרהאַלטן די פאַנאַנדערבינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין אַלע לענדער. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער וועלט-פּראָלעטאַריאַט קוקט אויף אונזער ווירטשאַפטלעכער בויאונג און אויף אונזערע ערפאָלגן אויף דעם דאָזיקן פראָנט מיט האָפענונג, אַז מיר וועלן אַרויס פון דעם דאָזיקן קאַמף אַלס זיגער, אַז אונז וועט זיך איינגעבן אויסבויען דעם סאָציאַליזם. די אומגעהויערע צאָל אַרבעטער-דעלעגאַציעס, וועלכע קומען צו אונז צו פאָרן פון מאַירעוו און טאַפּן אויס יעדער ווינקעלע פון אונזער בויאונג, רעדט וועגן דעם, אַז אונזער קאַמף אויפן פראָנט פון בויאונג האָט א קאָלאָסאַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג אין זין פון איר רעוואָלוציאָניזירנדיקן ווערט פאַר די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער. ווער עס פּרוּווט צונויפוויקלען די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג, דער פּרוּווט לעשן די האָפענונגען פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אויף אונזער ניצאָכן, און ווער עס לעשט דידאָזיקע האָפענונגען, דער ברעכט די עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. לענין איז געווען טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט:

„איצט איבן מיר אויס אונזער גאַנצע אויפווירקונג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע מיט אונזער ווירט-

שאַפטלעכער פּאָליטיק. אלע קוקן אַף דער רוסלענדישער ראַטן-רעפּובליק, אַלע אַרבעטנדיקע אין אלע לענדער פון דער וועלט, אָן שום אויסנאַם און אָן שום גוזמע... אף דערדאָזיקער אַרענע איז דער קאַמף אריבערגעטראָגן אין אַלוועלטלעכן מאסשטאב. וועלן מיר דידאָזיקע אויפגאבן לייזן,—האָבן מיר דאַן געוואונען אין אינטערנאציאָנאלן מאסשטאב אַף געוויס און ענדגילטיק*). דעריבער באַקומען פאַר אונז די פראַגן פון ווירטשאַפטלעכער בויאונג א גאַנץ אויסשליסלעכע באַדייטונג. אַף דעמדאָזיקן פראָנט דאַרפן מיר אָפּהאַלטן אַ זיג דורך לאַנגזאַמער, בעהאדראָגיקער,—מיט קיין שנעלער קאָן מען ניט,— אָבער קעסיידערדיקער שטייגונג און באוועגונג פאָרויס" (זע באַנד 18, טייל 1, זייט 282).

אָט פאַרוואָס איך רעכן, אַז אונזערע שטרייטן איבער דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון זיג פונם סאָציאליזם אין אונזער לאַנד האָבן די וויכטיקסטע באַדייטונג, ווייל אין דידאָזיקע שטרייטן שמידט זיך און ווערט באַשטימט די לייזונג פון דער פראגע וועגן די פערספּעקטיוון פון אונזער אַרבעט, וועגן די קלאַסן-צילן פון דערדאָזיקער אַרבעט, וועגן דער גרונט-אָריענטאַציע פון דערדאָזיקער אַרבעט אַפן נאָענטסטן פעריאָד.

אָט פאַרוואָס איך האַלט, אַז די פראגע וועגן די סאָציאליסטישע פערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג האָט פאַר אונז אַן ערשטראנגיקע באַדייטונג.

## די פּאָליטישע פערספּעקטיוון פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

די פּאָליטישע פערספּעקטיוון פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק וואקסן אויס פון זייער גרונט-פעלער וועגן דעם כאַראקטער און די פערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

*) מיין קורסיוו. י. סט.

אַזוי ווי די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פֿאַרציט זיך, און קיין גלויבן אין די אינערלעכע קרעפֿטן פֿון אונזער רעוואָלוציע איז ניטאָ בײַ דער אָפּאָזיציע, שטייען פֿאַר איר צוויי פּערספּעקטיוון:

אָדער דאָס איבערגעבווירן פֿון דער פּאַרטיי און פֿונם מעלוכע-אַפּאַראַט, דער פֿאַקטישער אָפּגאַנג פֿון די „בעסטע עלעמענטן" (ד. ה. פֿון דער אָפּאָזיציע) אין קאָמוניזם פֿון דער מאַכט און דאָס אויסבילדן פֿון דידאָזיקע עלעמענטן א נייע, „ריין פּראָלעטאַרישע" פּאַרטיי, וועלכע זאָל שטיין אין דער אָפּאָזיציע צו דער אָפּיציעלער, ניט „ריין" פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי (אָסאָווסקיס פּערספּעקטיוו);

אָדער פּרואוון אַרויסגעבן דעם אייגענעם אומגעדולד פֿאַרווירקלעכקייט, אָפּלייקענען די טיילווייזע סטאַביליזאַציע פֿונם קאַפּיטאַליזם און מאַכן „איבערמענטשלעכע", „העראָישע" שפּרונגען סײַ אין געביט פֿון אינערלעכער פּאָליטיק (איבער-אינדוסטריאַליזאַציע), סײַ אין געביט פֿון דער אויסערלעכער פּאָליטיק (אולטרא-לינקע פֿראַזן און זשעסטן).

איך מיין, אַז פֿון אַלע אָפּאָזיציאָנערן איז אָסאָווסקי דער סאַמע דרייסטער און סאַמע מוטיקער. ווען בײַם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק זאָל קלעקן מוט און קאָנסעקווענטקייט, וואָלט ער בײַדאַרפֿט זיך שטעלן אויפֿן וועג פֿון אָסאָווסקי. אָבער אַזוי ווי בײַם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק פֿעלט אויס סײַ קאָנסעקווענטקייט, סײַ מוט, קייקלט ער זיך אַראָפּ אויפֿן וועג פֿון דער צווייטער פּערספּעקטיוו, אויפֿן וועג פֿון „איבערמענטשלעכע" שפּרונגען און „העראָישע" אַטאַקעס אין געביט פֿון דער אָביעקטיווער זאַכלאַגע.

דערפֿון נעמט זיך דאָס אָפּלייקענען די טיילווייזע סטאַביליזאַציע פֿונם קאַפּיטאַליזם, דער לאָזונג פֿון אָפּגאַנג אָדער אפֿילע פֿון אַרויסגיין פֿון די פּראָפֿאַריינען אין מאַירעוו, די פֿאָדערונג אויפֿצורייסן דעם ענגליש-רוסישן קאָמיטעט, די פֿאָדערונג צו אינ-

דוסטריאַליזירן אונזער לאַנד שיר ניט אין אַ האַלב יאָר און אַז. וו.

דערפון קומט דער אַוואַנטיוריזם אין דער פּאָליטיק פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט באַקומט א באַזונדערע באַדייטונג די טעאָריע פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק (זי איז אויך די טעאָריע פון טראָצקיזם) וועגן דעם אַריבערשפּרינגען איבערן פויערטום בא אונז, אין אונזער לאַנד, אין דער זאַך פון אינדוסטריאַליזירן אונזער לאַנד, וועגן דעם אַריבערשפּרינגען איבער דער רעאַקציאָנערקייט פון די פּראָפּאַריינען דאָרט, אין מאַירעוו, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטרייק אין ענגלאַנד.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק מיינט, אַז אויב די פּאַרטיי האָט אויסגעאַרבעט אַ ריכטיקע ליניע, איז דאָס פולקום גענוג דערויף, אַז די פּאַרטיי זאָל ווערן א מאַסן-פּאַרטיי באַלד און אומגעזאַמט. דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק פאַרשטייט ניט, אַז אַזא באַציאונג צו דער פראַגע וועגן דער אָנפירונג מיט מאַסן האָט קיין שום שאַיכעס ניט מיט דער פּאָזיציע פון לעניניזם.

צי זיינען געווען ריכטיק לענינס אַפּרעל-טעזיסן וועגן דער ראַטן-רעוואָלוציע, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן אין פרילינג פון 1917 יאָר? יאָ, זיי זיינען געווען ריכטיק. פאַרוואָס זשע האָט לענין דעמאָלט ניט גערופן צום באַלדיקן שטירצן קערענסקיס רעגירונג? פאַרוואָס האָט ער געקעמפט מיט די אולטרא-לינקע גרופּעס אין אונזער פּאַרטיי, וועלכע האָבן דאַן געוואָרפן דעם לאָזונג באלד צו שטירצן די צייטווייליקע רעגירונג? דערפאַר, וואָס לענין האָט געוואוסט, אז קעדיי צו מאַכן א רעוואָלוציע, איז ניט גענוג צו האָבן א ריכטיקע פּאַרטייאישע ליניע. דערפאַר, וואָס לענין האָט געוואוסט, אַז קעדיי צו מאַכן א רעוואָלוציע, איז נויטיק נאָך איין אומשטאַנד, דעהאַינע, אַז די מאַסן, די ברייטע אַרבעטער-מאַסן זאָלן זיך איבערצייגן אַף זייער

אייגענער דערפאַרונג אין דער ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי-ליניע. און צוליב דעם איז ווייטער נויטיק צייט, אַן אומדערמידלעכע אַרבעט אין די מאַסן, אַן אומדערמידלעכע אַרבעט אַף איבערצייגן די מאַסן אין דער ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי-ליניע. טאַקע דערפאַר האָט לענין, געבנדיק זיינע רעוואָלוציאָנערע אַפּרעל-טעזיסן, צוזאַמען דערמיט געגעבן דעם לאָזונג וועגן „געדולדיקער" פּראָפּאַגאַנדע אין די מאַסן פאַר דער ריכטיקייט פון דידאָזיקע טעזיסן. אַף דערדאָזיקער געדולדיקער אַרבעט איז דאַן אוועקגעגאַנגען 8 כאַדאָשים. אָבער דידאָזיקע כאַדאָשים זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע כאַדאָשים, וועלכע זיינען געגליכן ווייניקסטנס צו יאָרן פון געוויינלעכער „קאָנסטיטוציאָנעלער" צייט. מיר האָבן געוואונען די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע דערפאַר, ווייל מיר האָבן געקאָנט אונטערשיידן צווישן דער ריכטיקער ליניע פון דער פּאַרטיי און צווישן דעם, אַז די מאַסן זאָלן אַנערקענען די ריכטיקייט פון דערדאָזיקער ליניע. דאָס פאַרשטייען ניט און ווילן ניט פאַרשטיין די אָפּאָזיציאָנעלע העלדן פון „איבערמענטשלעכע" שפּרונגען.

צי איז ריכטיק געווען די פּאָזיציע פון דער ענגלישער קאָמפּאַרטיי אינם פּעריאָד פונם שטרייק אין ענגלאַנד? יאָ, אין גרונט איז זי געווען ריכטיק. פאַרוואָס זשע האָט זיך איר ניט איינגעגעבן מיטאַמאָל צו פירן נאָך זיך די מיליאָניקע מאַסן ענגלישע אַרבעטער? דערפאַר, ווייל זי האָט ניט באַוויזן און ניט געקאָנט באַווייזן צו איבערצייגן די מאַסן אין אַ קורצן טערמין אין דער ריכטיקייט פון איר ליניע. דערפאַר, ווייל צווישן דער אויסאַרבעטונג פון אַ ריכטיקער פּאַרטיי-ליניע און צווישן דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל פירן נאָך זיך מיליאָניקע מאַסן, עקזיסטירט אַ פּעריאָד, אין מעשעך פון וועלכן די פּאַרטיי דאַרף פירן אַן אומדערמידלעכע אַרבעט פון איבערצייגן די מאַסן אין דער ריכטיקייט פון איר פּאָליטיק. דעמדאָזיקן מעשעך צייט קאָן מען ניט אַריבערשפּרינגען. ס'איז נאַריש צו טראַכטן, אַז מע קאָן אים

אַריבערשפּרינגען. מע קאָן אים בלויז אויסהאַבן און בייקומען אין געדולדיקער ארבעט פון פּאָליטישן אויפקלערן די מאסן.

דידאַקטישע אלעפּבייס-עמעסן פון לענינשער אָנפירונג מיט די מאַסן פאַרשטייט ניט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק. און דערין דאַרף מען זוכן דעם קוואַל פון זיינע פּאָליטישע טאָעסן.

אָט איז איינער פון די פּילצאָליקע מוסטערן פון דער פּאָליטיק פון „איבערמענטשלעכע" שפּרונגען און פאַרצווייפלטע זשעסטן פונם כ׳ טראָצקי.

> „דער רוסלענדישער פּראָלעטאריאט, אז ער וועט קומען צו דער מאכט, — האָט בעשאיטוי געזאָגט דער כ׳ טראָצקי, — אפילע צוליב אַ צייטווייליקער קאָניונקטור פון אונזער בורזשואַזער רעוואָלוציע, וועט ער באגעגענען אַן אָרגאניזירטע פיינטשאפט מיצאַר דער וועלט-ריעאַקציע און אַ גרייטקייט צו אָרגאַניזירטער שטיצע מיצאַד דעם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאט. איבערגעלאָזן אַף אייגענע קרעפטן, וועט דער אַרבעטער-קלאס פון רוסלאנד אומפארמיידלעך דערקוועטשט ווערן דורך דער קאָנטער-רעוואָלוציע אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פויערטום וועט זיך אָפּקערן פון אים. אים וועט קיין אנדער זאַך ניט בלייבן, ווי נאָר פאַרבינדן דעם גוירל פון זיין פּאָליטישער הערשאפט און אזוי ארום דעם גוירל פון דער גאַנצער רוסלענדישער רעוואָלוציע מיטן גוירל פון דער סאָציאָליסטישער רעוואָלוציע אין איירָאָפּע. יענע קאָלאָסאַלע מעלוכיש-פּאָליטישע קראַפט, וועלכע עס גיט אים די צייטווייליקע קאָניונקטור פון דער רוסלענדישער בורזשואַזער רעוואָלוציע, וועט ער ווארפן אַף דער וואָגשאָל פון קלאסנקאַמף פון דער גאַנצער קאַפּיטאליסטישער וועלט. מיט מעלוכישער מאַכט אין די הענט, מיט קאָנטער-רעוואָלוציע הינטערן רוקן, מיט אייראָפּעאישער רעאַקציע פאַר זיך, וועט ער ווארפן צו אַלע זיינע ברידער אין דער גאַנצער וועלט דעם אלטן מאָנענדיקן רוף, וועלכער וועט דאָס מאָל

זיין דער רוף פון דער לעצטער אַטאַקע: פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!!!*) (טראָצקי, „סאַכאַקלען און פּערספּעקטיוון“).

ווי געפעלט עס אייך: ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נעמען די מאַכט אין רוסלאַנד, אָבער נעמענדיק די מאכט, מוז ער אומבאַדינגט זיך צעקריגן מיטן פּויערטום, און אָט נאָך דעם, ווי דער פּראָלעטאריאט וועט זיך צעקריגן מיט אים, דאַרף ער זיך וואַרפן אין פאַרצווייפלטן שלאַכט מיט דער וועלט-בור־זשואַזיע, האָבנדיק „די קאָנטר־רעוואָלוציע הינטערן רוקן“ און אַן „אייראָפּעאישע רעאַקציע“ פאַר זיך.

אַז דאָ, אין דערדאָזיקער „סכעמע“ פונם כ׳ טראָצקי, איז פאַראַן ניט ווייניק „מוזיקאַלישעס“, „איבערמענטשלעכעס“ און „גוואַל־דיק גרויסאַרטיקעס“, — דערמיט קאָן מען עפשער מאַסקים זיין. אָבער אז דאָ איז ניטאָ קיין גראַם ניט פון מאַרקסיזם, ניט פון רעוואָלוציאָנערקייט, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן בלויז מיט אַ פּוס־טער שפּיל אין רעוואָלוציע און מיט אַוואַנטיור אין פּאָליטיק, — אין דעם איז אויך ניטאָ קיין ספק.

און דאָך איז קיין שום ספק ניט, אז דידאָזיקע „סכעמע“ פונם כ׳ טראָצקי איז אַ דירעקטער אויסדרוק פון די איצטיקע פּאָ־ליטישע פּערספּעקטיוון פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, אַ רעזולטאַט און אַ פּרוכט פון דער טראָצקיסטישער טעאָריע פון „איבערשפּרינ־גען“ איבער די נאָך ניט אויסגעלעבטע פאָרמען פון דער באַ־וועגונג.

III

# די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טאָ־עסן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טאָעסן פונם אָפּאָזי־ציאָנעלן בלאָק זיינען אַ דירעקטער העמשעך פון זיין הויפּט-טאָעס

*) מיין קורסיוו — י. סט.

אין דער גרונט-פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

ריירנדיק וועגן די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טאָעסן פון דער אָפּאָזיציע, האָב איך אין זינען אַזוינע פראַגן, ווי די פראַגע וועגן דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט אין געביט פון ווירטשאַפטלעכער בויאונג, די פראַגע וועגן דער אינדוסטריאַליזאַציע, די פראַגע וועגן דעם פּאַרטיי-אַפּאַראַט און דעם „רעזשים“ אין דער פּאַרטיי א. א. וו.

די פּאַרטיי גייט אַרויס פון דעם, אַז אין איר פּאָליטיק ביכלאל, אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק ביפּראַט, קאָן מען ניט אָפּרייסן די לאַנדווירטשאַפט פון דער אינדוסטריע, אַז די אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע צוויי גרונט-צווייגן פון דער ווירטשאַפט דאַרף גיין לויט דער ליניע פון זיי צונויפּפּאָרן, לויט דער ליניע פון זיי פאַרייניקן אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

פון דאַנען נעמט זיך אונזער סאָציאַליסטישער מעטאָד פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד דורך קעסיידערדיקן פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, דערין אויך פון דער גרונט-מאַסע פונם פּויערטום, אלס גרונט-באַזע פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער אינדוסטריאַליזאַציע. איך רייד וועגן דעם סאָציאַליסטישן מעטאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע אלס אונטערשייד פונם קאַפּיטאַליסטישן מעטאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע, וועלכער ווערט דורכגעפירט דורך דער פאַראָרימונג פון מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע שיכטן.

אין וואָס באַשטייט דער גרונט-מינוס פונם קאַפּיטאַליסטישן אינדוסטריאַליזאַציע-מעטאָד? דערין, וואָס ער פירט צו אַן אייַנרייס צווישן די אינטערעסן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע און די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, צו דער פאַרשאַרפונג פון די אינערלעכע סטירעס אין לאַנד, צו דער פאַראָרימונג פון די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטער און פּויערים, צו פאַרווענדן די רעוואָכים ניט אויף פאַרבעסערן די מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע

פון די ברייטסטע מאסן אינעווייניק אין לאנד, נאָר אף ארויסטפירן קאפיטאל און אף פארברייטערן די באזע פון דער קאפיטאליסטי־שער עקספּלואטאציע אין און אויסערן לאנד.

אין וואָס באשטייט דער גרונט־פּלוס פונם סאָציאליסטישן אינדוסטריאליזאציע־מעטאָד? אין דעם, וואָס ער פירט צו דער איינהייטלעכקייט פון די אינטערעסן פון דער אינדוסטריאליזאציע און די אינטערעסן פון די גרונט־מאסן פון די ארבעטנדיקע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אין דעם, וואָס ער פירט ניט צו דער פאראָרימונג פון מיליאָנען מאסן, נאָר צו דער פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער לאגע פון דידאָזיקע מאסן, ניט צו דער פאר־שארפונג פון די אינערלעכע סטירעס, נאָר צו זייער פארגלעטונג און לייזונג; אין דעם, וואָס ער פארברייטערט קעסיידער דעם אי־נערלעכן מארק און הויבט אויף די אויפנעמפעאיקייט פון דעמ־דאָזיקן מארק און שאפט אזוי ארום א פעסטע אינערלעכע באזע פאר דער פאנאנדערוויקלונג פון דער אינדוסטריאליזאציע.

פון דאנען נעמט זיך די דירעקטע פארינטערעסירטקייט פון די גרונט־מאסן פויערטום אין די סאָציאליסטישע וועגן פון דער אינדוסטריאליזאציע.

פון דאנען נעמט זיך די מעגלעכקייט און די נויטיקייט צו פארווירקלעכן די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאריאט בענויגייע צום פויערטום אין געביט פון סאָציאליסטישער בויאונג ביכלאל, פון דער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד ביפראט.

פון דאנען נעמט זיך די אידייע פון צוזאמענשלוס פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע מיט דער פויערשער ווירטשאפט, — קוידעמקאָל, דורך דער מאסן־קאָאָפּערירונג פונם פויערטום, די אידייע פון דער אָנפירנדיקער ראָלע פון דער אינדוסטריע לעגאבע דער לאנדווירטשאפט.

פון דאנען נעמט זיך אונזער שטייערן־פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון אראָפּזעצן די פרייזן אף די אינדוסטריעלע סכוירעס א. א. וו. וואָס דיסקאָנטירן די אינטערעסן פון איינהיטן די עקאָנאָמישע

מיטארבעטערשאפט פונם פראָלעטאריאט און פויערטום, די אינ־טערעסן פון פארשטארקן דעם בונד פון די ארבעטער און פוי־ערים.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק גייט ארויס, פארקערט, פון אַנטקעגנשטעלן די אינדוסטריע דער לאנדווירטשאפט און שלאָגט זיך אראָפּ אפן וועג פון אָפּרייסן די אינדוסטריע פון דער לאנד־ווירטשאפט. ער פאַרשטייט ניט און אנערקענט ניט, אַז מע קאָן ניט שטופן פאָרויס די אינדוסטריע, פאַרבייגייענדיק די אינטערעסן פון דער לאנדווירטשאפט, שטערנדיק גראָב דידאָזיקע אינטערעסן. ער פאַרשטייט ניט, אז אויב די אינדוסטריע איז דער אָנפירנדי־קער יעסאָד פון דער פאָלקסווירטשאפט, איז די לאנדווירטשאפט, פון איר זייט, שטעלט פאָר יענע באזע, וואָס אף איר יעסאָד קאָן זיך פאנאנדערוויקלען בײַ אונז די אינדוסטריע.

פון דאנען נעמט זיך דאָס באַטראַכטן די פויערשע ווירט־שאַפט אַלס „קאָלאָניע”, וועלכע עס דאַרף „עקספּלואַטירן” די פראָלעטארישע מעלוכע (פּרעאָבראַזשענסקי).

פון דאנען נעמט זיך די מוירע פאר אַ גוטער גערעטעניש (טראָצקי), וועלכע איז קלוימערשט די קראַפט, וואָס קאָן דעז־אָרגאַניזירן אונזער עקאָנאָמיק.

פון דאנען נעמט זיך די אייגנאַרטיקע פּאָליטיק פונם אָפּאָ־זיציאָנעלן בלאָק, וועלכע שלאָגט זיך אַראָפּ אַפן וועג פון פאַרשאַרפן די אינערלעכע סטירעס צווישן דער אינדוסטריע און דער לאַנד־ווירטשאפט, אַפן וועג פון די קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן פון אינ־דוסטריאַליזירן דאָס לאַנד.

ווילט איר ניט אַזוי גוט זיין אויסהערן, לעמאָשל, דעם כ׳ פּרעאָבראַזשענסקי, וואָס איז איינער פון די לידערס פון אָפּאָזי־ציאָנעלן בלאָק? אָט וואָס ער זאָגט אין איינעם פון זיינע אר־טיקלען:

„וואָס מער עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען, קליינבירגערלעך, פויעריש עס איז דאָס אָדער יענץ לאַנד, וואָס גייט אריבער

צו סאָציאַליסטישער אָרגאַניזירונג פון דער פראָדוקציע..., אַלץ מער איז די סאָציאַליסטישע אָנזאַמלונג געצוואונגען אָנצושפּאַרן זיך אַף דער עקספּלואַטאַציע פון די פאַרסאָציאַליסטישע ווירטשאַפטס־פאָרמען... פאַרקערט, וואָס מער עקאָנאָמיש און אינדוסטריעל אַנטוויקלט עס איז דאָס אָדער יענץ לאַנד, אין וועלכן עס זיגט די סאָציאַלע רעוואָלוציע..., אַלץ וואָס מער ס'איז פאַרן פראָלעטאַריאַט פונם געגעבענעם לאַנד נויטיק צו פאַרקלענערן די ניט־עקוויוואַלענטקייט פונם אויסטויש פון זיינע פראָדוקטן אַף די פראָדוקטן פון די קאָלאָניעס, ד. ה. פאַרקלענערן די עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניעס,— אַלץ מער וועט דער שווערפּונקט פון דער סאָציאַליסטישער אָנזאַמלונג אַריבערגעטראָגן ווערן אַפן פראָדוציר־יעסאָד פון די סאָציאַליסטישע פאָרמען, ד. ה. אָנשפּאַרן זיך אַפן מער־פראָדוקט פון דער אייגענער אינדוסטריע און פון דער אייגענער ערדאַרבעט" (ע. פרעאָבראַזשענסקי. אַרטיקל „דער גרונט־געזעץ פון דער סאָציאַליסטישער אָנזאַמלונג", „וועסטניק קאָמאַקאַדעמיאַי", 1924 יאָר, נומ. 8).

עס איז קוים נויטיק צו דערווייזן, אַז כ' פרעאָבראַזשענסקי שלאָגט זיך אַראָפּ אַפן וועג פון ניטדערלאָזבאַרע סטירעס צווישן די אינטערעסן פון אונזער אינדוסטריע און די אינטערעסן פון דער פויערשער ווירטשאַפט פון אונזער לאַנד,—דאָס הייסט, אַפן וועג פון די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע־מעטאָדן.

איך האַלט, אַז ווען כ' פרעאָבראַזשענסקי גלייכט צו די פויערשע ווירטשאַפט צו אַ „קאָלאָניע" און פרואווט זיך בויען די באַציאונגען צווישן דעם פראָלעטאַריאַט און פויערטום אַלס עקספּלואַטאַציע־באַציאונגען,—רייסט ער דערמיט גופא אַרונטער, פרואווט ער זיך אַרונטעררייסן, אַליין דאָס ניט פאַרשטייענדיק, די יעסוידעס פון יעטווידער מעגלעכער אינדוסטריאַליזאַציע.

איך באַהויפּט, אַז דידאָזיקע פּאָליטיק האָט קיין שום שייכעס ניט צו דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, וואָס בויט די זאַך

פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אַפן יעסאָד פון דער עקאָנאָמישער מיטארבעטערשאפט צווישן דעם פראָלעטאריאַט און פויערטום.

דאָסזעלבע, אָדער קימאַט דאָסזעלבע, דאַרף מען זאָגן וועגן כ' טראָצקי, וואָס האָט מוירע פאַר א „גוטער גערע־טעניש" און מיינט, אפּאָנים, אז א גוטע גערעטעניש איז א געפאַר פונם שטאַנדפונקט פון דערווירטשאַפטלעכער אנט־וויקלונג פון אונזער לאַנד. אָט וואָס ער האָט געזאָגט, לעמאָשל אָפן אַפּרעל-פּלענום:

„אין דידאָזיקע באַדינגונגען (טראָצקי רעדט וועגן די באַדינגונגען פון דער מאָדערנער דיספּראָפּאָרציע) קאָן א גו-טע גערעטעניש, ד. ה. א פאטענציעל אויסגעוואקסענער סכום סכוירעס-מויסרעסן פון דער ווירטשאַפט, ווערן א פאק-טאָר, וואָס ניט ער פאַרגיכערט דעם טעמפּ פון דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג אין דער ריכטונג צום סאָציאליזם, נאָר, אדעראבע, ער דעזארגאניזירט די עקאָנאמיק, וואָס פאַרשאַרפט די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן שטאָט און דאָרף, און אינע-ווייניק אין שטאָט גופע—צווישן די געברויכער און דער מע-לוכע. פראקטיש גערעדט, א גוטע גערעטעניש — בא דער אָפּוועזנהייט פון אינדוסטריעלע סכוירעס — קאָן בא-דייטן דאָס טרייבן פון דער טוואוע אין א גרויסן סכום סא-מאגאן און ווידער אויסגעוואקסענע שטאָטישע רייען*). פּאָליטיש וועט דאָס באַדייטן א קאמף פונם פויער קעגן דער מאָנאפּאל אפן אויסערן-האַנדל, ד. ה. קעגן דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע". (סטענאָגראַמע פון דער זיצונג פונם אַפּרעל-פּלענום פון צ. ק. טראָצקיס אויסבעסערונגען צום פּראָ-יעקט פון דער רעזאָלוציע פונם כ' ריקאָוו, זייט 164).

*) „אטשערעדן". איבערזעצער.

עס לוינט בלויז צו פאַרגלייכן דידאָזיקע מער ווי מאָדנע דערקלערונג פונם כ׳ טראָצקי מיט דער דערקלערונג פון כ׳ לענין אינם פעריאָד פון סאַמע פאַרשאַרפטן סכוירעס-הונגער וועגן דעם, אַז „אַ גוטע גערעטעניש איז אַ רעטונג פאַרן לאַנד״, קעדיי צו פאַרשטיין די גאַנצע ניטריכטיקייט פונם כ׳ טראָצקיס דערקלערונג.

כ׳ טראָצקי אָנערקענט ניט אָפּאָנים יענע האַנאָכע, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע קאָן זיך אַנטוויקלען בא אונז בלויז דורך אַ ביסלעכווייזער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דאָרף.

כ׳ טראָצקי גייט אָפּאָנים אַרויס פון דעם, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן בא אונז דורך אַ געוויסער אַזוי צו זאָגן „ניט גוטער גערעטעניש״.

פון דאַנען נעמען זיך די פּראַקטישע פאָרשלאָגן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק מיקויעך אויפהויבן די פאַבריק-פרייזן, מיקויעך דעם שטייערן-פּרעס אָפּן פּויערטום א. א. וו., די פאָרשלאָגן, וואָס פירן ניט צו פאַרפעסטיקונג פון דער עקאָנאָמישער מיטאַרבעטערשאַפט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, נאָר צו איר צעפאַלונג, ניט צום צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט אין געביט פון ווירטשאַפטלעכער בויאונג, נאָר צום אָראָפּרייסן דידאָזיקע באַדינגונגען, ניט צום צוזאַמענשלוס פון דער אינדוסטריע מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט, נאָר צו זייער פאַנאַנדערשלוס.

אייניקע ווערטער וועגן דער דיפערענציאַציע פונם פּויערטום. אַלעמען איז באַוואוסט דער טומל און די פּאַניק פון דער אָפּאָזיציע מיקויעך דעם וואוקס פון דער דיפערענציאַציע. אַלעמען איז באַוואוסט, אַז קיינער האָט ניט אָנגעמאַכט אַזאַ פּאַניק מיקויעך דעם וואוקס פונם פּריוואַטן קליינעם קאַפּיטאַל אין דאָרף, ווי די אָפּאָזיציע. וואָס אָבער לאָזט זיך אויס אין דער ווירקלעכקייט? אָט וואָס. ערשטנס, די דיפערענציאַציע צווישן דעם

פויערטום, ווי דאָס האָט באַוויזן אין זיין פּאָרטראג כ׳ ריקאָוו,
קומט פאָר אין גאָר איינגנארטיקע פאַרמען, אין די באַדינגונ-
גען פון אונזער ווירקלעכקייט, ניט דורך „ארויסוואַקשן" דעם
מיטלפויער, נאָר, אדערבּע, דורך זיין פארשטאַרקונג, באַ א באַ=
דייטנדיקן פאַרשמעלערן די עקסטרעמע פאַלוסן, דערביי אין אזוי-
נע פאקטאָרן, ווי די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד, די מאַסן-
קאָאָפּערירונג פונם פויערטום, אונזער שטייערן=פּאָליטיק א. א. וו.,
קאָנען ניט ניט שאַפן קיין געוויסע ראמען און באַגרעניצונגען פאַר
דער דיפערענציאַציע גופע.

צווייטנס,—און דאָס איז דער איקער,—דער וואוקס פונם פּרי-
וואַטן קליינעם קאַפּיטאַל אין דאָרף ווערט געדעקט און איבער=
געדעקט פון אזא אנטשיידענעם פאַקטאָר, ווי די אנטוויקלונג פון
אונזער אינדוסטריע, וואס פאַרפעסטיקט די פּאָזיציע פונם פּראָ-
לעטאַריאַט און פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמען און
וואָס שטעלט פאָר דעם איקערדיקן קעגנגיפט קעגן די קאָלערליי
פאָרמען פונם פּריוואטן קאַפּיטאַל.

אָט די אַלע אומשטענדן זיינען אַפּאָנים אַוועק פאַרביי דעם
זע-קרייז פון דער נייער אָפּאָזיציע, וואָס זעצט פאָר מיט אימפּעט
צו שרייען און פאַרשפּרייטן א פּאַניק מיקויעך דעם פּריוואַטן
קאַפּיטאל אין דאָרף.

עפשער וועט זיין ניט איבעריק צו דערמאָנען דער אָפּאזי-
ציע לעניס ווערטער מיקויעך דעמדאָזיקן איניען. אָט וואָס עס
זאָגט מיקויעך דעם כ׳ לענין:

„יעדע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון דער גרויסער
פּראָדוקציע, די מעגלעכקייט אוועקצולאָזן אייניקע גרויסע פאַ=
בריקן, פאַרפעסטיקט אַף אזוי פיל די לאַגע פונם פּראָלעטאַ-
ריאַט, אז מוירע האָבן פאַר דער סטיכיע פון דער קליינבור=
זשואזיע, אפילע פון אַן אויפוואקסנדיקער, איז ניטאָ וואָס.
ניט דערפאַר דאַרף מען מוירע האָבן, אַז די קליינבורזשואזיע
און דער קליינער קאַפּיטאַל וועלן אויסוואקסן. מע דאַרף מוירע

האָבן פאַר דעם, אז צו לאנג וועט דויערן דער צושטאנד פון נויט, מאַנגל פון פראָדוקטן, וואָס דערפון דרינגט שוין ארויס די אָפּשוואכונג פונם פראָלעטאַריאַט, זיין אומעגלעכקייט איינ-צושטיין קעגן דער סטיכיע פון די קליינבירגערלעכע וואקלונ-גען. בא דער פאַרגרעסערונג פון סכום פראָדוקטן וועט קיין שום אנטוויקלונג פון דער קליינבורזשואזיע ניט זיין קיין גרוי-סער מינוס, אף וויפל דאָס גיט די אנטוויקלונג פון דער גרוי-סער אינדוסטריע" (לענין, באַנד 18, טייל 1, זייט 154—155).

צי וועלן ווען עס איז איז פאַרשטיין די כאַוויירים פון דער אָפּאָזיציע, אז די פאַניק צוליב דער דיפערענציאַציע און דעם פריוואטן קאַפיטאַל אין דאָרף איז די צווייטע זייט פון ניט-גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דער זיגרייכער סאָציאַליסטישער בוי-אונג אין אונזער לאַנד?

אייניקע ווערטער וועגן דעם קאַמף פון דער אָפּאָזיציע קעגן דעם אפּאַראט און דעם „רעזשים" אין דער פאַרטיי.

אין וואָס באַשטייט דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע קעגן דעם פאַרטיי-אַפּאַראַט, וועלכער שטעלט פאָר דעם אָנפירנדיקן קערן פון אונזער פאַרטיי? מע דאַרף קוים דערווייזן, אז דער קאַמף פון דער אפּאָזיציע אין דעמדאָזיקן געביט באַשטייט סאָפּ-קאָלסאָף אין פרואוון צו דעזאָרגאַניזירן די פאַרטייאישע אָנפירונג און אנטוואָפּענען די פאַרטיי אין איר קאַמף פאר דער פארבעסע-רונג פונם מעלוכישן אַפּאַראַט, פאַרן ארויסטרייבן דעם ביוראקראַ-טיזם פון דעמדאָזיקן אַפּאַראַט, פאר דער אָנפירונג מיטן מעלוכע-אַפּאַראַט.

צו וואָס פירט דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע מיטן „רע-זשים" אין דער פאַרטיי? דערצו, אַז מע זאָל צעשטערן די איי-זערנע דיסציפלין אין דער פאַרטיי, וואס אן איר קאָן ניט גע-מאָלט זיין די דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאט, דערצו, אַז מע זאָל צעטרייסלען סאָפּקאָלסאָף די יעסוידעס פון דער דיקטאטור פון פראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי איז דעריבּער געגרעכט, ווען זי באהויפּטעט, אז די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טאָעסן פון דער אפּאזיציע זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם דראַנג פון די ניט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אף אונזער פּאַרטיי, אף דער דיקטאטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אָט דאָס זיינען, כאַווערים, די פּאָליטישע טאָעסן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

IV

# אייניקע אויספירן.

אָט דאָ ניט לאַנג האָט כ' טראָצקי דערקלערט אַפן פּלענום פון צ"ק און צק"ק, אַז דאָס אָנעמען פון דער קאָנפערענץ די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק מוז אומבאַדינגט פירן צום אויסשליסן פון דער פּאַרטיי די לידערס פון דער אָפּאָזיציע, איך מוז דערקלערן, כאַווערים, אַז דידאָזיקע דערקלערונג פונם כ' טראָצקי האָט ניט קיין שום גרונט, אַז זי איז דורך און דורך אַ פאַלשע. איך מוז דערקלערן, אַז דאָס אָנעמען די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק קאָן האָבן בלויז איין ציל: אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף מיט די פּרינציפּיעלע טאָעסן פון דער אָפּאָזיציע מיטן צוועק זיי פולשטענדיק צו גויווער זיין.

אַלעמען איז באוואוסט, אַז דער 10-טער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אנארכא-סינדיקאַליסטישן אָפּנויג. און וואָס איז אַזוינס דער אנארכא-סינדיקאַליסטישער אָפּנויג? מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער אנארכא-סינדיקאַליסטישער אָפּנויג זאָל זיין „בעסער" פונם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג. אָבער פונם פאַקט פון אָנעמען די רעזאָלוציע וועגן דעם אנארכא-סינדיקאַליסטישן אָפּנויג האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט געמאַכט דעם אויספיר, אַז די מיטגלידער פון דער

„אַרבעטער-אָפּאָזיציע" דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַר-
טיי.

כ' טראָצקי קאָן ניט ניט וויסן, אַז דער 13-טער צוזאַמענ-פאָר פון אונזער פּאַרטיי האָט דערקלערט דעם טראָצקיזם אַלס „בעפיירעש אויסגעדריקטן קליינבירגערלעכן אָפּנויג". און דאָך האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט גערעכנט, אַז דאָס אָנעמען אַזאַ רעזאָלוציע קאָן ברענגען צום אויסשליסן פון דער פּאַרטיי די לידערס פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע.

אָט איז דאָס אַנטשפּרעכנדיקע אָרט פון דער רעזאָלוציע פונם 13 צוזאַמענפאָר:

„אין דער פּערזאָן פון דער איצטיקער אָפּאָזיציע האָבן מיר פאַר זיך ניט בלויז אַ פּרואוו צו רעווידירן דעם באָלשע-וויזם, ניט בלויז אַ פּאָשעטן אָפּגאַנג פון לעניניזם, נאָר אויך אַ בעפיירעש אויסגעדריקטן קליינבירגערלעכן אָפּנויג. עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דידאָזיקע „אָפּאָזיציע" שפּיגלט אָפּ אָביעקטיוו דעם דראַנג פונם קליינ-בירגערטום אַף די פּאָזיציעס פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט און אַף איר פּאָליטיק" (פון דער רעזאָלוציע פונם 13 צוזאַמענ-פאָר).

זאָל אונז דערקלערן כ' טראָצקי, מיט וואָס איז בעסער דער קליינבירגערלעכער אָפּנויג פונם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן. צי איז דען שווער צו פאַרשטיין, אַז דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּנויג איז א מין קליינבירגערלעכער אפּנויג? צי איז דען שווער צו פאַרשטיין, אַז ווען מיר ריידן וועגן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג, פאַרפּינקטלעכן מיר בלויז דאָס, וואָס בא אונז איז גע-זאגט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע פון 13-טן צוזאַמענפאָר? מיר דערקלערן קלאָר ניט די לידערס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק פאַר סאָציאַל-דעמאָקראַטן. מיר זאָגן בלויז, אַז באַם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק האָט זיך אָנגעמערקט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּנויג, און מיר וואָרענען, אַז עס איז נאָך ניט שפּעט אָוועקצוגיין פון

דעמדאָזיקן אָפּנויג, וואָס צו דעם רופן מיר טאַקע דעם אָפּאָזיצי-אָנעלן בלאָק.

און אָט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן טראָצקיזם אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון צ. ק. און צ. ק. ק. אין יאַנ-וואַר 1925 יאָר:

„אין טאָך פון דער זאַך איז דער מאָדערנער טראָצקיזם א פאַלסיפיקאַציע פונם קאָמוניזם אין גייסט פון א דערנענטע-רונג צו די אייראָפּעאישע מוסטערן פון פסעוודאָ-מאַרקסיזם, ד. ה. סאָפּקאָלסאָף אין גייסט פון דער „אייראָפּעאישער" סאָצי-אַל-דעמאָקראַטיע". (פון דער רעזאָלוציע פון די פּלענומס פון צ. ק. און צ. ק. ק. פון 17 יאַנוואַר 1925 יאָר).

איך מוז זאָגן, אַז אָט די ביידע רעזאָלוציעס זיינען אין גרונט גענומען געשריבן געוואָרן מיט דער האַנט פונם כ׳ זינאָוו-יעוו. אָבער ניט נאָר די פּאַרטיי אין גאַנצן גענומען, נאָר אָפילע כ׳ זינאָוויעוו ביפראַט האָבן דערפון ניט געמאַכט קיין אויספירן, אַז די לידערס פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע דאַרפן אויס-געשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי.

עפשער וועט ניט איבעריק זיין צו דערמאָנען כ׳ קאַמע-ניעווס מיינונג וועגן טראָצקיזם, וואָס פאַרגלייכט דעם טראָצקיזם צום מענשעוויזם. הערט:

„דער טראָצקיזם איז שטענדיק געווען די סאַמע לייטישע, די סאַמע פאַרדעקטע, די סאַמע צוגעפּאַסטע צום באַשווינדלען גראָד דעם רעוואָלוציאָנער געשטימטן טייל אַרבעטער פאָרם פון מענשעוויזם" (זאַמלבוך פון די אַרטיקלען „פאַרן לעניניזם". ל. קאַמעניעוו—„די פּאַרטיי און דער טראָצקיזם", זייט 51).

אָט די אַלע פאַקטן זיינען באַוואוסט דעם כ׳ טראָצקי ניט ווינציקער, איידער יעדערן פון אונז דאָך האָט נאָך קיינער ניט געשטעלט די פראַגע וועגן אויסשליסן דעם כ׳ טראָצקי און

זיינע מיינונגס-כאַווייררים אַפֿן סמאַך פֿון די רעוואָלוציעס, לאָמיר זאָגן, פֿונם 13-טן צוזאַמענפֿאָר.

אָט פֿאַרוואָס איך מיין, אַז די דערקלערונג פֿונם כ׳ טראָצקי אַפֿן פּלענום פֿונם צ״ק און צק״ק איז אַ ניטאויפֿריכטיקע, דורך און דורך אַ פֿאַלשע.

באַווייליקנדיק אין גרונט די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, האָט דער אָקטיאַבער-פּלענום פֿון צ״ק און צק״ק געהאט אין זינען ניט קיין רעפּרעסיעס, נאָר די נויטיקייט פֿון אַ אידייאישן קאַמף מיט די פּרינציפּיעלע טאָעסן פֿון דער אָפּאָזיציע, וואָס פֿון זיי זאָגט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּ די אָפּאָזיציע און וואָס פֿאַר זיי האט זי בעדייע צו קעמפֿן אויך לעהאַבע, אין די ראַמען פֿון סטאַטוט, ווי זי טיילט מיט וועגן דעם אין איר „מעלדונג” פֿונם 16 אָקטיאַבער. האַנדלענדיק אַזוי, איז דער פּלענום פֿון צ״ק און צק״ק ארויסגעגאַנגען דערפֿון, אַז דער קאַמף מיט די פּרינציפּיעלע טאָעסן פֿון דער אָפּאָזיציע איז דאָס איינציקע מיטל אָף גויוועך צו זיין זיי, און דאָס גויוועך זיין זייערע טאָעסן איז דער איינציקער וועג צו דער ווירקלעכער איינהייט אין אונזער פּאַרטיי. מיטן צעשלאָגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק און צווינגען אים אָפּצוזאָגן זיך פֿון פֿראַקציאָנערישקייט, האט זיך די פּאַרטיי דערמיט דערשלאָגן דעם נויטיקן מינימום, וואָס אָן אים איז אומעגלעך די איינהייט אין דער פּאַרטיי. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט ווינציק. אָבער דאָס איז ניט גענוג. קעדיי צו דערשלאָגן זיך אַ פֿולשטענדיקע איינהייט, איז נויטיק צו מאַכן נאָך אַ טריט פֿאָרויס און דערשלאָגן זיך, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיינע פּרינציפּיעלע טאָעסן און אַזוי ארום פֿאַרהיטן די פּאַרטיי און דעם לעניניזם פֿון אַטאַקעס און רעווידיר-פּרוּוון.

דאָס איז דער ערשטער אויספֿיר.

אָפּוואַרפֿנדיק די פּרינציפּיעלע פּאָזיציע פֿונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק און אָפּוואַרפֿנדיק אָן אַ זייט די פּרוּוון פֿון דער אָפּאָזי-

ציע צו אַ נייער דיסקוסיע, האבן די פּאַרטייאישע מאַסן געזאָגט: איצט איז ניט קיין צייט פאַר פּלוידעריי. שוין צייט צו נעמען זיך האַרט פאַר דער זאַך פון סאָציאַליסטישער בויאונג. פון דאַנען איז דער אויספיר: וואָס ווייניקער פּלוידעריי, וואָס מער שעפערישע פּאָזיטיווע אַרבעט, פאָרויס פאַר דער סאָציאַליס-טישער בויאונג!

דאָס איז דער צווייטער אויספיר.

און דער דריטער אויספיר באשטייט אין דעם, וואָס אינם גאַנג פונם אינערלעך-פּאַרטייאישן קאַמף און אינם גאַנג פון אָפּ-שלאָגן די אַטאַקעס פון דער אָפּאָזיציע האט די פּאַרטיי זיך צו-זאַמענגעהעפט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אַ פ ן ג ר ו נ ט פון די סאָציאַ-ליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג.

דאָס איז דער דריטער אויספיר.

די פּאַרטיי, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעהעפט אַ פ ן ג ר ו נ ט פון די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג,—דאָס איז יענער הויבער, וועלכער איז איצט אזוי נויטיק, קעדיי א שטויס צו טאָן פאָרויס די סאָציאַליסטישע בויאונג אין אונזער לאַנד.

דעמדאָזיקן הויבער האבן מיר אויסגעשמידט אינם קאַמף מיטן אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

דער קאַמף האט צוזאַמענגעהעפט אונזער פּאַרטיי אַרום איר צ"ק אַפן גרונט פון די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג.

די קאָנפערענץ דאַרף אויספאָרמירן דידאָזיקע צוזאַמענ-העפטונג דורך דעם, וואס זי וועט, האָף איך, איינשטימיק אָנע-מען די טעזיסן, וועלכע זיינען איר פאַרגעלייגט געוואָרן דורכן צענטראַל-קאָמיטעט.

איך צווייפל ניט, אז די קאָנפערענץ וועט אויספילן איר אַרבעט מיט ערע. (די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ באַ-גלייטן שטייענדיק דעם כ׳ סטאַלין מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָ-דיסמענטן).

# שלוסוואָרט

I

## וועגן אייניקע אלגעמיינע פראגן.

### דער מארקסיזם איז ניט קיין דאגמע, נאָר א וועג־ווייזער צו טאט.

כאווירים! אין מיין פאָרטראג האָב איך געזאגט, אַז דער מאַרקסיזם איז ניט קיין דאגמע, נאָר אַ וועגווייזער צו טאַט, אַז ענגעלסעס באַוואוסטע פאָרמול, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין די 40-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען אַ ריכטיקע אין איר צייט, נאָר איצט איז זי געוואָרן אַ ניטגעניגנדיקע. איך האָב געזאָגט, אַז זי דארף דעריבער ווערן פאַרביטן מיט לעניִנס פאָרמול וועגן דעם, אַז באַ די נייע באַדינגונגען פון דער אנט-וויקלונג פונם קאַפּיטאליזם און פון קלאַסנקאַמף פונם פראָלעטאַ-ריאַט איז דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין באַזונדערע לענדער גאַנץ מעגלעך און ווארשיינלעך.

מע האָט מיר דערווידערט בעאייס די דעבאַטן. באַזונדערס האָט זיך אין דעם פראַט געסטאַרעט כ׳ זינאָוויעוו. איך בין דע-ריבער געצוויט איבעראנייס אַוועקצושטעלן דידאָזיקע פראגע און באַלויכטן זי מער אויספירלעך.

איך האלט, אז כ׳ זינאָוויעוו האָט ניט געלייענט ענגעלסעס „פּרינציפּן פון קאָמוניזם", און אויב ער האָט געלייענט, — האָט ער זיי ניט פאַרשטאַנען, אַניט וואָלט ער ניט גענומען דערווידערן, אַניט וואָלט ער דיסקאָנטירט דעם פאַקט, אַז פאַר ענגעלסעס אלטער פאָרמול קלאַמערט זיך איצט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין איר קאַמף קעגן לענינִיזם, אַניט וואָלט כ׳ זינאָוויעוו פאַרשטאַנען, אז גייענדיק אין די דראָכים פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, קאָן מען אריינפאַלן אין געוויסע געפאַרן פון „איבערגעבורט".

אָט וואָס ענגעלס זאָגט אין זיינע „פּרינציפּן פון קאָמוניזם", וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסלייגונג פון באזונדערע האַנאָכעס אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערן.

„פ ר אַ ג ע. צי איז מעגלעך דורכצופירן דאָס אָפּשאַפן פּריוואַט-אייגנטום מיטאַמאָל?"

„ע נ ט פ ע ר. ניין, אומעגלעך, פונקט אזוי, ווי מע קאָן מיטאמאָל ניט פאַרגרעסערן די פאַראַנענע פּראָדוציר-מיטלען אין אזאַ פאַרנעם, וואָס איז נויטיק אף צו שאַפן א געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע. דעריבער וועט די ר ע װ אָ ל ו צ י ע פ ו נ ם פ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט, וואָס וועט גאַנץ ווארשיינלעך פאָרקומען, קאָנען בלויז בעהאדראָגע איבערבראַנדערשן די איצטיקע געזעלשאַפט און ערשט נאָכדעם אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, ווען עס וועט שוין געשאַפן ווערן די נויטיקע דערצו מאסע פּראָדוציר-מיטלען".

„פ ר א ג ע. ווי וועט זיין דער גאנג פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע?"

„ע נ ט פ ע ר. קוידעמקאָל וועט זי שאַפן א דעמאָקראַטישע אָרדענונג און דערמיט גופע, דירעקט אדער אומדירעקט, די פּאָליטישע הערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט".

דאָ האנדלט זיך אפּאָנים וועגן אראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און דעראָבערן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. איר ווייסט,

כאווירים, אז דערדאָזיקער פונקט איז בײַ אונז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן, ער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט (שטימען: „עמעס!" „ריכטיק!"). ווייטער:

„די דעמאָקראַטיע וואָלט געווען אַבסאָלוט נוצלאָז פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווען מע זאָל זיך מיט איר ניט אויסנוצן טייקעף ווי מיט אַ מיטל אויף דורכצופירן ברייטע מאָסמיטלען, וואָס פאַרמעסטן זיך דירעקט אויפן פּריוואַט-אייגנטום און זיכערן די עקזיסטענץ פונעם פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע וויכטיקסטע מאָסמיטלען, וואָס דרינגען אַרויס פון די איצט עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, זײַנען פאָלגנדיקע:

„1) די באַגרענעצונג פונעם פּריוואַט-אייגנטום: פּראָגרעסיווער שטייער, הויכער שטייער אויף ירושעס, די אָפּשאַפונג פון ירושענען לויט די זײַטיקע ליניעס (ברידער, פּלימעניקעס א. א. וו.), צוואַנג-האַלוואָעס א. א. וו.".

איר ווייסט, אַז דידאָזיקע מאָסמיטלען זײַנען פאַרווירקלעכט און ווערן פאַרווירקלעכט בײַ אונז מיט אַ ברייטער האַנט. ווייטער:

„2) די בעהאַדראָגיקע עקספּראָפּריאַציע פון די ערד-אייגנטימער, פאַבריקאַנטן, אייגנטימער פון אײַזנבאַנען און יאַם-שיפן, טיילווײַז דורך דער קאָנקורענץ מיצאַד דער מעלוכישער אינדוסטריע, טיילווײַז דירעקט דורך אויסקויפן מיט אַסיגנאַטן".

איר ווייסט, אַז דידאָזיקע מאָסמיטלען זײַנען אויך דורכגעפירט געוואָרן בײַ אונז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון אונזער רעוואָלוציע. ווייטער:

„3) די קאָנפיסקאַציע פונעם פאַרמעגן פון די עמיגראַנטן און בונטאָווטשיקעס, וואָס זײַנען אויפגעשטאַנען קעגן דער מערהייט פון פאָלק".

איר ווייסט, אז מיר האָבן שוין קאָנפיסקירט און איבערקאָנפיסקירט אַזוי, אַז ווײַטער איז ניטאָ וואוהין צו גיין (געלעכטער). ווייטער:

„4) דאָס אָרגאַניזירן די אַרבעט אדער געבן באַשעפטיקונג די פּראָלעטאַריער אין די נאַציאָנאַלע גיטער, פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואָס אַדאַנק דעם וועט באַזייטיקט ווערן די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער, און די פאַבריקאַנטן, אַף וויפל זיי וועלן נאָך איבערבלייבן, וועלן זיין גענויט צו צאָלן דאַסזעלבע הויכע געצאָלט, ווי די מעלוכע".

עס איז באַוואוסט, אַז אַפן דאָזיקן וועג שטייען מיר, אַפן דאָזיקן וועג האַלטן מיר אָפּ אַ ריי ניצחוינעס און אינעם איקער ווערט שוין דערדאָזיקער פּונקט פאַרווירקלעכט. ווייטער:

„5) גלייכע צוואַנג-אַרבעט פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט ביז דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פונם פּריוואַט-אייגנטום. דאָס שאַפן אינדוסטריעלע אַרמייען, באַזונדערס פאַר דער לאַנדווירטשאַפט".

איר ווייסט, אַז מיר האָבן פּרובירט דעמדאָזיקן וועג אינעם פּעריאָד פונם מיליטערישן קאָמוניזם אין דער פאָרם פון אָרגאַניזירן אַרבעט-אַרמייען. אָבער אַפן דאָזיקן וועג האָבן מיר זיך קיין גרויסע רעזולטאַטן ניט דערשלאָגן. מיר זיינען נאָכדעם אַוועק צום דאָזיקן ציל מיט אַרומיקע וועגן, און ס'איז ניטאָ קיין גרונט צו צווייפלען, אַז אינעם דאָזיקן געביט וועלן מיר זיך דערשלאָגן אַנטשיידנדיקע ערפאָלגן. ווייטער:

„6) די צענטראַליזאַציע פון דער קרעדיט-סיסטעם און פונם געלט-האַנדל אין די הענט פון דער מעלוכע דורכן נאַציאָנאַלן באַנק מיט מעלוכישן קאַפּיטאַל. דאָס פאַרמאַכן אַלע פּריוואַטע בענק און באַנק-קאַנטאָרן".

דאָס איז שוין אויך, כאַווײרים, ווי אייך איז גוט באַוואוסט, אין גרונט גענומען, פאַרווירקלעכט געוואָרן בײַ אונז. ווייטער:

„7) די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל נאַציאָנאלע פאבריקן, ווארשטאַטן, אייזנבאַנען און יאם-שיפן, דאָס באארבעטן אַלע ערדן, וואָס בלייבן איבער ניטבאארבעט, און דאָס פארבעסערן די באַארבעטונג פון די שוין באארבעטע ערדן בעהעסקעם מיט דעם, ווי עס ווערן פאַרגרעסערט די קאפיטאלן און עס וואקסט די צאָל ארבעטער, וועלכע די נאציע פארמאָגט".

איר ווייסט, אז אויך דידאָזיקע זאך ווערט פאַרווירקלעכט און גייט בײַ אונז פאָרויס, וואָס דערצו ווירקט מיט אף אלע אויפאנים אי די נאַציאָנאליזאציע פון דער ערד, אי די נאציאָנאליזאַציע פון די גרונט-צווייגן פון דער אינדוסטריע. ווייטער:

„8) דאָס דערציען די קינדער פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיי קאָנען זיך באַגיין אָן דער מוטערס אויפזיכט, אין די מעלוכישע אנשטאַלטן און אפן מעלוכישן כעשבן".

דידאָזיקע זאַך ווערט בײַ אונז פאַרווירקלעכט, נאָר זי איז נאָך ווייט ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל, רואינירטע דורך דער מילכאָמע און אינטערווענציע, זיינען מיר נאָך ניט בעקויעך צו נעמען אַף מעלוכישע באַזאָרגונג די דערציאונג פון אַלע קינדער אין דער מעלוכע. ווייטער:

„9) דאָס אויסבויען גרויסע פאַלאַצן אין די נאַציאָנאַלע גיטער אַלס קאָהאָלשע וואוינונגען פאַר די קאָמונעס פון די בירגער, וועלכע וועלן זיך פאַרנעמען מיט אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און פארייניקן די מאַילעס פון שטאָטישן און דאָרפישן ארט-לעבן, ניט ליידנדיק פון זייער איינזייטיקייט און כעסרוינעס".

עס האַנדלט זיך, ווי ס'איז צו זעען, וועגן דער וואוינונגספראַגע אין גרויסן מאַסשטאַב. איר ווייסט, אַז דעמדאָזיקן איניען רוקן מיר פאָרויס. און אויב ער איז אינם איקער נאָך ניט פאַרווירקלעכט און וועט נאָך מיסטאמע ניט גיך פאַרווירקלעכט ווערן, איז דאָס דערפאַר, ווייל, באַקומען ביערושע אַ רואינירטע אינדוסטריע, האָבן מיר נאָך ניט באַוויזן און האָבן ניט געקאָנט באַ-

ווײַזן אָנצוזאַמלען גענוגנדיקע פאָנדן פאַר אַ ברייטער וואוינונגס-בויאונג. ווייטער:

„10) דאָס צעשטערן אַלע ניטגעזונטע און שלעכט אויס-געבויטע וואוינונגען און קווארטאלן אין די שטעט".

דערדאָזיקער פונקט איז אַ באַשטאַנד-טייל פונם פאָריקן פונקט,—דעריבער איז דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן מיקויעך דעם פאָריקן פונקט, דאַרף זיך באַציען אויך צום דאָזיקן פונקט. ווייטער:

„11) גלייכע ירושע-רעכט פאַר הייראטלעכע און אויסער-הייראטלעכע קינדער".

מיר דוכט זיך, אַז מיט דעמדאָזיקן איניען איז באַ אונז, אזוי צו זאָגן, קעשורע. ענדלעך דער לעצטער פונקט:

„12) די קאָנצענטראַציע פונם גאַנצן טראַנספּאָרט-ווען אין די הענט פון דער נאַציע".

איר ווייסט, אַז דערדאָזיקער איניען איז שוין באַ אונז פולקום פאַרווירקלעכט.

אָט דאָס איז, כאַווײרים, די פּראָגראַם פון דער פּראָלעטאַ-רישער רעוואָלוציע, וואָס ענגעלס האָט געגעבן אין זיינע „פּרינ-ציפּן פון קאָמוניזם".

איר זעט, כאַווײרים, אַז ניין צענטל פון דערדאָזיקער פּראָ-גראַם זיינען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך אונזער רעוואָ-לוציע.

ווייטער:

„פּראַגע. צי קאָן דידאָזיקע רעוואָלוציע (וואָס וועגן איר איז אויבן גערעדט געוואָרן. י. סט.) פאָרקומען אין וועלכן ניט איז איין לאַנד?"

„ענטפער. ניין *). די גרויסע אינדוסטריע האָט שוין דער-מיט, וואָס זי האָט געשאַפן דעם וועלט-מאַרק, אזוי פאַרבונדן

*) דער קורסיוו איז אומעטום מיינער. י. סט.

צווישן זיך אַלע פעלקער פונם ערד-קיילעך, באַזונדערס די ציוויליזירטע פעלקער, אַז יעדעס פון זיי הענגט אָפּ פון דעם, וואָס עס קומט פאָר באַם צווייטן. דאַן האָט די גרויסע אינדוסטריע אַזוי אויסגעגלייכט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, אַז אומעטום זיינען די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט געוואָרן צוויי אַנטשיידנדיקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, און דער קאַמף צווישן זיי איז דער הויפּט-קאַמף פון אונזער צייט. דעריבער וועט די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע זיין ניט בלויז אַ נאַציאָנאַלע, נאָר זי וועט פאָרקומען גלייכצייטיק אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, ד. ה. לעכאָלאַפּאָכעס אין ענגלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד..." (זע פ. ענגעלס, „פּרינציפּן פון קאָמוניזם").

אָט ווי אַזוי עס האַלט מיט דעם איניען, כאַווייירים.

ענגעלס האָט געזאָגט, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע מיט דער אויבן אָנגעוויזענער פּראָגראַם קאָן ניט פאָרקומען אין אַן איינצל לאַנד. און די פאַקטן זאָגן, אַז אין די נייע באַדינגונגען פונם קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, אין די באַדינגונגען פונם אימפּעריאַליזם, האָבן מיר אינם איקער שוין דורכגעפירט אַזאַ רעוואָלוציע אין אַן איינצל לאַנד, אין אונזער לאַנד, און האָבן פאַרווירקלעכט ניין צענטל פון איר פּראָגראַם.

כ' זינאָוויעוו קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן אַ טאָעס געהאַט דערמיט, וואָס מיר האָבן פאַרווירקלעכט דידאָזיקע פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן פאַרווירקלעכט דידאָזיקע פונקטן (געלעכטער). גאַנץ מעגלעך, אַז מיר האָבן דערלאָזן אַ געוויסע „נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט" דערמיט, וואָס מיר האָבן פאַרווירקלעכט דידאָזיקע פונקטן (געלעכטער). גאַנץ מעגלעך. אָבער איין זאַך איז דאָך קלאָר, אַז דאָס, וואָס ענגעלס האָט אין די 40-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, אין די באַדינגונגען פונם פּארמאנאפּאלי-

טישן קאַפּיטאַליזם געהאַלטן פאַר ניט צו פאַרווירקלעכן און פאַר-
אומעגלעך פאַר איין לאַנד, איז געוואָרן צו פאַרווירקלעכן און
מעגלעך אין אונזער לאַנד אין די באַדינגונגען פונם אימפּע-
ריאַליזם.

פאַרשטייט זיך, ווען ענגעלס וואָלט געלעבט, וואָלט ער
זיך ניט געננומען קלאַמערן פאַר דער אַלטער פאָרמול, נאָר,
אַדעראַבע, ער וואָלט דורכויס באַגריסט אונזער רעוואָלוציע,
זאָגנדיק: „צום טייוול אלע אלטע פאָרמולעס, לעבן זאָל די זיג-
רייכע רעוואָלוציע אין פסס״ר!״ (אַפּלאָדיסמענטן). אָבער ניט אַזוי
טראַכטן די הערן פונם לאַגער פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. זיי
קלאַמערן זיך פאַר דער אַלטער פאָרמול ענגעלסעס, קעדיי פאַר
דעקנדיק זיך מיט איר, פאַרלייכטערן דעם קאַמף קעגן אונזער
רעוואָלוציע, קעגן די באָלשעוויקעס. דאָס איז זייער זאַך, פאַר-
שטייט זיך. שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס כ׳ זינאָוויעוו סטאַרעט
זיך נאָכטאָן דידאָזיקע הערן און שטעלט זיך אינם געגעבענעם
פאַל אַפן וועג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

ברענגענדיק ענגעלסעס פאָרמול און אַנטוויקלענדיק זי
אויספירלעך, האָב איך געהאַט אין זינען דריי טאַימים: ערשטנס,
מיטן אנטקעגנשטעלן לעניגנס פאָרמול וועגן דער מעגלעכקייט פונם
ניצחון פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד קעגן ענגעלסעס פאָרמול,
וועלכע איז דער עקסטרעמסטער און שאַרפסטער אויסדרוק פונם
שטאַנדפּונקט פון די מאַרקסיסטן פון אַ געוויסן פּעריאָד, שאַפן
די מאַקסימאַלע קלאָרקייט אין דער פראַגע; צווייטנס, דעמאַסקירן
דעם רעפאָרמיזם און דעם אַנטירעוואָלוציאָניזם פון דער סאָציאַל-
דעמאָקראַטיע, וואָס סטאַרעט זיך צודעקן איר אָפּאָרטוניזם מיט
פאַרופן זיך אף ענגעלסעס אלטע פאָרמול; דריטנס, באַווייזן, אַז
לעניו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלייזט די
פראַגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

מע דאַרף אנערקענען, כאָווירים, אז טאקע לענין, און ניט
עמיץ אַן אנדערער, האָט אנטדעקט דעם עמעס וועגן דער מעג-

לעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד. מע קאָן ניט אָפּנעמען באַ לענינען דאָס, וואָס אים געהער מיט רעכט. מע דאַרף ניט מוירע האָבן פאַרן עמעס, מע דאַרף האָבן מוט צו זאָגן דעם עמעס, מע דאַרף האָבן מוט צו זאָגן אָפן, אַז לענין איז געווען דער ערשטער פון די מאַרקסיסטן, וואָס האָט אַף אַ נייעם אויפן אָוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דעם ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד און האָט זי געלייזט אין פּאָזיטיוון זינען.

איך וויל קלאָר דערמיט ניט זאָגן, אַז לענין איז אַלס דענקער געווען העכער פון ענגעלסן און מאַרקסן. איך וויל דערמיט זאָגן בלויז צוויי זאַכן. ערשטנס, מע קאָן ניט פאָדערן פון ענגעלסן און מאַרקסן, וואָס פאַר געניאַלע דענקער זיי זאָלן ניט געווען זיין, אַז זיי זאָלן פאָרויסזעען אינם פעריאָד פונם פאַרמאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אַלע מעגלעכקייטן פון קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך געעפנט אין אַ האַלביאָרהונדערט אַרום, אינם פעריאָד פונם אַנטוויקלטן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם. צווייטנס: עס איז גאָר קיין כידעש נים, וואָס לענין אַלס געניאַלער טאַלמיד פון ענגעלס און מאַרקס, האָט געקאָנט דערזען די נייע מעגלעכקייטן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין די נייע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם און האָט אַזוי אַרום אַנטדעקט דעם עמעס וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

מע דאַרף קאָנען אונטערשיידן צווישן דעם אָס און דעם טאָך פונם מאַרקסיזם, צווישן די באַזונדערע האַנאָכעס און דעם מעטאָד פונם מאַרקסיזם. לענינען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטדעקן דעם עמעס וועגן דעם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן דעם מאַרקסיזם ניט פאַר אַ דאָגמע, נאָר פאַר אַ וועגווייזער צו טאָט, ער איז ניט געווען קיין קנעכט פונם אָס און האָט געקאָנט כאַפּן דעם איקער, דעם

טאַך אינם מאַרקסיזם. אָט וואָס עס זאָגט מיקויעך דעם לענין אין זיין בראָשור „די קינדער־קראַנקייט פון לינקייט אינם קאָמוניזם":

„אונזער טעאָריע איז ניט קיין דאָגמע, נאָר אַ וועגווייזער צו טאַט,—האָבן געזאָגט מארקס און ענגעלס,—און דער גרעסטער טאָעס, דער גרעסטער פאַרברעכן פון אַזעלכע „פּאַטענטירטע" מאַרקסיסטן, ווי ק. קאַוטסקי, אָטאָ באַוער א. ד. גל., באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען, האָבן ניט געקאָנט אָנווענדן אין די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט" (לענין, באַנד 17, זייט 159).

אָט דאָס איז דער וועג, דער וועג פון מאַרקסן, ענגעלסן און לענינען, וואָס אַף אים שטייען מיר און וואָס אַף אים דאַרפן מיר שטיין אויך לעהאַבאַ, אויב מיר ווילן פאַרבלייבן רעוואָלוציאָנערן ביזן סאָף. דער לעניניזם איז, אַלס מאַרקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, בייגעשטאַנען דערפאַר, ווייל ער איז געשטאַנען און שטייט ווייטער אַף דעמדאָזיקן וועג. אַפּגיין פון דעמדאָזיקן וועג—באַטייט אַריינפאַלן אין זומפּ פון אָפּאָרטוניזם. אַראָפּקריכן פון דעמדאָזיקן וועג—באַטייט נאָכשלעפּן זיך אין עק נאָך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס דאָס האָט טאַקע פּאַסירט מיטן כ' זינאָוויעוו.

כ' זינאָוויעוו האָט דאָ געזאָגט, אַז שפּעטער האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרווייכערט ענגעלסעס אַלטע פאָרמול און האָבן דערלאָזן די מעגלעכקייט, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע זאָל זיך אָנהויבן אויך אין באַזונדערע לענדער. ער האָט געבראַכט ענגעלסעס אַ ציטאַטע וועגן דעם, אַז „די דייטשן וועלן אָנהויבן, און די פראַנצויזן וועלן פאַרענדיקן". דאָס אַלץ איז ריכטיק. דאָס איז איצט באַוואוסט יעדן סאָוופּאַרטשול־איינגל. די מאַיסע איז אָבער, כ' זינאָוויעוו, וואָס ניט אין דעם האַנדלט זיך עס איצט. איין זאַך איז צו זאָגן: הויב אָן די רעוואָלוציע, דיך וועט אין דער נאָענטסטער צייט שוין אונטערהאַלטן די זיגרייכע רעוואָלו-

ציע אין אַנדערע לענדער, דערבײַ איז אין פאַל פון אַזאַ ניצאָכן אין אַנדערע לענדער קאָנסטו רעכענען אַף א ניצאָכן. דאָס איז איין זאַך. א צווייטע זאַך איז צו זאָגן: הויב אָן די רעוואָלוציע און באַוועג זי ווייטער, וויסנדיק, אַז אויב אַפילע עס וועט ניט אונטערקומען אין דער נאָענטסטער צייט דער ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער, זיינען די באַדינגונגען פון קאַמף, אינם פעריאָד פונם אַנטוויקלטן אימפּעריאַליזם, אזוינע, אַז די קאָנסט דאָך זיגן, און דערמיט דערנאָך צעפלאַקערן די רעוואָ-לוציע אין אנדערע לענדער. דאָס איז אַ צווייטע זאַך. און אויב איך האָב געבראַכט ענגעלסעס אַלטע פאָרמול, איז ניט קעדיי פאַרבײַצוגיין פאַרבײַ דעם פאַקט, אַז ענגעלס און מאַרקס האָבן נאָכדעם פאַרווייכערט דידאָזיקע שאַרפע און עקסטרעמע פאָרמול, נאָר קעדיי: א) צו שאַפן קלאָרקייט אין דער פראַגע דורך אַן אַנטקעגנשטעלונג פון צוויי קעגנזעצלעכע פאָרמולעס, ב) אויפצו-דעקן דעם אָפּאָרטוניזם פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע סטאַרעט צו פאַרדעקן זיך מיט ענגעלסעס אַלטער פאָרמול, און ג) באַווייזן, אַז לענין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַף א נייעם אויפן געשטעלט די פראַגע וועגן ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד און האָט זי געלייזט אין פּאָזיטיוון זינען.

ווי איר זעט, כאַווײרים, בין איך געווען גערעכט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז כ׳ זיגאָוויעוו האָט ניט געלייענט „די פּרינציפּן פון קאָמוניזם", און אויב ער האָט אַפילע יאָ געלייענט, האָט ער זיי ניט פאַרשטאַנען און האָט פאַרטייטשט ענגעלסעס אלטע פאָר-מול אַף א סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אויפן און האָט, אַזוי אַרום, זיך אַראָפּגעקייקלט אַפן וועג פון אָפּאָרטוניזם.

## אייניקע לענינס באַמערקונגען וועגן דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

איך האָב געזאָגט, ווייטער, אין מיין פאָרטראָג, אַז מיר האָבן א מער אָדער ווייניקער אנאלאָגישן פאַל אין דער פראַגע

וועגן דער דיקטאַטור פֿינם פּראָלעטאַריאַט אין די באַדינגונגען פֿון אַנטוויקלטן אימפּעריאַליזם. איך האָב געזאָגט, אַז אין דער פּראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע ווערט פאַרשטאַנען, ווי דאָס צעברעכן דעם אַלטן בורזשואַזן מעלוכע-אַפּאַראַט און דאָס אויסבויען א נייעם פּראָלעטאַרישן אַפּאַראַט, האָט מאַרקס אין זיין צייט (אין די 70-ער יאָרן פֿון 19-טן יאָרהונדערט) געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר ענגלאַנד און עפּשער טאַקע אויך פאַר אַמעריקע, וואו דער מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיזם זיינען דעמאָלט געווען ווינציק אַנטוויקלט און וואו עס האָט דעמאָלט געקאָנט זיין א מעגלעכקייט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך דערשלאָגן צו א פּאָליטישער הערשאַפט מיט אַנדערע וועגן, מיט „פרידלעכע” וועגן. איך האָב געזאָגט, אַז דערדאָזיקער אויסנאַם אָדער באַגרעניצונג, וואָס מאַרקס האָט דערלאָזן פאַר ענגלאַנד און אמעריקע, וועלכער איז דעמאָלט געווען א ריכטיקער, איז, לויט לענינס מיינונג, געוואָרן ניט ריכטיק און איבעריק אין די איצטיקע באַדינגונגען פונם אנטוויקלטן אימפּעריאַליזם, ווען דער מיליטאַריזם און די ביוראקראַטיע האָבן זיך צעפּליט אין ענגלאנד און אַמעריקע פונקט אַזוי, ווי אין אַנדערע לענדער.

ר י א ז א נ אָ ו. ניט געוואָרן ניט ריכטיק, נאָר געווען ניט ריכטיק.

ס ט אַ ל י ן. דערלויבט, כאַווירים, צו פאַרופן זיך אַף מאַרקסן. אָט וואָס מאַרקס האָט געשריבן אין זיין בריוו צו קוגעלמאַנען אין אפּרעל 1871 יאָר:

„... אויב דו וועסט אַריינקוקן אינם לעצטן קאַפּיטל פון מיין „18-טן בריומער”, וועסטו דערזעען, אַז אלס דעם קומענדיקן פּרואוו פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלער איך: ניט איבערגעבן פון איינע הענט אין די אנדערע די ביוראקראַטיש-מיליטערישע מאַשין, ווי דאָס איז געווען ביז איצט, נאָר צעברעכן זי, און דאָס איז בעפּיירעש דער פאָרבאַדינג פון יעטווידערווירקלעכער פאָלקס-רעוואָלוציע אַ ף ק אָ נ ט י-

נ ע נ ט *). טאַקע אין דעם באַשטייט דער פּרואוו פֿון אונזערע העלדישע פּאַריזער כאַווייִרים". (איך ציטיר לויט לעניִנס בוך „מעלוכע און רעוואָלוציע").

אַזוי האָט געשריבן מאַרקס אין 1871-טן יאָר.

פֿאַר דערדאָזיקער ציטאַטע האָבן זיך אָנגעכאַפּט, ווי באַוואוסט, אלע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און קוידעמקאָל קאַוטסקי, און טאַיִנען, אז די גוואַלטזאמע רעוואָלוציע פֿון פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין אָבליגאַטאָרישער מעטאָד פֿון דער באַוועגונג צום סאָציאַליזם, אַז די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט פֿאַרשטאַנען ווערן דאַפֿקע ווי א צעבּרעכן דעם אלטן בורזשואַזן מעלוכישן אַפּאַראַט און דאָס אויסבויען א נייעם פּראָלעטאַרישן אַפּאַראַט, אז דער פֿרידלעכער וועג אַף אריבּערגיין פֿון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם איז פּונקט דער וועג, וואָס פֿאַר אים דאַרף טאַקע קעמפֿן דער פּראָלעטאַריאַט.

ווי האָט רעאַגירט אַפֿן דאָזיקן אומשטאַנד כ' לעניִן? אָט וואָס ער האָט געשריבן מיקויעך דעם אין זיין בוך „מעלוכע און רעוואָלוציע".

„עס איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרצייכענען באַזונדערס צוויי ערטער אין דער געבּראַכטער אָפּהאַנדלונג פֿון מאַרקסן. ערשטנס, באַגרעניצט ער זיין אויספֿיר מיטן קאָנטינענט. דאָס איז געווען פֿאַרשטענדלעך אין 1871 יאָר, ווען ענגלאַנד איז נאָך געווען א מוסטער פֿון א ריין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, אָבער אָן א מיליטערישן קלאַפּערגעצייג און אין א היפּשער מאָס אָן א ביוראָקראַטיע. דעריבּער האָט מאַרקס אויסגעשלאָסן ענגלאַנד, וואו די רעוואָלוציע און אַפֿילע א פֿאָלקס-רעוואָלוציע האָט זיך געדוכט און איז דעמאָלט געווען מעגלעך אָן דעם פֿאָרבּאדינג צו צעשטערן די „פֿאַרטיקע מעלוכע-מאַשין". א י צ ט, אין 1917 יאָר, אין דער עפּאָכע פֿון דער ערשטער

*) מיין קורסיוו. י. סט.

אימפעריאַליסטישער מילכאָמע, פאלט אָפּ דידאָזיקע באַגרעניצונג פון מאַרקס, און ענגלאַנד און אמעריקע, די גרעסטע און לעצטע אין דער וועלט פאָרשטייער פון דער ענגליש-זאַקסישער „פרייהייט” אין זינען פונם פעלן פון א מיליטערישן קלאַפּערגעצייג און ביוראקראַטיזם, האָבן זיך אינגאַנצן אַראָפּגעקייקלט אינם אלגעמיין-אייראָפּעאישן שמוציקן, בלוטיקן זומפּ פון ביוראָקראַטיש-מיליטערישע אַנשטאַלטן, וואָס וואַרפן אונטער זיך אלץ אונטער, וואָס אונטערדריקן מיט זיך אלץ. איצט איז אי אין ענגלאַנד, אי אין אַמעריקע „דער פארבאַדינג פון יעטווידער ווירקלעכער פאָלקס-רעוואָלוציע” — דאָס צעברעכן, דאָס צעשטערן די „פאַרטיקע” (וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דאָרט אין די יאָרן 1914—1917 ביז אייראָפּעאישער, אַלגעמיין-אימפעריאַליסטישער שלייִמעס) „מעלוכע-מאַשין” *). (לענין, באַנד 14, טייל 2, זייט 327).

איר זעט, אַז מיר האָבן דאָ א פאַל, וואָס איז מער ווייניקער אנאלאָגיש צו יענעם פאַל, וואָס וועגן אים האָב איך גערעדט אין מיין פארטראָג אין צוזאַמענהאַנג מיט ענגעלסעס אלטער פאָרמול.

די באגרעניצונג אָדער אויסנאַם, וואָס מאַרקס האָט דערלאָזט פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע, האָט געהאַט איר גרונט, קאָלזמאַן עס איז ניט געווען קיין אַנטוויקלטער מיליטאַריזם און אן אַנטוויקלטע ביוראָקראַטיע אין דידאָזיקע לענדער. דידאָזיקע באַגרעניצונג איז אָפּגעפאַלן, לויט לענינס מיינונג, אין די נייע באַדינגונגען פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, ווען דער מיליטאַריזם און די ביוראָקראַטיע האָבן זיך אַנטוויקלט אין ענגלאַנד און אַמעריקע ניט ווינציקער, אויב ניט מער, איידער אין די לענדער פונם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

דעריבער איז די גיוואַלטזאַמע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, די דיקטאַטור פונם פּראַלעטאַריאַט אן אומפארמיידלעכער

*) מיין קורסיוו. י. סט.

און אָבליגאַטאָרישער באַדינג פון דער באַוועגונג צום סאָציאַליזם אין אַלע אָן אויסנאַם אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס.

דעריבער איז, קלאָרערנדיק זיך פאַר דער בּיטנאַי־באַגרע־ניצינג, וואָס מאַרקס האָט דערלאָזן, און באַקעמפנדיק די דיק־טאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, פאַרטיידיקן די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע לענדער ניט דעם מאַרקסיזם, נאָר זייער אייגענע אָפּאָרטוניסטי־שע זאַך.

לענין איז געקומען צום דאָזיקן אויספיר דערפאַר, ווייל ער האָט געקאָנט אונטערשיידן צווישן דעם אָס פונם מאַרקסיזם און דעם טאָך פונם מאַרקסיזם, ער האָט באַטראַכט דעם מאַרק־סיזם ניט ווי אַ דאָגמע, נאָר ווי אַ וועגווייזער צו טאַט. עס וואָלט געווען מעשוגע צו פאָדערן, אַז מאַרקס זאָל פאָרויסזען פאַר עטלעכע יאָרצענדליקער אַלע מעגלעכקייטן פון דער אַנט־וויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם און קלאַסנקאַמף אין דער צוקונפט. אָבער עס וואָלט געווען נאָך מער מעשוגע צו וואונדערן זיך, וואָס לענין האָט דערזען און פאַראַלגעמיינערט דידאָזיקע מעגלעכקייטן אין די נייע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, ווען דידאָזיקע מעגלעכקייטן האָבן זיך באַוויזן און אַנטוויקלט זיך אין מער ווי אַ גענוגנדיקער מאָס.

דאָ איז געווען אַ רעפּליקע פון אָרט, דוכט זיך, פון כ׳ ריאַזאַנאָוו, וועגן דעם, אַז די באַגרעניצונג, וואָס מאַרקס האָט דערלאָזן פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע, איז ניט קיין ריכטיקע ניט בלויז פאַר די איצטיקע באַדינגונגען פון קלאַסנקאַמף, נאָר זי איז געווען ניט ריכטיק אויך פאַר יענע באַדינגונגען, ווען מאַרקס האָט דערלאָזן דידאָזיקע באַגרעניצונג. איך בין ניט מאַסקים מיטן כ׳ ריאַזאַנאָוו. איך מיין, אַז כ׳ ריאַזאַנאָוו איז זיך טויע. יעדנ־פאַלס טראַכט לענין וועגן דעם אַנדערש, בעאייס ער דערקלערט אַבסאָלוט באַשטימט, אַז מאַרקס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט דערלאָזט אַזאַ מעגלעכקייט פאַר ענגלאַנד און אַמעריקע פון

די 70-ער יארן. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם לענין אין זיין בראשור וועגן „נערשטייער".

„ווען מיר האבן געשטריטן אין אצא"ק (וואיק) מיטן כ' בוכאַרין, האט ער צווישן אַנדערעס באמערקט: אין דער פראגע וועגן די הויכע געהאלטן פאר די ספעציאליסטן זיינען „מיר" „רעכטער פון לענינען", ווייל קיין שום אָפּווייכונג פון די פרינציפּן זעען מיר דאָ ניט, געדענקענדיק מאַרקס ווערטער, אז בא געוויסע באדינגונגען וואָלט פארן ארבעטער-קלאס געווען צוועקמעסיקער פון אַלץ „אויסצוקויפן זיך פון דערדאזיקער באנדע" (נעמלעך פון דער באַנדע קאַפּיטאליסטן, ד. ה. א ו י ס ק ו י פ ן באַ דער בורזשואזיע די ערד, די פאַבריקן, זאַוואָדן און אנדערע פּראָדוציר-מיטלען). דאָס איז א העכסט אינטערעסאנטע באַמער-קונג. טראַכט זיך אַריין אין מאַרקס געדאַנק. עס האָט זיך גע-האַנדלט וועגן ענגלאנד פון די 70-ער יאָרן פונם פאָריקן יאָר-הונדערט, וועגן דעם קולמינאַציע-פּעריאָד פונם פּאַרמאָנאָפּאָליס-טישן קאַפּיטאליזם, וועגן א לאַנד, וואו דעמאָלט איז ווייניקער פון אלץ געווען מיליטעריש קלאַפּערגעצייג און ביוראָקראַטיע, וועגן אַ לאנד, וואו עס איז דעמאָלט געווען מער פון אלץ מעגלעכקייטן פון „פרידלעכן" ניצאָכן פון סאָציאליזם אין זין פון „אויסקויפן" זיך באַ דער בורזשואַזיע דורך די אַרבעטער. און מאַרקס האָט געזאָגט: בא געוויסע באַדינגונגען וועלן זיך די אַרבעטער קלאל ניט אנטזאגן אויסצוקויפן זיך בא דער בורזשואַזיע. מאַרקס האָט זיך ניט געבונדן—און אויך ניט געבונדן די צוקונפטיקע טוער פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע—די הענט מיקויעך די פאָרמען, מעטאָדן, מיטלען פון דער איבערקערעניש, פאַרשטייענ-דיק אויסגעצייכנט, וואָס פאַר א מאַסע נייע פּראָבלעמען עס וועט אויפקומען דעמאָלט, ווען עס וועט זיך ענדערן די גאַנצע סיטואַציע אינם גאַנג פון דער איבערקערעניש, ווי אָפט און שטאַרק זי וועט זיך ענדערן אינם גאנג פון דער איבערקערעניש.

נו, און באַ ראַטן-רוסלאנד, נ אָ ך ד ע ם, ווי דער פּראָלעטאריאַט האָט

געגומען די מאַכט, נאָכן אונטערדריקן דעם מיליטערישן און סאַבאָטאַזשישן ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרן, — ניט שוין זשע איז ניט קלאָר ווי דער טאָג, אַז געוויסע באַדינגונגען האָבן זיך אויסגעבילדעט לויטן טיפּ פון יענע, וואָס האָבן זיך געקאָנט אויסבילדן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אין ענגלאַנד, ווען זי וואָלט דעמאָלט פרידלעך געגומען אַריבערגיין צום סאָציאַליזם? דאָס אונטערוואַרפן די קאַפּיטאַליסטן אונטער די אַרבעטער וואָלט אין ענגלאַנד דעמאָלט געקאָנט געזיכערט ווערן דורך פאָלגנדיקע אומשטענדן: 1) דורך דעם, וואָס אין דער באַפעלקערונג דאָמינירן פאָלקום אין צאָל די אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער, אַדאַנק דעם פעלן פון פויערטום (אין ענגלאַנד זיינען אין די 70-ער יאָרן געווען סימאָנים, וואָס האָבן דערלויבט צו האָפן אף העכסט שנעלע ערפאָלגן פונם סאָציאַליזם צווישן די דאָרפישע אַרבעטער); 2) דורך דער אויסגעצייכנטער אָרגאַניזירטקייט פונם פּראָלעטאַריאַט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (ענגלאַנד איז דעמאָלט געווען דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט אינם אַנגעוויזענעם פּראַט); 3) דורך דער לעפּיערעך הויכער קולטורעלקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געווען אויסגעשולט דורך דער דורעסדיקער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישער פרייהייט; 4) דורך דער לאַנגיאָריקער געוואוינהייט פון די אויסגעצייכנט אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַליסטן פון ענגלאַנד — דעמאָלט זיינען זיי געווען די אַמבעסטן אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער פון דער וועלט (איצט איז דיראָזיקע בכוירע אַריבער צו דייטשלאַנד) — צו לייזן דורך אַ קאָמפּראָמיס די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראַגן. אָט צוליב וועלכע אומשטענדן עס האָט געקאָנט דעמאָלט קומען דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פרידלעכן אונטערוואַרפן*) די קאַפּיטאַליסטן פון ענגלאַנד אונטער אירע אַרבעטער... בוכאַרין איז אַן אויסגעצייכנט

*) מײַן קורסיוו. י. סט.

געבילדעטער מאַרקסיסט-עקאָנאָמיסט. דעריבער האָט ער זיך דערמאָנט, אז מאַרקס איז געווען טיף גערעכט, ווען ער האָט געלערנט די אַרבעטער, אז ס'איז וויכטיק איינצוהיטן די אָרגאַניזאציע פון דער גרעסטער פראָדוקציע דאַווקע אין די אינטערעסן פון פארגרינגערן דעם איבערגאנג צום סאָציאליזם און פון דער פולשטענדיקער דערלאָזבאַרקייט פונם געדאַנק וועגן דעם, אז מע זאָל גוט באַצאָלן די קאַפּיטאַליסטן, אויסקויפן זיך בײַ זיי, אויב אלס אויסנאם (ענגלאנד איז דעמאָלט געווען אַן אויסנאם) וועלן די אומשטענדן זיך אויסבילדן אזוי, אז זיי וועלן צווינגען די קאַפּיטאליסטן פרידלעך אונטערוואַרפן זיך, און קולטורעל, אָרגאַניזירטערהייט אריבערגיין צום סאָציאַליזם באַם באַדינג פון אויסקויף" (זע לענין, באַנד 18, טייל 1, זײַטן 209—210).

איך האַלט, אַז גערעכט איז דאָ לענין און ניט דער כ' ריאַזאַנאָוו. איך אכט זייער דעם כ' ריאַזאַנאָוו, אָבער איך מוז מודיע זיין, אז נאָך מער האָב איך געאַכטעט און אכט ווייטער דעם כ' לענין.

## וועגן דער ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג פון די קאפיטאליסטישע לענדער.

איך האָב געזאָגט אין מיין פּאָרטראַג, אז לענין האָט אנטדעקט און באַגרינדעט דעם געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אז, אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן געזעץ, אַרויסגייענדיק פונם פאקט פון דער אנטוויקלונג און פארשאַרפונג פון דער ניטגלייכמעסיקייט, איז לענין געקומען צו דער אידייע וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאליזם אין איין לאנד. קעגן דערדאָזיקער האנאָבע האָבן דערווידערט כ' טראָצקי און כ' זינאָוויעוו. כ' טראָצקי האָט געזאָגט, אז דידאָזיקע

האַנאָכע לענינס איז טעאָרעטיש ניט ריכטיק. און זינאָוויעוו צוזאַמען מיטן כ׳ טראָצקי האָבן דערקלערט, אַז פריער, אינם פעריאָד פונם פּאַרמאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, איז די ניטגלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג געווען אַ גרעסערע איידער איצט, אינם פעריאָד פונם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, אַז צונויפבינדן די אידייע וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד מיטן געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג טאָר מען ניט.

אז טראָצקי דערווידערט קעגן לענינס באַוואוסטער טעאָרעטישער האַנאָכע וועגן דעם געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג, איז קיין כידעש ניט, ווייל עס איז באַוואוסט, אַז דערדאָזיקער געזעץ קערט איבער כ׳ טראָצקיס „טעאָריע״ וועגן פּערמאַנענטער רעוואָלוציע.

כוץ דעם גליטשט זיך דאָ דער כ׳ טראָצקי בעפּיירעש אראָפּ אַפן באַלעבאַטישן שטאַנדפּונקט. ער מישט דאָ צונויף די עקאָנאָמישע ניטגלייכקייט פון באַזונדערע לענדער אין דער פאַרגאַנגענהייט, — די ניטגלייכקייט, וועלכע האָט ניט שטענדיק געפירט און האָט ניט געקאָנט פירן צו א שפּרונגאַרטיקער אנטוויקלונג פון דידאָזיקע לענדער, — מיט דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג אינם פעריאָד פונם אימפּעריאַליזם, ווען די עקאָנאָמישע ניטגלייכקייט צווישן די לענדער איז קלענער, איידער דאָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג איז אָן אַן ערעך גרעסער, איידער פריער, דערבײַ פירט דידאָזיקע ניטגלייכמעסיקייט אומבאַדינגט און אומפאַרמיידלעך צו דער שפּרונגאַרטיקייט פון דער אַנטוויקלונג, פירט דערצו, אַז די לענדער, וועלכע זיינען אָפּגעשטאַנען אין אינדוסטריעלער הינזיכט יאָגן איבער אין א מער אָדער ווייניקער קורצן טערמין די לענדער, וואָס זיינען אוועק פאָרויס, און דאָס

קאָן ניט שאפן אזוי אָרום פאַרהאנאָכעס פאר גראַנדיעזע אימפעריאליסט־שע מילכאָמעס און פאַר דער מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאליזם אין איין לאנד.

עס איז גאָר איבעריק צו דערווייזן, אז אזאַ צונויפמישן צוויי פארשיידנארטיקע באגריפן רעדט ניט און קאָן ניט ריידן וועגן כ טראָצקיס הויכן „טעאָרעטישן" ניוואָ.

אָבער איך קאָן ניט פאַרשטיין דעם כ' זינאָוויעוו, וועלכער איז דאָך געווען א באָלשעוויק און האָט עפּעס וואָס געשמעקט פונם באָלשעוויזם. ווי קאָן מען באהויפטן, אז די ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג איז פריער געווען אַ גרעסערע, איידער איצט, אין די באדינגונגען פון מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם, ניט ריזי־קירנדיק אַריינצופאַלן אין זומפּ פון אולטרא-אימפעריאליזם און קאוטסקעריי? ווי אזוי קאָן מען באהויפטן, אז די אידייע פון ני־צאָכן פון סאָציאליזם אין איין לאנד איז ניט צונויפגעבונדן מיטן געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג? צי איז דען ניט באוואוסט, אז לענין האָט אויסגעדרונגען דידאָזיקע אידייע דאפקע פונם געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויק־לונג? וועגן וואָס ריידן, לעמאָשל, לענינס פאָלגנדיקע ווערטער:

„די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָלי־טישער אנטוויקלונג איז אַן אומבאדינגטער געזעץ פון קאפּיטא־ליזם. פון דאנען איז געדרונגען*), אז דער ניצאָכן פון סאָציאליזם איז מעגלעך צוערשט אין איניקע און אפילע אין איין באזונדער גענומען קאפּיטאליסטיש לאנד".

פון וואָס גייט ארויס דער געזעץ פון דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג?

ער גייט ארויס פון דעם, וואָס:

1) דער אלטער קאפּיטאליזם, דער פאַרמאָנאָפּאָליסטישער, איז איבערגעוואקסן און האָט זיך אנטוויקלט אין אַ מאָנאָפּאָליס־טישן קאפּיטאליזם, אין אימפעריאליזם;

---

*) מיין קורסיוו. י. סט.

2) די איינטיילונג פון דער וועלט אין איינפלוס-ספערן פון די אימפעריאליסטישע גרופן און מעלוכעס איז שוין פאַרענדיקט;

3) די אנטוויקלונג פון דער וועלט-ווירטשאפט גייט דורך אין באדינגונגען פון פאַר־צווייפלטן קאַמף אף טויט צווישן די אימפעריאליסטישע גרופן פאר מערק, פאר רויוואַרג, פאר פאַרברייטערן די אלטע איינפלוס-ספערן;

4) דידאָזיקע אנטוויקלונג קומט פאָר ניטגלייכמעסיק, נאָר שפרונגמעסיק, אף אן אויפן פון ארויסשטופן פון די מערק די מעלוכעס, וואָס זיינען פארלאָפן פאָרויס, און פון ארויסרוקן פאָרויס נייע;

5) אזא אנטוויקלונגס-אויפן ווערט באשטימט דורך דער מעגלעכקייט פאר איינע אימפעריאליסטישע גרופן צו אנטוויקלען אפן שנעלסטן אויפן די טעכניק, פארבילינקערן די סכוירעס און פארכאפן די מערק צום שאָדן פון אנדערע אימפעריאליסטישע גרופן;

6) פעריאָדישע איבערפארטיילונגען פון דער שוין צעטיילטער וועלט ווערן אף אזא אויפן אן אבסאָלוטע נויטוועגדיקייט;

7) דידאָזיקע איבערפארטיילונגען קאָנען אזוי ארום פאָרקומען בלויז אַף אַ גוואלטזאמען אויפן, אף אן אויפן פון אויספרובירן די מעכטיקייט פון די אָדער אנדערע אימפעריאליסטישע גרופן דורך קראפט;

8) דערדאָזיקער אומשטאנד קאָן ניט ניט פירן צו פאַרשיידנסטע קאָנפליקטן און צו גראַנדיעזע מילכאָמעס צווישן די קאָפּיטאַליסטישע גרופן;

9) אזא לאַגע פירט אומפאַרמיידלעך צו דער קעגנזייטיקער אָפּשוואכונג פון די אימפעריאליסטן און שאפט די מעגלעכקייט דורכצורייסן דעם אימפעריאליסטישן פראָנט אין באזונדערע לענדער;

10) די מעגלעכקייט דורכצורייסן דעם אימפעריאַליסטן-פראָנט אין באַזונדערע לענדער קאָן ניט ניט שאפן גינסטיקע באדינגונגען פאַרן ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין איין לאנד.

דורך וואָס ווערט באַשטימט די פאַרשאַרפונג פון דער ניט־גלייכמעסיקייט און די באשליסנדיקע באדייטונג פון דער ניטגלייכמעסיקער אנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פונם אימפּעריאליזם?

דורך צוויי הויפּט־אומשטענדן: ערשטנס, דורך דעם, וואָס די איינטיילונג פון דער וועלט צווישן די קאַפּיטאליסטישע גרופּן איז פאַרענדיקט, קיין „פרייע" ערד איז מער ניטאָ אין דער נאַטור, און דאָס איבערטיילן דאָס פאַרטיילטע איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט אף צו דערגרייכן דעם עקאָנאָמישן „גלייכגעוויכט" דורך אימפּעריאליסטישע מילכאָמעס;

צווייטנס, דורך דעם, וואָס די אומגעווענע ביז איצט קאָלאָסאַלע אנטוויקלונג פון דער טעכניק, אינם ברייטן זין פונם וואָרט, פאַרגרינגערט פאַר איינע אימפּעריאַליסטישע גרופּן דאָס אַריבעריאָגן אַנדערע אימפּעריאליסטישע גרופּן אין קאַמף פאַרן דעראָבערן מערק, אין קאַמף פאַרן פאַרכאַפּן די קוועלן פון רויוואַרג און אז. וו.

אָבער דידאָזיקע אומשטענדן האָבן זיך אנטוויקלט און זייערע צוגעקומען ביזן העכסטן פונקט בלויז אינם פּעריאָד פונם אַנטוויקלטן אימפּעריאליזם. און אנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין, ווייל נאָר אינם פּעריאָד פונם אימפּעריאליזם האָט זיך געקאָנט פאַרענדיקן די איבערפאַרטיילונג פון דער וועלט, און די קאָלאָסאַלע טעכנישע מעגלעכקייטן האָבן זיך באוויזן ערשט אין דעם פּעריאָד פונם אַנטוויקלטן אימפּעריאליזם.

דערמיט טאָקע דאַרף מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אויב פריער האָט ענגלאַנד געקאָנט שטיין פאָרויס פון אלע מעלוכעס אין אינדוסטריעלער הינזיכט, איבערלאָזנדיק זיי הינטער זיך אין מעשעך פון מער ווי הונדערט יאָר, איז נאָכדעם, אינם פּעריאָד פונם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאליזם, פאַר דייטשלאַנד נויטיק געווען אוועלכע ניט איז צוויי צענדליק יאָר, קעדיי אָנצוהויבן אַריבעריאָגן ענגלאַנד, און פאַר אַמעריקע איז נויטיק געווען נאָך ווינציקער, קעדיי אַריבערצויאָגן די אייראָפּעאישע מעלוכעס.

ווי קאָן מען נאָך דעם באַהויפּטן, אַז פֿריער איז געווען אַ גרעסערע ניטגלייכמעסיקייט פֿון דער אַנטוויקלונג, איידער איצט, אַז די אידייע פֿונם ניצחון פֿון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז ניט פֿאַרבונדן מיטן געזעץ פֿון דער ניטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם אינם פּעריאָד פֿון אימפּעריאַליזם?

צי איז דען ניט קלאָר, אַז נאָר באַלעבעסלעך אין טעאָריע קאָנען צונויפֿמישן די עקאָנאָמישע ניטגלייכקייט פֿון די אינדוס-טריעלע לענדער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט מיטן געזעץ פֿון דער ניטגלייכמעסיקייט פֿון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנט-וויקלונג, וואָס האָבן באַקומען אַ באַזונדער קראַפֿט און שאַרפֿקייט בלויז אינם פּעריאָד פֿון אַנטוויקלטן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם?

צי איז דען ניט קלאָר, אַז בלויז פֿולשטענדיקע אַמאַראַצעס אין געביט פֿון לעניניזם האָט געקאָנט דיקטירן דעם כ׳ זינאָוויעוו און זיינע פֿריינט די מער ווי מעשונעדיקע דערווידערונגען קעגן לענינס באַוואוסטע האַנאָכעס, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן געזעץ וועגן דער ניטגלייכמעסיקייט פֿון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטי-שער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם?

II

# כ׳ קאַמעניעוו רייניקט דורך דעם וועג פֿאַרן כ׳ טראָצקי.

אין וואָס באַשטייט דער גרונט-זין פֿון כ׳ קאַמעניעווס ארויסטרעטונג אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ? אויב מע זאָל זיך אבסטראהירן פֿון אייניקע קלייניקייטן און פֿון דער געוויינלעכער דיפּלאָמאַטיע פֿון כ׳ קאַמעניעוו, באַשטייט דער זין פֿון זיין ארויס-טרעטונג אין פֿאַרגרינגערן דעם כ׳ טראָצקי צו פֿאַרטיידיקן זיין פּאָזיציע, פֿאַרלייכטערן אים דעם קאַמף מיטן לעניניזם אין דער

גרונט-פראגע וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

פאַרן דאָזיקן צוועק האָט כ׳ קאמעניעיו גענומען אף זיך די „טירכע״ צו דערווייזן, אז כ׳ לעגינס גרונט-ארטיקל (1915 י.), וועלכער רעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאליזם אין איין לאַנד, האָט קלוימערשט קיין שאַיכעס ניט צו רוסלאנד, אַז ריידנדיק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, האָט לענין געמיינט ניט רוסלאנד, נאָר אַנדערע קאַפּיטאליסטישע לענדער. כ׳ קאַמעניעוו האָט אַף זיך גענומען דידאָזיקע צווייפלהאַפטע „טירכע״, קעדיי אַזוי אַרום דורכצוריייניקן דעם וועג פאַרן כ׳ טראָצקי, וועמעס סכעמע ווערט דערהאַרגעט, קאָן ניט ניט דערהאַרגעט ווערן דורך לענינס אַרטיקל, וועלכער איז געשריבן געוואָרן אין 1915 יאָר.

גראָב גערעדט, האָט כ׳ קאַמעניעוו גענומען אף זיך די ראָלע, אַזוי צו זאָגן, פון אַ הויף-וועכטער („דוואָרניק״) באַם כ׳ טראָצקי (געלעכטער), פאַר וועמען ער רייניקט אָפּ דעם וועג. פאַרשטייט זיך, עס איז טרויעריק צו זעען דעם דירעקטאָר פונם לענין-אינסטיטוט אין דער ראָלע פון אַ הויף-וועכטער באַם כ׳ טראָצקי, ניט דערפאר, ווייל די אַרבעט פון אַ הויף-וועכטער איז עפּעס ניט קיין פיינע זאַך, נאָר דערפאַר, ווייל כ׳ קאַמעניעוו, בעליסאָפעק אַ קוואַליפיצירטער מענטש, וואָלט, מיין איך, געקאָנט פאַרנעמען זיך מיט אַ מער קוואַליפיצירטער ארבעט (געלעכטער). אָבער ער האָט גענומען אַף זיך די דאָזיקע ראָלע פריייוויליק, אַף וואָס ער האָט געהאַט, פארשטייט זיך, דאָס פולע רעכט. און דערמיט איז גאָרניט צו מאכן.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, צי האָט כ׳ קאַמעניעוו אויסגעפילט דידאָזיקע מער ווי מעשונעדיקע ראָ־ע.

כ׳ קאַמעניעוו האָט דערקלערט אין זיין רעדע, אַז כ׳ לעגינס גרונט-האַנאָכע אין זיין אַרטיקל פון 1915 יאָר, די האַנאָכע, וועלכע האָט באַשטימט די גאַנצע ליניע פון אונזער רעוואָלוציע און פון אונזער בויאונג, אַז דידאָזיקע האַנאָכע, וואָס רעדט

וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, איז ניט גויגייע אין קאָן ניט גויגייע זיין רוסלאנד, אַז לענין, ווען ער האָט גערע־ט וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, האָט געהאַט אין זינען ניט רוסלאַנד, נאָר אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס איז אומגלויבלעך און אויסטערליש, דאָס איז זייער ענלעך אַף אַ פּאָשעטע רעכילעס אַפּן כ׳ לענין, אָבער קאַמעניעוון אַרט ניט אַפּאָנים, וואָס קאָן זיך טראַכטן די פּאַרטיי אין צוזאמענהאנג מיט אָט דעם פּאַלסיפיצירן לענינען. ער זאָרגט בלויז וועגן איין זאך: אָפּרייניקן דעם וועג דעם כ׳ טראָצקי אום יעדן פּרייז.

ווי אַזוי אָבער פּרוּווט ער זיך באַגרינדן דידאָזיקע מעשונעדיקע באַהויפּטונג?

ער זאָגט, אַז אין צוויי יאָר ארום נאָך לענינס דערמאָנטן ארטיקל האָט לענין געגעבן די באוואוסטע טעזיסן וועגן דעם כאראקטער פון דער פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, וואו ער האָט געזאָגט, או די אויפגאבע פון די מארקסיסטן ווערט אויסגעשעפּט דורך דערשלאָגן זיך דעם ניצאָכן פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, אַז זאָגנדיק דאָס, איז לענין קלוימערשט ארויסגעגאנגען דערפון, אז די רעוואָלוציע אין רוסלאנד דאַרף בלייבן שטעקן אף איר בורזשואַזער פּאַזע און ניט איבערוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אין אזוי ווי לענינס ארטיקל וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאנד באהאנדלט ניט די בורזשואזע רעוואָלוציע, נאָר די סאָציאַליסטישע, איז קלאָר, אַז לענין האָט ניט געקאָנט מיינען רוסלאנד אין דעמדאָזיקן ארטיקל.

אַף אזא אויפן קומט אויס לויט קאַמעניעוון, אז לענין האָט פארשטאַנען דעם פארנעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אַ לינקער בורזשואזער רעוואָלוציאָנער אָדער ווי אַ רעפאָרמיסט

פונם טיפ סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס לויט זייער מיינונג דאַרף די בורזשואַזע רעוואָלוציע ניט איבערוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס לויט זייער מיינונג איז צווישן דער בורזשואַזער רעוואָלוציע און דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע דאַרף עקזיסטירן אַ לאַנגוויערנדיקער היסטאָרישער אינטערוואַל, אַ לאַנגדויערנדיקער איבערייס, אַ צווישנצייט לעכאָלאַפּאָכעס פון עטלעכע צענדליק יאָר, אין פאַרלויף פון וועלכער דער קאַפּיטאַליזם וועט בליען, און דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך לעבן אַבי געלעבט.

עס קומט אויס, אַז לענין האָט אין 1915 יאָר, ווען ער האָט געשריבן זיין אַרטיקל, ניט געטראַכט, ניט געוואָלט און ניט געשטרעבט דערצו, אַז פונם ניצאָכן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע זאָל מען טייקעף אַריבער צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז אומגלויבלעך און מוירעדיק. יאָ, אָט די באַהויפּטונג פון כ׳ קאַמעניעוו איז ווירקלעך אומגלויבלעך און ווילד. אָבער קאַמעניעוון וועט מען דערמיט ניט ברענגען אין פאַרלעגנהייט.

דערלויבט צו ברענגען איינציקע דאָקומענטן, וואָס ריידן וועגן דעם, אַז קאַמעניעוו פאַלסיפיצירט גראָב דעם כ׳ לענין אין דערדאָזיקער פראַגע.

אָט וואָס כ׳ לענין האָט געשריבן וועגן דעם כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע נאָך אין 1905 יאָר, ווען דער פאַרנעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין אַזאַ מעכטיקער, ווי ער איז געוואָרן שפּעטער, אין רעזולטאַט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, צו פעוראַל 1917 יאָר:

„פון אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע וועלן מיר טייקעף *) אָנהויבן אַריבערצוגיין, און טאַקע לויט אונזערע

*) מיין קורסיוו. י. סט.

קרעפטן, די קרעפטן פון באוואוסטזיניקן און אָרגאניזירטן פּראָלעטאריאט, וועלן מיר אָנהויבן אריבערצוגיין צו דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע. (זע לענין, באנד 6, זייטן 449—450).

דידאָזיקע ציטאַטע איז גענומען געוואָרן פון לענינס אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין סעפּטעמבער 1905 יאָר.

צי ווייסט פון דער עקזיסטענץ פון דעמדאָזיקן ארטיקל כ' קאמעניעוו? איך מיין, אז דער דירעקטאָר פונם לענין-אינסטיטוט דארף וויסן וועגן זיין עקזיסטענץ.

עס קומט אויס אַף אזא אופן, אז דעם ניצאָכן פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָלוציע האָט לענין געדענקט ניט אלס די ענדע פונם קאמף פונם פּראָלעטאריאט און פון דער רעוואָלוציע ביכלאל, נאָר אלס דעם ערשטן עטאפּ און איבערגאנגשטופע צו דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע.

נאָר עפשער האָט לענין שפּעטער געענדערט זיין אנשויאונג אפן כאראקטער און פארנעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע? לאָמיר נעמען אַן אנדער דאָקומענט, איך מיין לענינס ארטיקל, וואָס איז דערשינען אין 1915 יאָר אין נאָיאבר, אין צוויי כאַדאָשים ארום נאָכדעם, ווי עס איז דערשינען לענינס גרונטארטיקל וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאליזם אין איין לאנד. אָט וואָס ער זאָגט דאָרט:

„דער פּראָלעטאריאט קעמפט און וועט מיט מעסירעסנעפעש קעמפן פאר דעראָבערן די מאכט, פאר דער רעפּובליק, פאר קאָנפיסקירן די ערד. דאָס הייסט פאר צוציען דאָס פּויערטום, פאר אויסשעפּן זיינע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, פארן באטייליקן זיך פון די „ניט פּראָלעטארישע פאָלקס-מאַסן" אינם באפרייען דאָס בורזשואזע רוסלאנד פונם מיליטעריש-פעאָדאלן „אימפּעריאליזם" (צאַריזם). און מיטן דאָזיקן באפרייען דאָס בורזשואזע רוסלאנד פונם צאַריזם, פון דער ערד-מאכט פון די פּריצים וועט דער פּראָלעטאריאט זיך

טייקעף אויסנוצן ניט אף צו העלפן די פארמעגלעכע פויערים אין זייער קאמף מיטן דאָרפישן ארבעטער, נאָר אף צו מאכן די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אין בונד מיט די פראָלעטאריער פון אייראָפע". (לענין, באנד 13, זייט 214).

איר זעט, אז סאַי דאָ און סאַי אין דער פאָריקער ציטאַטע, סאַי אין 1905 יאָר און סאַי אין 1915 יאָר איז לענין אלץ ארויסגעגאנגען דערפון, אז די בורזשואזע רעוואלוציע דארף איבערוואקסן אין רוסלאנד אין אַ סאָציאליסטישע רעוואָלוציע, אז דער ניצאָכן פון דער בורזשואז-דעמאקראטישער רעוואָלוציע אין רוסלאנד איז דער ערשטער עטאפ פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז נויטיק, קעדיי טייקעף אריבערצוגיין צו איר צווייטן עטאַפ, צו דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע.

איז ווי אָבער האָלט עס מיט לענינס טעזיסן אין 1915 יאָר, וואָס אף זיי האָט זיך פארופן אין זיין רעדע כ' קאמעניעוו, און אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגן די אויפגאבן פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָלוציע אין רוסלאנד? צי ווידערשפרעכן ניט די דאָזיקע טעזיסן דער אידייע, אז די בורזשואזע רעוואָלוציע וועט איבערוואקסן אין אַ סאָציאליסטישע רעוואָלוציע? פארשטייט זיך, זיי ווידערשפרעכן ניט. אַדעראבע, אלס יעסאָר פון די דאָזיקע טעזיסן איז דאפקע די אידייע וועגן דעם איבערוואקסן פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאליסטישע, די אידייע וועגן דעם איבערוואקסן פונם ערשטן עטאַפ פון דער רוסישער רעוואָלוציע אינם צווייטן עטאַפ. ערשטנס, זאָגט לענין קלאל ניט אין די דאָזיקע טעזיסן, אז דער פארנעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע און די אויפגאבן פון די מארקסיסטן אין רוסלאנד ווערן אויסגעשעפט מיט די אויפגאבן אראָפצוווארפן דעם צאר און די פריצים, מיט די אויפגאבן פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָלוציע. צווייטנס, באגרעניצט זיך לענין אין די דאָזיקע טעזיסן מיט דער כאראקטעריסטיק

פון די אויפגאבן פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע דערפאר, ווייל ער האלט דידאָזיקע רעוואָלוציע אלס דעם ערשטן עטאַפּ און נאָענטסטע אויפגאבע פון די רוסישע מארקסיסטן. דריטנס, גייט לעניך ארויס דערפון, אז די פּארווירקלעכונג פון דידאָזיקע אויפגאבן דארפן די רוסישע מארקסיסטן אָנהויבן ניט פונם צווייטן עטאַפּ (ווי דאָס האָט פּאָרגעלייגט כ׳ טראָצקי לויט דער סכעמע „אָן אַ צאַר, נאָר אַן ארבעטער-רעגירונג"), נאָר פונם ערשטן עטאַפּ — פונם עטאַפּ פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע.

צי איז דאָ פאַראַן עפּעס אַ ווידערשפּרוך, אפילו א סימען פון א ווידערשפּרוך מיט דער אידייע וועגן דעם איבערוואַקסן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין א סאָציאַליסטישע? קלאָר, אַז ניט.

קומט אויס, אַז כ׳ קאַמעניעוו האָט בעפּיירעש פּארפּאַלסיפיצירט לענינס פּאָזיציע.

נאָר מיר האָבן איידעס קעגן כ׳ קאמעניעוו ניט נאָר אין געשטאַלט פון דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון לענינען. מיר האָבן נאָך איידעס אין געשטאַלט פון לעבעדיקע מענטשן, ווי, לעמאָשל, דער כ׳ טראָצקי, ווי, לעמאָשל, די 14-טע קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי און, ענדלעך, ווי מאָדנע דאָס קומט ניט אויס, אין געשטאַלט פון קאַמעניעוון און זינאָוויעוון גופע.

עס איז באַוואוסט, אַז לענינס ארטיקל וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז דערשינען אין 1915 יאָר. עס איז באַוואוסט, אז כ׳ טראָצקי, וואָס האָט פּאָלעמיזירט דעמאָלט מיטן כ׳ לעניך איבער דער פראגע וועגן דעם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאנד, האָט טייקעף, ד. ה. אין דעמזעלבן 1915 יאָר, געענטפערט אפן דאָזיקן ארטיקל מיט א ספּעציעלן קריטישן ארטיקל. וואָס זשע האָט דעמאָלט געזאָגט כ׳ טראָצקי אין 1915 יאָר אין זיין קריטישן ארטיקל? ווי אַזוי האָט ער אָפּגעשאַצט כ׳ לענינס אַרטיקל? צי האָט ער אים פארשטאנען

אזוי, אז ריידנדיק וועגן דעם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, האָט לענין ניט געמיינט רוסלאַנד, אָדער עפּעס אנדערש, לאָמיר זאָגן, אזוי, ווי מיר אלע פאַרשטייען עס איצט? אָט איז אַ ציטאטע פון אָט דעם ארטיקל פון כ׳ טראָצקי:

„דער איינציקער וויפל ניט איז קאָנקרעטער היסטאָרישער מאָטיוו קעגן דעם לאָזונג פאריייניקטע שטאַטן איז געווען פאָרמולירט אינם שווייצאַרישן „סאָציאַל-דעמאָקראַט" (דער דעמאָלטיקער צענטראל-אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס, וואו ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט לענינס אויבן דערמאָנטער אַרטיקל. י. סט.) אין פאָלגנדיקער פראזע: „די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַן אומבאַדינגטער געזעץ פונם קאפּיטאליזם". פון דאנען האָט דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט" געוואָלט מאכן דעם אויספיר, אז עס איז מעגלעך דער ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאנד, און אז דעריבער איז ניטאָ וואָס צו מאַכן פאַר א באדינג פאר דער דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט אין יעדער באזונדער מעלוכע דאָס שאַפן פאריייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע... אַז קיין איין לאנד דארף ניט „זיצן און וואַרטן" אף אנדערע אין זיין קאמף, דאָס איז אַן עלעמענטארער געדאנק, וועלכן ס׳איז נוצלעך און נויטיק איבערצוכאַזערן, קעדיי די אידייע פון פּאַראלעלן אינטערנאַציאָנאַלן טאַט זאָל ניט פאַרביטן ווערן אַף דער אידייע פון אויסווארטערישער אינטערנאציאָנאלער טאטלאָזיקייט. ניט וואַרטנדיק אף אנדערע, הויבן מיר אָן און זעצן פאָר דעם קאַמף אפן נאציאָנאלן באָדן אין דער פולער זיכערקייט, אז אונזער איניציאטיוו וועט געבן א שטויס צום קאַמף אין די אנדערע לענדער; און אויב דאָס וואָלט ניט פאָרגעקומען, איז האָפענונגסלאָז צו טראַכטן,—אזוי זאָגן איידעס די דערפארונג פון דער געשיכטע און די טעאָרעטישע באטראכטונגען,—אז, לעמאָשל, דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאנד וואָלט געקאָנט ביישטיין קעגן א קאָנסערוואטיווער אייראָפּע אָדער

א סאָציאַליסטיש דײַטשלאַנד וואָלט געקאָנט בלײַבן איזאָלירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט" *) (זע באַנד 3 פון די ווערק פון כ׳ טראָצקי, טייל 1, זײַטן 89—90).

איז געדרונגען, אז כ׳ טראָצקי האָט פאַרשטאַנען דעמאָלט לענינס אַרטיקל ניט אזוי, ווי עס סטאַרעט זיך איצט צו „פאַר-שטיין" אים כ׳ קאַמעניעוו, נאָר אזוי ווי אים האָט פאַרשטאַנען לענין, אזוי ווי עס פאַרשטייט אים די פּאַרטיי און אזוי ווי מ׳ר אַלע פאַרשטייען אים, אַניט וואָלט כ׳ טראָצקי אין זײַן פּאָלעמיק מיט לענינען זיך ניט געשטיצט אַפן אַרגומענט וועגן רוסלאַנד.

איז געדרונגען, אז כ׳ טראָצקי זאָגט איידעס דאָ, אין דער-דאָזיקער ציטאַטע, קעגן זײַן איצטיקן פאַרבינדעטן, קעגן כ׳ קאַמעניעוו.

פאַרוואָס זשע איז ער אָבער אזוי ניט אַרויסגעטראָטן אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ קעגן דעם כ׳ קאַמעניעוו? פאַרוואָס האָט כ׳ טראָצקי ניט דערקלערט דאָ אָפן און ערלעך, אז כ׳ קאַמעניעוו פאַרקריפּלט בעפיירעש לענינען? מיינט כ׳ טראָצקי, אז זײַן פאַר-שווייגן אינם געגעבענעם פאַל קאָן מען קוואַליפיצירן ווי א מוס-טער פון ערלעכער פּאָלעמיק? כ׳ טראָצקי איז דאָ דערפאַר ניט אַרויסגעטראָטן קעגן קאַמעניעוון, ווייל ער האָט אפּאָנים ניט גע-וואָלט זיך פּלאָנטערן אין א צווייפלהאַפטן „אייסעק" פון פּאָ-שעטן פאַרלוימדן לענינען,—דידאָזיקע שווארצע אַרבעט האָט ער איבערגעלאָזן פאַרן כ׳ קאַמעניעוו.

און ווי אזוי קוקט אַף דעמדאָזיקן איניען די פּאַרטיי, אין געשטאַלט, לעמאָשל, פון איר 14-טער קאָנפערענץ? אָט וואָס עס ווערט געזאָגט מיקויעך דעם אין דער רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ, וועלכע באַהאַנדלט די מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד:

„פון דער „ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, אוועלכע ניטגלייכמעסיקייט איז אַן

*) מײַן קורסיוו. י. סט.

אומבאַדינגטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם", האָט כ' לענין ריכטיק אַרויסגעדרונגען צוויי זאַכן: א) די מעגלעכקייט פונם „ניצחון פון סאָציאַליזם צוערשט אין ווייניקע און אפילע אין איין באַזונדער גענומען קאַפּיטאַליסטיש לאַנד" און ב) די מעגלעכקייט, אַז אָט די ווייניקע אָדער אפילע איין לאַנד וועלן ניט זיין דאפּקע די לענדער פון סאַמע אנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. (זע, באַזונדערס, די נאָטיצן וועגן סוכאַנאָוון). די דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דערוויזן*), אַז אַזאַ ערשטער ניצחון אין איין לאַנד איז ניט בלויז מעגלעך, נאָר בא א ריי גינסטיקע אומשטענדן קאָן דאָסדאָזיקע ערשטע לאַנד פון דער זיגרייכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע (בא א געוויסער אונטערשטיצונג מיצאַד דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט) זיך האַלטן און פאַרפעסטיקן זיך אַף א לאַנגן פּעריאָד אפילע אין דעם פאַל, ווען דידאָזיקע אונטערשטיצונג גיסט זיך ניט אויס אין דער פאָרם פון דירעקטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס אין אַנדערע לענדער". (פון דער רעזאָלוציע פון דער 14-טער פּאַרטיי=קאָנפערענץ „וועגן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן און רקפּ(ב) אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרברייטערטן פּלענום פונם אויספּירקאָם פונם קאָמינטערן").

איז געדרונגען, אַז די פּאַרטיי אין גאַנצן גענומען אין געשטאַלט פון איר 14=טער קאָנפערענץ זאָגט איידעס קעגן כ' קאַמעניעוו, קעגן זיין באַהויפּטונג, אַז לענין האָט אין זיין אַרטיקל וועגן דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד קלוימערשט ניט געמיינט רוסלאַנד. אניט וואָלט די קאָנפערענץ ניט געזאָגט, אַז „די דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דערוויזן" די ריכטיקייט פון לענינס באַוואוסטן אַרטיקל וועגן דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

איז געדרונגען, אַז די 14=טע קאָנפערענץ האָט פאַרשטאַנען כ' לענינס אַרטיקל פּונקט אַזוי, ווי לענין האָט אים פאַר-

*) מיין קורסיוו. י. סט.

שטאנען, ווי טראָצקי האָט אים פאַרשטאַנען און ווי מיר אלע פאַרשטייען אים.

און ווי האָבן זיך באַצויגן די כ״כ קאמעניעוו און זינאָוויעוו צו דערדאָזיקער רעוואָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ? צי איז דאָס דען ניט קיין פאַקט, אז דער פראָיעקט פון דער רעוואָלוציע איז אויסגעאַרבעט און אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק דורך דער קאָמיסיע, וואָס אין איר באשטאנד זיינען געווען די כ״כ זינאָוויעוו און קאַמעניעוו? צי איז דאָס ניט קיין פאַקט, אז כ׳ קאמעניעוו איז געווען דער פאָרזיצער פון דער 14-טער קאָנפערענץ, וועלכע האָט איינשטימיק אָנגענומען די אויבן דערמאָנטע רעוואָלוציע, און כ׳ זינאָוויעוו איז געווען דער פאָרטרעגער איבער דערדאָזיקער רעוואָלוציע? ווי אזוי האָט דאָס געקאָנט פאסירן, אז די כ״כ קאמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן געשטימט פאַר דערדאָזיקער רעוואָלוציע, פאַר אלע אירע פונקטן? צי איז ניט קלאָר, אז דעמאָלט האָט כ׳ קאַמעניעוו לענינס ארטיקל, פון וואנען די ציטאַטע איז דירעקט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע פון דער 14-טער פאַרטיי-קאָנפערענץ, פאַרשטאַנען אנדערש, ווי ער סטארעט זיך איצט אים צו פאַרשטיין? וועלכן קאַמעניעוון זאָל מען גלויבן: צי יענעם, וואָס, זייענדיק פאָרזיצער פון דער 14-טער קאָנפערענץ, האָט ער געשטימט פאַר דער רעוואָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ, אָדער דעם, וועלכער טרעט אַרויס איצט, אף דער 15-טער קאָנפערענץ, אין דער ראָלע פון א הויף-וועכטער באם כ׳ טראָצקי?

קומט אויס, אַז כ׳ קאַמעניעוו פונם פעריאָד פון דער 14-טער קאָנפערענץ זאָגט איידעס קעגן כ׳ קאַמעניעוון פונם פעריאָד פון דער 15-טער קאָנפערענץ.

און פאַרוואָס שווייגט כ׳ זינאָוויעוו און פרואווט זיך ניט פאַריכטן דעם כ׳ קאמעניעוו, וואָס פאַלסיפיצירט בעפיירעש אי דעם לענינשן אַרטיקל פון 1915 יאָר, אי די רעוואָלוציע פון דער 14-טער קאָנפערענץ? צי איז דאָס דען קיין פאַקט ניט, אז כ׳

זינאָוויעוו און ניט עמיץ אַן אַנדערער האָט פאַרטיידיקט אף דער 14-טער קאָנפערענץ די רעזאָלוציע וועגן דעם ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד?

עס קומט אויס, אז ניט אַלץ איז דאָ גלאַטיק באַם כ׳ זינאָוויעוו (שטימען: „גאָר ניט גלאַטיק“). וואו זשע איז דאָ ערלעכע פּאָלעמיק?

קומט אויס, אז די כ״כ קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האַלטן איצט ניט בא ערלעכער פּאָלעמיק.

און דער אויספיר? דער אויספיר איז אזא, אז כ׳ קאמעניעוו האָט ניט געקאָנט אויספילן די ראָלע פון א הויף-וועכטער באַם כ׳ טראָצקי. ער האָט ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען פונם כ׳ טראָצקי.

III

# אן אומדערהערטער פּלאָנטער, אָדער כ׳ זינאָוויעוו וועגן רעוואָלוציאָנערישקייט און אינטערנאַציאָנאַליזם.

איך גיי אריבער צום כ׳ זינאָוויעוו. אויב כ׳ קאַמעניעוו האָט זיך אין אַלע זיינע ארויסטרעטונגען באַמיט אָפּצורייניקן דעם וועג פאַרן כ׳ טראָצקי, האָט כ׳ זינאָוויעוו גענומען אף זיך די אויפגאַבע צו דערווייזן, אַז די לידערס פון דער אָפּאָזיציע זיינען די איינציקע רעוואָלוציאָנערן און די איינציקע אינטערנאַציאָנאַליסטן שיר ניט אין דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר פּאַנאַנדערקלייבן זיינע „אַרגומענטן“.

ער נעמט כ׳ בוכאַרינס ווערטער וועגן דעם, אַז באַם באַטראַכטן די פראַגן פון אינערלעכן כאַראַקטער (די בויאונג פון סאָציאַליזם) דאַרף מען מעטאָראָלאָגיש זיך אויסטאָן פון די פראַגן פון אויסערלעכן כאַ-

ראַקטער, ער פאַרגלייכט, ווייטער, אָט די האַנאָכע פונם כ׳ בוכאַ־ רין מיט די טעזיסן וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, וואו עס ווערט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט פונם ניצחון פון סאָציאַ־ ליזם אין איין לאַנד, און קומט צום אויספיר, אַז בוכאַרין און דער צ. ק., וועלכער האָט אינם איקער באַשטעטיקט די טעזיסן, פאַרגעסן קלוימערשט דערמיט גופע וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון אונזער רעוואָלוציע, וועגן די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

צי איז דאָס אַלץ ריכטיק? דאָס זיינען אַלץ פוסטע מאַיסעס, כאַווײרים. דער סאָד ליגט דאָ אין דעם, וואָס כ׳ זינאָוויעוו איז שוואַך אין פראַגן פון מעטאָדאָלאָגיע. ער בלאָנדזשעט אף א גלייכן וועג און גיט ארויס זיין אייגענע בלאָנדזשעניש פאַר ווירקלעכקייט. בוכאַרין זאָגט, אַז מע קאָן ניט צונויפמישן די פראַגן פון בויען דעם סאָציאַליזם מיט די פראַגן פון שאַפן גאַ־ ראַנטיעס קעגן אינטערווענציעס אין אונזער לאַנד. אינערלעכע פראַגן מיט אויסערלעכע פראַגן. בוכאַרין זאָגט קלאל ניט, אַז די אינערלעכע פראַגן זיינען ניט פארבונדן מיט די אויסערלעכע, מיט די אינטערנאַציאָנאַלע. ער זאָגט בלויז, אַז מע טאָר ניט פּלאָנטערן די פראַגן פונם ערשטן מין מיט די פראַגן פונם צווייטן מין. דאָס איז א איקערדיקע און עלעמענטאַרע פאָדערונג פון מעטאָדאָלאָ־ גיע. ווער זשע איז דאָ שולדיק, אויב כ׳ זינאָוויעוו פאַרשטייט ניט די עלעמענטאַרע פראַגן פון מעטאָדאָלאָגיע?

מיר גייען ארויס פון דעם, אַז אונזער לאַנד שטעלט פאַר צוויי רייען סטירעס: סטירעס פון אינערלעכן כאַראַקטער און סטירעס פון אויסערלעכן כאַראַקטער. די סטירעס פון אינערלעכן כאַראַקטער באַשטייען קוידעמקאָל אינם קאַמף פון די סאָציאַליס־ טישע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פאר דער אָנפירונג מיטן פויערטום. מיר זאָגן, אַז דידאָזיקע סטירעס קאָנען מיר בייקומען מיט אינזערע אייגענע קרעפטן, מיר קאָנען באַזיגן די קאַפּיטאַליס־ טישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט, אריינציען אין דער סאָ־



8

ציאַליסטישער בויאונג די גרונט-מאָסן פויערטום און אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די סטירעס פון אויסערלעכן כאַראַקטער באַשטייען אינם קאַמף צווישן דעם לאַנד פון סאָציאַליזם און דער קאַפּיטאַליסטישער ארומרינגלונג. מיר זאָגן, אז לייזן דידאָזיקע סטירעס מיט די אייגענע קרעפטן קאָנען מיר ניט, אז אף צו לייזן דידאָזיקע סטירעס איז נויטיק דער ניצאָכן פון סאָציאַליזם, לעכאָלאפּאָכעס, אין אייניקע לענדער. דערפאר זאָגן מיר טאַקע, אז דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז ניט קיין זעלבסטציל, נאָר א שטיצפּונקט, א מיטל און געצייג פארן ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין אלע לענדער.

צי איז דאָס ריכטיק? זאָל דערווייזן כ׳ זינאָוויעוו, אז דאָס איז ניט ריכטיק.

די צאָרע פון כ׳ זינאָוויעוו באשטייט אין דעם, וואָס ער זעט ניט קיין אונטערשייד צווישן אָט די צוויי רייען סטירעס, ער פּלאָנטערט זיי אום־געהויער און גיט ארויס זיין אייגענעם פּלאָנטער אלס „עכטן“ אינטערנאציאָנאליזם, מיינענדיק, אז ווער עס אבסטראהירט זיך מעטאדאלאגיש פון פראגן פון אויסערלעכן כאראקטער באם באטראכטן פראגן פון אינערלעכן כאראקטער, יענער פארגעסט וועגן די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

דאָס איז זייער לעכערלעך, מע דארף דאָך אָבער פארשטיין, אז דאָס איז ניט איבערצייגנד.

וואָס איז שאיעך די טעזיסן, וועלכע לאָזן קלוימערשט א־ויס פון אויג דעם אינטערנאציאָנאלן מאָמענט פון אונזער רעוואָלוציע, איז לוינט איבערצולייענען דידאָזיקע טעזיסן קעדיי צו פארשטיין, אז כ׳ זינאָוויעוו האָט זיך ווידער פארפּלאָנטערט. אָט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין די טעזיסן:

„די פּארטיי גייט ארויס דערפון, אז אונזער רעוואָלוציע איז א סאָציאליסטישע רעוואָלוציע, אז די אָקטיאבער-רעוואָלוציע איז ניט בלויז א סיגנאל, א שטויס און אן אויסגאנגס-פּונקט פון

דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע אין מאירעיו, נאָר זי איז צוזאמען דערמיט, ערשטנס, א באוז פאר דער ווײטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פון דער וועלט-רעוואָלוציע, און, צווייטנס, עפנט זי מיט זיך דעם איבערגאנגס-פעריאָד פון קאפיטאליזם צום סאָציאליזם אין פ. ס. ס. ר. (די דיקטאטור פון פראָלעטא-ריאט), וואָס אין זיין פארלויף, בא א ריכטיקער פּאָליטיק בע-נויגייע צום פויערטום, קאָן און וועט דער פראָלעטאריאט מיט ערפאָלג בויען א פולשטענדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט, אויב, פארשטייט זיך, די מאכט פון דער אינטערנאציאָנאלער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, פון איין זייט, און די מאכט פונם פראָלעטאריאט פון פ. ס. ס. ר., פון דער צווייטער, וועלן זיין גענוג גרויס, קעדיי צו באשיצן פ. ס. ס. ר. פון א מיליטערישער אינטערווענציע מיצאד דעם אימפעריאליזם".

איר זעט, אז דער אינטערנאציאָנאלער מאָמענט איז אין די טעזיסן פולשטענדיק דיסקאָנטירט געוואָרן.

ווייטער. כ׳ זינאָוויעוו, און צוזאמען מיט אים אויך כ׳ טראצקי, ברענגען ציטאטן פון לענינס ווערק וועגן דעם, אז „דער פולשטענדיקער ניצאָכן פון דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע קאָן ניט געמאלט זיין אין איין לאנד, נאָר ער פאָדערט די אקטיווסטע מיטארבעטערשאפט לעבאלאפאכעס פון אייניקע פארגעשריטענע לענדער", — און זיי קומען אף א מאָדנעם אויפן צום אויספיר, אז דאָס אויסבויען דעם סאָציאליזם אין איין לאנד איז א זאך, וואָס איז איבער די קויכעס פונם פראָלעטאריאט פון אונזער לאנד. אָבער דאָס איז דאָך א פלאָנטער, כאוויירים! צי האָט דען די פארטיי ווען עס איז געזאָגט, אז דער פולשטענדיקער ניצאָכן, דער ענדגילטיקער ניצאָכן פון סאָציאליזם אין אונזער לאנד איז מעגלעך און לויט די קויכעס פאַרן פראָלעטאריאט פון אונזער לאנד? וואו איז דאָס געווען און ווען, — זאָל מען אונז

אָנווייזן. צי זאָגט דען ניט די פּאַרטיי און האָט ניט געזאָגט שטענדיק צוזאַמען מיט לענינען, אַז דער פולשטענדיקער, ענד־גילטיקער ניצחון פון סאָציאַליזם איז מעגלעך בלויז בּאַם ניצחון פון סאָציאַליזם אין עטלעכע לענדער? צי האָט דען די פּאַרטיי ניט דערקלערט צענדליקער און הונדערטער מאָל, אַז מע טאָר ניט פּלאָנטערן דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד מיטן פולשטענדיקן, ענדגילטיקן ניצחון זיינעם? די פּאַרטיי איז שטענ־דיק ארויסגעגאַנגען דערפון, אַז דער ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד הייסט די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין דעמדאָזיקן לאַנד, דערביי קאָן דיזאָזיקע אויפגאַבע געלייזט ווערן דורך די קרעפטן פון איין לאַנד, אָבער דער פולשטענדיקער ני־צחון הייסט א גאַראַנטיע קעגן אינטערווענציעס און רעסטאַווראַ־ציע, דערביי קאָן דידאָזיקע אויפגאַבע געלייזט ווערן בלויז בּאַם בּאַדינג פונם ניצחון פון דער רעוואָלוציע אין אייניקע לענדער. ווי אַזוי קאָן מען נאָך דעם אלעם פּלאָנטערן אָן ראַכמאָנעס איין אויפגאַבע מיט דער צווייטער? ווער זשע איז דאָ שולדיק, וואָס כ' זינאָוויעוו, און צוזאַמען מיט אים כ' טראָצקי, פּלאָנטערן אָן ראַכמאָנעס דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד מיטן פול־שטענדיקן, ענדגילטיקן ניצחון זיינעם? וואָלטן זיי לעפּאָכעס אי־בערגעלייענט די באוואוסטע רעזאָלוציע פון דער 14-טער קאָנפע־רענץ, וואו דידאָזיקע פראַגע איז דערקלערט געוואָרן מיט א פּינקטלעכקייט, וואָס קאָן בּאַפרידיקן אפילע א סאָוופּאַרטשול־אינגל.

כ' זינאָוויעוו און צוזאַמען מיט אים אויך כ' טראָצקי ברענ־גען א ריי ציטאַטעס פון לענינס ווערק פונם פעריאָד פון בריסקער שאָלעם, וואו עס ווערט גערעדט וועגן דעם, אז דער אויסערלע־כער סוינע קאָן צעגראָמירן אונזער רעוואָלוציע. אָבער צי איז דען שווער צו פאַרשטיין, אז דידאָזיקע ציטאַטעס האָבן ניט קיין שאַ־כעס צו דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט אויס צובויען דעם סאָציאַ־ליזם אין אונזער לאַנד? כ' לענין זאָגט, אז מיר זיינען ניט געזי־

כערט פון דער מעגלעכקייט פון אינטערווענציעס, און דאָס איז ריכטיק ביז גאָר. אָבער צי האָט די פּאַרטיי ווען עס איז געזאָגט, אַז מיר קאָנען גאַראַנטירן אונזער לאַנד פון געפאַר פון אינטער־ווענציעס, בלויז מיט אונזערע אייגענע קרעפטן? צי האָט דען די פּאַרטיי ניט געטאַינעט און האלט ניט אין טאַינען, אז א גאַראַנטיע קעגן אינטערווענציע קאָן אונז געבן בלויז דער ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין עטלעכע לענדער? ווי אַזוי קאָן מען אפן דאָזיקן גרונט באהויפּטן, אז דאָס אויס־בויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד איז איבער די קויכעס פונם פּראָלעטאריאַט פון אונזער לאַנד? צי איז ניט צייט אויפצו־הערן דאָסדאָזיקע באוואוסטזיניקע צונויפמישן די אויסערלעכע פראַגן, די פראַגן פון דירעקטן קאַמף קעגן דער וועלט־בורזשואזיע, מיט די פראַגן פון דער בויאונג פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד מיט די אינערלעכע פראַגן?

ווייטער. כ' זינאָוויעוו ברענגט א ציטאַטע פונם „קאָמוניס־טישן מאַניפעסט“: „דאָס פאַרייניקן די אָנשטרענגונגען לעכאָלא־פאָכעס פון די ציוויליזירטע לענדער איז איינע פון די ערשטע באַדינגונגען פון דער באפרייאונג פונם פּראָלעטאריאט“, פאַרגלייכט דידאָזיקע ציטאַטע מיט א ציטאַטע פון כ' לענינס א מאנוסקריפּט וועגן דעם, אַז „פארן ניצאָכן פון סאָציאליזם זיינען נויטיק די געמיינזאמע אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטער פון עטלעכע פאָר־געשריטענע לענדער“, — און ער קומט צום אויספיר, אז אונזער פּאַרטיי איז קלוימערשט אַוועק קעגן אָט די אלגעמיין־אָנגענומענע און אומבאדינגטע האַנאָכעס, פארגעסנדיק וועגן די אינטערנאַ־ציאָנאלע באדינגונגען פאַרן ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. זאָגט, צי איז דאָס דען ניט לעכערלעך, כאַווײרים? וואו און ווען איז דאָס געווען, אז אונזער פּאַרטיי זאָל ניט דער־שאַצן די אנטשיידנדיקע באדייטונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען פונם אַרבעטער־קלאַס און די אינטערנאַציאָנאלע באדינגונגען פארן ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין אונזער לאַנד?

און וואָס איז אזוינס דער קאָמינטערן, אויב ניט דער אויסדריק פון דער פאַריייניקונג פון די אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער ניט נאָר פון די פאָרגעשריטענע לענדער, נאָר אויך פון אַלע לענדער פון דער וועלט סײַ פאַר דער וועלט-רעוואָלוציע און סײַ פאַר דער אנטוויקלונג פון אונזער רעוואָלוציע? און ווער האָט גענומען אַף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם קאָמינטערן און ווער איז זיין פאָרגעשריטענער אַוואַנגאַרד, אויב ניט אונזער פּאַרטיי? און וואָס איז אַזוינס די פּאָליטיק פון איינהייטלעכן פראָנט פון די פּראָפּאַריינען, אויב ניט די פאַריייניקונג פון די אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטער ניט בלויז פון די פאָרגעשריטענע לענדער, נאָר אויך פון אלע לענדער ביכלאַל? ווער קאָן אָפּלייקענען די ערשטגראַדיקע ראָלע פון אונזער פּאַרטיי אין געביט פון דורכפירן די פּאָליטיק פון איינהייטלעכן פראָנט פון די פּראָפּאַריינען אין דער גאַנצער וועלט? צי איז דאָס דען ניט קיין פאַקט, אז אונזער רעוואָלוציע האָט געשטיצט און זעצט פאָר צו שטיצן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין אלע לענדער? צי איז דאָס דען ניט קיין פאַקט, אז די ארבעטער פון אלע לענדער האָבן מיט זייער מיטגעפיל צו אונזער רעוואָלוציע און מיט זייער קאַמף קעגן די פּרוּוון פון אינטערווענציע אונטערגעשטיצט און זעצן פאָר צו אונטערשטיצן אונזער רעוואָלוציע? וואָס איז דאָס, אויב ניט א פאַריייניקונג פון די אָנשטרענגונגען פון אַלע לענדער פאַרן ניצאָכן פון אונזער רעוואָלוציע? און דער קאַמף פון די ענגלישע אַרבעטער קעגן קערזאָנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַוואוסטער נאָטע? און די אונטערשטיצונג פון די ענגלישע קוילגרעבער מיצאַד די ארבעטער פון פסס"ר? איך וואָלט געקאָנט, כאַוויירים, ברענגען נאָך א ריי באַוואוסטע פאַקטן פון זעלבן כאַראַקטער, ווען עס וואָלט דערין זיין א נויטווענדיקייט.

איז וואו איז דאָ דאָס פאַרגעסן די אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון אונזער רעוואָלוציע?

וואו ליגט דאָ דער סאָד? דער סאָד ליגט אין דעם, וואָס כ׳ זינאָוויעוו פּרואווט זיך די פּראַגע וועגן די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פארן ניצאָכן פון סאָציאליזם אין אונזער לאַנד אונטערוקן אנשטאָט דער קאַרדינאַלער פּראַגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, דער קאַרדינאַלער פּראַגע וועגן דעם, צי קאָן ביישטיין בא די מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען די פּראָלעטאַרישע מאכט קעגן דער קאָנסערוואטיווער אייראָפּע.

כ׳ טראָצקי, כ׳ זינאָוויעווס איצטיקער לערער, זאָגט:

„עס איז האָפענונגסלאָז צו טראַכטן... אַז, לעמאָשל, דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וואָלט געקאָנט ביישטיין קעגן אַ קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע". (טראָצקי, באנד 3, טייל 1, זייט 90).

כ׳ טראָצקי, כ׳ זינאָוויעווס איצטיקער לערער, זאָגט:

„אָן דער דירעקטער מעלוכישער אונטערשטיצונג מיצאַד דעם אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט וועט דער ארבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד ניט קאָ:ען זיך איינהאַלטן בא דער מאַכט און פאַרוואַנדלען זיין צייטווייליקע הערשאַפט אין א לאנגדויערנדיקע דיקטאַטור. אין דעם קאָן מען אַפילע קיין איין מינוט ניט צווייפלען" (זע „אונזער רעוואָלוציע", זייט 278).

און די פּאַרטיי באַהויפּטעט, אז אָט דיביידע ציטאַטעס פון כ׳ טראָצקיס ווערק זיינען אן אויסדריק פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנייג, אן אויסדריק פון ניטגלויבן אין די קרעפטן פון אונזער פּראָלעטאַריאַט און אונזער רעוואָלוציע.

אָט אין וואָס עס באשטייט די פּראַגע, כ׳ זינאָויעוו, און אָט אין וואָס עס גייט דער שטרייט.

ברענגענדיק די ציטאַטעס פון לענינען און פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", פּרואווט זיך כ׳ זינאָוויעוו אונטערצורוקן אנשטאָט דער גרונט-פּראַגע אן אנדער פּראַגע, די פּראַגע וועגן פאַרייניקן די אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון די פּאַר-

געשריטענע לענדער פאַרן ניצאָכן פון סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד.

אָט וואו עס ליגט כ׳ זינאָוויעוס סאָד מיקויעך פאַרגעסן די אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון אונזער רעוואָלוציע דורך אונזער פאַרטיי.

אָט וואו עס איז דער סאָד פון די פּאָקוסן, פונם פּלאָנטער און כאַאָס באַם כ׳ זינאָוויעוו.

און אָט דעם אומגעהויערן פּלאָנטער, אָט די קאַשע און כאַאָס אין זיין אייגענעם קאָפּ האָט כ׳ זינאָוויעוו די באשיידנקייט צרויסצוגעבן פאַר אַן „עכטע” רעוואָלוציאָנערישקייט און „עכטן” אינטערנאַציאָנאַליזם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

איז דאָס אַלץ ניט לעכערלעך, כאַווײרים?

ניין, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, קעדיי צו זיין א אינ־טערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנער אין אונזער צייט, געפינענדיק זיך אין די רייען פון אונזער פאַרטיי, דאַרף מען פאַרפעסטיקן מיט אַלע מיטלען און אונטערשטיצן מיט אַלע קויכעס אונזער פאַרטיי, וועלכע איז צוזאַמען דערמיט דער פאָרגעשריטענער אָפּטייל פונם קאָמינטערן. און איר צעשטערט און אנטקרוינט זי.

קעדיי צו זיין א אינטערנאַציאָנאַליסט אין אונזער צייט, דאַרף מען פאַרפעסטיקן מיט אַלע מיטלען און אונטערשטיצן מיט אַלע קויכעס דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. און איר דעזאָר־גאַניזירט און צעשטערט אים און אונטערשטיצט און אינסטרוק־טירט די אַלע מאַסלאָווס און סואַוואַרינס.

שוין צייט צו פאַרשטיין, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, אַז מע קאָן ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנער און אינטערנאַציאָנאַליסט און געפינען זיך אין א צושטאַנד פון מילכאָמע מיט אונזער פאַרטיי, וואָס איז דער פאָרגעשריטענער אָפּטייל פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל (אַפּלאַדיסמענטן).

שוין צייט צו פאַרשטיין, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, אַז מיט אָנהויבן א מילכאָמע קעגן קאָמינטערן האָט איר אויפגעהערט

צו זיין רעוואָלוציאָנערן און אינטערנאַציאָנאַליסטן (אַפּלאָדיסמענטן).

שוין צייט צו פאַרשטיין, אַז איר זייט ניט קיין רעוואָלו־ציאָנערן און אינטערנאַציאָנאַליסטן, נאָר פּלוידערזעק פון רעוואָ־לוציע און אינטערנאַציאָנאַליזם (אַפּלאָדיסמענטן).

שוין צייט צו פאַרשטיין, אַז איר זייט ניט קיין רעוואָלו־ציאָנערן פון טאַט, נאָר רעוואָלוציאָנערן פון געשריי־פראַזן און פונם קינעמאַטאָגראַפישן פילם (געלעכטער; אַפּלאָדיסמענטן).

שוין צייט צו פאַרשטיין, אַז איר זייט ניט קיין רעוואָלו־ציאָנערן פון טאַט, נאָר קינאָ־רעוואָלוציאָנערן (געלעכטער; אַפּלאָ־דיסמענטן).

## IV

# כ׳ טראָצקי פאַלסיפיצירט דעם לעניניזם.

## כ׳ טראָצקיס פאָקוסן, אָדער די פראַגע וועגן דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע״.

איך גיי אריבער צו כ׳ טראָצקיס אַרויסטרעטונג.

כ׳ טראָצקי האָט דערקלערט, אז די טעאָריע פון פּערמאַ־נענטער רעוואָלוציע האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער בא־האַנדלטער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע. דאָס איז זייער מאָדנע, אויב ניט זאָגן מער. ווי קומט עס? צי איז דען די טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלו־ציע ניט די טעאָריע פון די טרייב-קרעפטן פון דער רעוואָלוציע? צי איז דען דאָס ניט אזוי, אַז די טעאָריע פון פּערמאנענטער רעוואָלוציע רעדט קוידעמקאָל וועגן די טרייב-קרעפטן פון אונזער רעוואָלוציע? נו, און וואָס איז אזוינס די פראַגע וועגן דעם כאראקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע, אויב ניט די פראַגע וועגן די טרייב־קרעפטן פון דערדאָזיקער רעוואָ־לוציע? ווי אזוי קאָן מען זאָגן, אַז די טעאָריע פון פּערמאַנענטער

רעוואָלוציע האָט קיין שום שאַיכעס ניט צו דער פראַגע, וואָס ווערט באהאַנדלט? דאָס איז ניט ריכטיק, כאַווירים. דאָס איז א שפיצל אף ארויסצודרייען זיך, א פאָקוס. דאָס איז א פרואוו צו פאַרייבן די מאַיסע, דאָס איז א פרואוו צו באהאלטן זיך. אומזיסט די טירכע, כ׳ טראָצקי! פרואווט זיך ניט באהאַלטן, — איר וועט זיך סאַי-ווי ניט ויסבאַהאַלטן.

אין א צווייטן אָרט פון זיין רעדע האָט כ׳ טראָצקי זיך באַמיט צו געבן „אָנצוהערן”, אז ער האָט שוין פון לאַנג אויפ־געהערט צוצוגעבן אן ערנסטע באדייטונג דער טעאָריע פון פער־מאַנענטער רעוואָלוציע. און כ׳ קאַמעניעוו האָט אין זיין רעדע „געגעבן צו פארשטיין”, אז טראָצקי איז אַפילע גרייט אָפצוקערן זיך פון דער טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע, אויב ער האָט זיך שוין פון איר ניט אפגעקערט.

מאמעש ניסים!

לאָמיר פאַנאַנדערקלייבן די פראַגע: צי איז ריכטיק, אז די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע האָט ניט קיין שאַיכעס צו דער פראַגע, וואָס ווערט באַהאַנדלט, און אויב דאָס איז ניט ריכטיק, צי קאָן מען גלויבן דעם כ׳ קאמעניעוו, אַז טראָצקי גיט ניט צו קיין באַדייטונג דער טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלו־ציע און האָט זיך קימאַט אָפגעזאָגט פון איר.

לאָמיר זיך ווענדן צו דאָקומענטן. איך האָב אין זינען, קוי־דעמקאָל, דעם בריוו פון כ׳ טראָצקי צום כ׳ אָלמינסקי אין דע־קאַבר 1921 יאָר, דעם בריוו, וואָס פון אים האָט כ׳ טראָצקי קיינמאָל ניט געפּרואווט אָפזאָגן זיך און האָט אַדהאַיאָם זיך ניט אָפּ־געזאָגט ניט דירעקט, ניט אומדירעקט, און וועלכער בלייבט דערי־בער פולקום גילטיק. איז וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעמדאָזיקן בריוו וועגן דער פערמאנענטער רעוואָלוציע? הערט:

„איך האַלט קלאָל ניט, אז אין מיינע כלו־קעדייעס מיט די באָלשעוויקעס בין איך אין אַלך געווען אומגערעכט. ניט גערעכט בין איך גע-

ווען,—און אַף אַ ראַדיקאַלן אויפן,—אינם אָפּשאַצן די מענשע-
וויסטישע פּראַקציע, איבערשאַצנדיק אירע רעוואָלוציאָנערע
מעגלעכקייטן און האָפנדיק אַף דעם, אַז עס וועט זיך איינגעבן
איזאָלירן אין איר און מאַכן צונישט איר רעכטן פליגל. אָט
דער פונדאַמענטאַלער כאָעס האָט זיך אבער גענומען דערפון,
וואָס צו ביידע פראקציעס, אי צו דער באָלשע-
וויסטישער, אי צו דער מענשעוויסטישער,
בין איך צוגעגאנגען פינם שטאַנדפונקט פון די
אידייען פון פערמאַנענטער רעוואלוציע אין פון דער דיקטאַ-
טור פונם פּראָלעטאַריאַט, אין דער צייט ווען אי די באָלשע-
וויקעס, אי די מענשעוויקעס זיינען געשטאַנען אין יענעם פּע-
ריאָד אַפן שטאַנדפונקט פון אַ בורזשואַזער רעוואלוציע און דע-
מאָקראַטישער רעפּובליק. איך האָב געהאַלטן, אַז די כלוקע-
דייעס צווישן ביידע פראַקציעס זיינען פּרינציפּיעל ניט אזוי
טיף, און האָב געהאָפּט (דידאָזיקע האָפענונג האָב איך ניט
איינמאָל ארויסגעזאָגט אין בריוו און אין פּאָרטראַגן), אַז דער
גאַנג גופא פון דער רעוואָלוציע וועט ברענגען ביידע פראַקציעס
צו דער פּאָזיציע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע און
פון דעראָבערן די מאַכט דורכן אַרבעטער-קלאַס, וואָס
טיילווייז איז דאָס פאָרגעקומען אין 1905 יאָר (פּאָר-
וואָרט פון כ׳ לענין צו קאַוטסקיס אַרטיקל וועגן די טרייב-
קרעפטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע און די גאַנצע ליניע
פון דער צייטונג „נאַטשאַלאָ").

איך האַלט, אַז מיין אָפּשאַצונג פון די טרייב-קרעפטן
פון דער רעוואָלוציע איז געווען אַן אַבסאָלוט ריכטיקע. נאָר
די אויספירן, וועלכע איך האָב פון איר געמאַכט בענוגע צו
ביידע פראַקציעס, זיינען געווען אַבסאָלוט ניט ריכטיקע. בלויז
דער באָלשעוויזם האָט קאָנצענטרירט אין זיינע רייען אַדאַנק
זיין אומבעשאָלעמדיקער ליניע דיווירקלעך רעוואָלוציאָנערע
קרעפטן סאַי פון דער אלטער אינטעליגענץ און סאַי פונם פּאָר-

געשריטענעם שיכט אַרבעטער-קלאַס. נאָר אדאנק דעם, וואָס דעם באָלשעוויזם האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן דידאָזיקע רע־וואָלוציאָנער-צונויפגעשמידטע אָרגאַניזאַציע, האָט זיך ארויס-געוויזן פאַר מעגלעך אַזא שנעלער קער פון דער רעוואָלוציאָ-נער-דעמאָקראטישער פּאָזיציע צו דער רעוואָלוציאָנער-סאָציא-ליסטישער.

און איצט וואָלט איך אָן מי געקאָנט איינטיילן מיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען קעגן די מענשעוויקעס און די באָלשע-וויקעס אין צוויי קאַטעגאָריעס: איינע—וואָס זיינען געווידמעט דעם אנאַליז פון די אינערלעכע קרעפטן פון דער רעוואָלוציע, אירע פּערספּעקטיוון (ראָזע לוקסעמבורגס פּוילישער טעאָרע־טישער אָרגאַן „נייע צייט״), און די אנדערע—וואָס זיינען גע־ווידמעט דער אָפּשאַצונג פון די פּראַקטיקעס פון די רוסישע סאָ-ציאַל-דעמאָקראטן, זייער קאַמף א. אנד. די אַרטיקלען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע וואָלט איך אויך איצט געקאָנט געבן אָן אויסבעסערונגען, ווייל זיי פאַלן צונויף פולשטענדיק און אינ־גאַנצן מיט דער פּאַזיציע פון אונזער פּאַרטיי, אנהויבנדיק פונם 1917-טן יאָר. די אַרטיקלען פון דער צווייטער קאַטעגאָריע זיי-נען בעפּיירעש פעלערהאַפטע, און ווידער אַרויסגעבן זיי וואָלט ניט געלוינט". (זע „לענין וועגן טראָצקין", 1925 יאָר, מיט א פאָרווארט פון כ׳ אָלמינסקי).

איז וואָס באַקומט זיך דערפון?

עס קומט אויס, אז כ׳ טראָצקי האָט א טאָעס געהאַט אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, אין די פראַגן אָבער פון דער אָפּ-שאַצונג פון אונזער רעוואָלוציע, אין דער פראַגע וועגן פּערמאַ-נענטער רעוואלוציע איז ער געוועזן און פאַרבליבן גערעכט.

עמעס, כ׳ טראָצקי קאָן ניט ניט וויכן, אַז לענין האָט געקעמפט קעגן דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואלוציע ביזן סאָף פון זיינע טעג. אָבער דאָס קימערט אים ניט.

עס קומט ווייטער אויס, אז ביידע פראַקציעס, אי די מענ־שעוויקעס, אי די באָלשעוויקעס, האָבן געדאַרפט קומען צו דער טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע, נאָר אין דער ווירקלעכ־קייט זיינען געקומען צו דערדאָזיקער טעאָריע בלויז די באָלשע־קעס, ווייל באַ זיי איז געווען א רעוואָלוציאָנער־צוזאַמענגעשמידטע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער און פון דער אַלטער אינטעליגענץ, און געקומען זיינען זיי ניט מיטאַמאָל, נאָר „אָנהויבנדיק״ פון 1917 יאָר.

עס קומט אויס, ענדלעך, אַז די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע איז „פולשטענדיק און אינגאַנצן צוזאַמענגעפאַלן מיט דער פּאָזיציע פון אונזער פּאַרטיי „אנהויבנדיק פון 1917־טן יאָר״.

אורטיילט איצט אליין, צי איז דאָס ענלעך אַף דעם, אז כ׳ טראָצקי גיט ניט צו קיין גרויסע באַדייטונג דער טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע? ניין, ניט ענלעך. אַדעראַבע, אויב די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע איז ווירקלעך צוזאַמענגע־פאַלן, „אָנהויבנדיק פונם 1917 יאָר״, מיט דער פּאָזיציע פון דער פּאַרטיי, קאָן מען דערפון מאַכן בלויז איין אויספיר, אַז טראָצקי האָט צוגעגעבן און זעצט פאָר צוצוגעבן דערדאָזיקער טעאָריע אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאר דער גאַנצער פּאַרטיי אונזערער.

אבער וואָס באַטייט דאָס „צוזאַמענגעפאלן״? ווי אַזוי האָט גע־קאָנט צוזאַמענפאלן די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע מיט דער פּאָזיציע פון אונזער פּאַרטיי, אויב עס איז דערוויזן גע־וואָרן, אז אונזער פּאַרטיי אין געשטאַלט פון לענינען האָט די גאַנצע צייט געפירט א קאמף מיט אָט דערזעלבער טעאָריע? איינס פון די ביידע: אדער אונזער פּאַרטיי האָט ניט געהאַט איר טעאָריע און איז געווען געצוואונגען נאָכדעם, דורכן גאַנג פון די גע־שעענישן, אָנצונעמען כ׳ טראָצקיס טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע, אָדער זי האָט געהאַט איר טעאָריע, נאָר זי, אָט די טעאָריע, איז אַף אַן אומבאַמערקבאַרן אויפן ארויסגעשטופט גע־

וואָרן דורך כ׳ טראָצקיס טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע, „אָנהויבנדיק פון 1917 יאָר״.

דידאָזיקע „קאָשעדיקייט״ האָט אונז נאָכדעם פאַרענטפערט כ׳ טראָצקי אין זיין „פאָרוואָרט״ צום בוך „1905 יאָר״, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1922 יאָר. נאָכדעם, ווי ער דערקלערט דעם טאָך פון דער טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואלוציע און ער גיט אַן אנאליז פון דער אָפּשאַצונג פון אונזער רעוואלוציע פון שטאַנדפונקט פון דער טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע, קומט טראָצקי צום פאָלגנדיקן אויספיר:

„האַגאַם אַפּילע מיט א האפּסאָקע פון 12 יאָר, נאָר דידאָזיקע אָפּשאַצונג האָט זיך אינגאַנצן באַשטעטיקט״.
(טראָצקי. „1905 יאר״, „פאָרוואָרט״).

אַנדערש געזאָגט: די טעאָריע פון פערמאַנענטער רע־וואָלוציע, וואָס איז „קאָנסטרואירט״ פון כ׳ טראָצקי אין 1905 יאָר, האָט זיך „אינגאַנצן באַשטעטיקט״ אין 1917 יאָר, אין 12 יאָר אַרום.

אָבער ווי אזוי האָט זי זיך געקאָנט באַשטעטיקן? און די באָל־שעוויקעס,—וואו זשע זיינען זיי אהינגעקומען? ניט שוין זשע האָבן זיי זיך געלאזט אין דער רעוואלוציע אַן שום אייגענער טע־אָריע, ניט שוין זשע האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן בלויז פעאיק צו־נויפצושמידן די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, די רע־וואָלוציאָנערע אַרבעטער? און דאַן, אף וואָס פאר א באָדן האָבן זיי צונויפגעשמידט די ארבעטער, אָפּן גרונט פון וואָסערע פרינ־ציפּן? עס איז דאָך געווען בא די באלשעוויקעס עפּעס א טעאָ־ריע, אַן אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציע, אַן אָפּשאצונג פון די טרייב־קרעפטן פון דער רעוואָלוציע? ניט שוין זשע האָט כאָץ דער טעאריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע קיין שום אנדער טעאָריע בא אונזער פאַרטיי ניט עקזיסטירט? זאָגט אליין: לאָזט זיך אויס, אַז מיר, באָלשעוויקעס, האָבן געלעבט און אנטוויקלט זיך אָן פערספּעקטיוון און אָן א רעוואלוציאָנערער טעאָריע; גע־

לעבט אָט אַזוי פון 1903 יאָר ביז 1917 יאָר; און דערנאָך, „אָנהויבנדיק פון 1917 יאָר", האָבן מיר אומבאמערקט א שלונג געטאָן די טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואלוציע און זיך געשטעלט אַף די פיס. ניטאָ וואָס צו ריידן, דאָס איז זייער אַ אינטערעסאַנט מאַיסעלע. אָבער ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט דורכגיין אומבאַמערקט, אָן א קאמף, אָן אַן אויפטרייסלונג אין דער פּאַרטיי? ווי אזוי זשע האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן אזוי פּאָשעט, פון דער העלער הויט? עס איז דאָך באוואוסט, אז לענין און זיין פּאַרטיי האָבן געקעמפט מיט דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואלוציע שוין פון די ערשטע טעג פון איר דערשיינען.

אַגעוו, דידאָזיקע „קאַשע" פאַרענטפערט אונז כ׳ טראָצקי אין אַן אַנדער דאָקומענט. איך מיין די „באמערקונג" צו טראָצקיס אַרטיקל „אונזערע כלוקעדייעס", וואָס איז אנגעשריבן געוואָרן אין 1922 יאָר.

אָט איז דאָס אנטשפּרעכנדיקע אָרט פון דעמדאָזיקן אַרטיקל:

„אויב ארויסגייענדיק פון דער אבסטראקציע: „אונזער רעוואלוציע איז א בורזשואזע", קומען די מענשעוויקעס צו דער אידייע פון צופּאַסן די גאַנצע טאַקטיק פונם פּראָלעטאַריאַט צו דער אויפירונג פון דער ליבעראַלער בורזשואזיע האַרט ביז איר דעראָבערן די מעלוכע-מאַכט,—איז די באָלשעוויקעס, אַרויסגייענדיק פון פּונקט אזא בלויזע אבסטראקציע: „א דעמאָקראַטישע און ניט קיין סאָציאַליסטישע דיקטאַטור", קומען צו דער אידייע פון בורזשואז-דעמאָקראַטישער זעלבסטבאגרעניצונג פונם פּראָלעטאַריאַט, וואס אין זיינע הענט געפינט זיך די מעלוכע-מאַכטעמעס, דער אונטערשייד צווישן זיי אין דערדאָזיקער פראַגע איז זייער א באַדייטנדיקער: אין דער צייט, ווען די אַנטירעוואָלוציאָנערע זייטן פונם מענשעוויזם לאָזן זיך פילן מיט דער גאַנצער קראַפט שוין איצט, איז די אנטירעוואָלוציאָנערע

שטריכן פונם באָלשעוויזם דראָען מיט אַ קאָלאָסאַלער געפאַר נאָר אין פאַל פון רעוואלוציאָנערן ניצאָכן״. (ט ר אָ צ ק י, „1905 יאָר״, זייט 285).

עס קומט אויס, אז ניט נאָר דער מענשעוויזם האָט געהאָט זיינע אנטירעוואלוציאָנערע זייטן. נאָר אויך דער באָלשעוויזם איז ניט געווען פריי פון „אנטירעוואָלוציאָנערע שטריכן״, וועלכע האָבן געדראָט מיט א „קאָלאָסאַלער געפאַר בלויז אין פאַל פון רעוואָ-לוציאָנערן ניצאָכן״.

צי האָבן זיך נאָכדעם באַפרייט די באָלשעוויקעס פון די „אנטירעוואָלוציאָנערע שטריכן״ פונם באָלשעוויזם, און אויב יאָ, איז אף וואָסער אָן אויפן?

דיזאָזיקע „קאשעדיקייט״ דערקלערט אונז כ׳ טראָצקי אין דער „באַמערקונג״ צום ארטיקל „אונזערע כלוקעדייעס״. הערט:

„דאָס האָט, ווי באוואוסט, ניט פּאַסירט, ווייל אונטער דער אָנפירונג פון כ׳ לענין האָט דער באָלשעוויזם דורכגע-מאכט (ניט אָן אַן אינערלעכן קאַמף) זיין אידייאישע איבער-באוואָפענונג אין אָט דער' וויכטיקסטער פראַגע אין פרילינג 1917 יאָר ד. ה פאַרן דעראָבערן די מאכט״. (ט ר אָ צ ק י, „1905 יאָר״, זייט 285).

הייסט עס, די „איבערבאַוואָפענונג״ פון די באָלשעוויקעס „אָנהויבנדיק פין 1917 יאָר״, אפן גרונט פון דער טעאָריע פון פער-מאנענטער רעוואָלוציע, דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען אין צוזאמענהאנג דערמיט געראַטעוועט געוואָרן פון די „אַנטירעוואָ-לוציאָנערע שטריכן פונם באָלשעוויזם״, ענדלעך, דער פאַקט, וואָס די טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע האָט זיך אַזוי ארום „איינגאנצן״ באַשטעטיקט,—אָט דאָס איז דער אויספיר פון כ׳ טראָצקי.

און וואו זיינען אַהינגעקומען דער לעניניזם, די טעאָריע פון באָלשעוויזם, די באלשעוויסטישע אָפּשאַצונג פון אונזער רעוואָלוציע, פון אירע טרייב-קרעפטן א. או. וו.? זיי האָבן זיך

אָדער ניט „אינגאַנצן באַשטעטיקט", אָדער גאָר זיך ניט „באַשטעטיקט", אָדער צעשטרייט געוואָרן אין דער לופט און האָבן אָפּגעטראַטן דאָס אָרט דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, מיטן צוועק צו „איבערבאַוואָפּענען" די פּאַרטיי.

אַלזאָ, עס האָבן געלעבט אַמאָל אויף דער וועלט באָלשעוויקעס, האָבן „צונויפגעקלאַפּט" ווי עס איז אַ פּאַרטיי, „אָנהויבנדיק" פון 1903 יאָר, נאָר זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, געבלאָנדזשעט, „אָנהויבנדיק" פון 1903 יאָר, און קוים מיט צרות דערשלעפּט זיך ביזן 1917 יאָר; נאָכדעם, באַמערקנדיק דעם כ׳ טראָצקי מיט דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע אין די הענט, האָבן זיי באַשלאָסן „איבערצובאַוואָפּענען זיך", און ווען זיי האָבן זיך „איבערבאַוואָפּנט", האָבן זיי פּאַרלאָרן די לעצטע רעשטלעך פון לעניניזם, פון דער לענינשער טעאָריע פון רעוואָלוציע און האָבן אַזוי אַרום דורכגעמאַכט דעם „פולשטענדיקן צונויפפאַל" פון דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע מיט דער „פּאָזיציע" פון אונזער פּאַרטיי.

דאָס איז זייער אַ אינטערעסאַנט מעשהלע, כאַווייריס. דאָס איז, אויב איר ווילט, איינער פון יענע גלענצנדיקע פּאָקוסן, וועלכע איר קאָנט באַגעגענען אין צירק. בא אונז איז דאָך אָבער ניט קיין צירק, נאָר אַ קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי. און מיר האָבן דאָך ניט געדונגען דעם כ׳ טראָצקי אַלס צירקאַרטיסט. איז צו וואָס דידאָזיקע פּאָקוסן?

ווי אַזוי האָט כ׳ לענין אָפּגעשאַצט די טעאָריע פון כ׳ טראָצקיס פּערמאַנענטער רעוואָלוציע? אָט וואָס ער שרייבט וועגן דערדאָזיקער טעאָריע אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, אויסלאַכנדיק זי, אַלס „אָריגינעלע" און „אויסגעצייכנטע" טעאָריע:

„קלאָר מאַכן די קלאַסן-פאַרהעלטענישן אין דער פּאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע — איז די הויפּט-אויפגאַבע פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דידאָזיקע אויפגאַבע לייזט ניט-

ריכטיק אין „נאַשע סלאָוואָ" טראָצקי, וועלכער באַזערט איבער זיין „אָריגינעלע" טעאָריע פון 1905 י. און וועלכער וויל ניט א טראַכט טאָן, צוליב וואָסערע סיבעס איז דאָס לעבן גאנצע צען יאָר געגאנגען פאַרביי דערדאָזיקער „אויסגעצייכנטער" טעאָריע. טראָצקיס אָריגינעלע טעאָריע נעמט באַ די באָלשעוויקעס דעם צורוף צום אנטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערן קאמף פונם פראָלעטאריאט און צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאכט, און בא די מענשעוויקעס — די „אָפּלייקענונג" פון דער ראָלע פונם פויערטום"... דערמיט גופע „העלפט טראָצקי אין דערווירקלעכקייט די ליבעראלע ארבעטער-פּאָליטיקער פון רוסלאנד, וועלכע פארשטייען אונטער דעם „אפלייקענען" די ראָלע פונם פויערטום דאָס ניט וועל'ן אויפהייבן די פויערים אף א רעוואָלוציע". (לענין, באנד 13, זייטן 213—214).

קומט אויס, אז לויט לענינען איז די טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע אַ האַלב-מענשעוויסטישע טעאָריע, וועלכע איגנאָרירט די רעוואָלוציאָנערע ראָלע פונם פויערטום אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

עס איז בלויז אומפארשטענדלעך, ווי אַזוי האָט געקאָנט „צונויפּאַלן פולשטענדיק און אינגאנצן" דידאָזיקע האַלב-מענשעוויסטישע טעאָריע מיט דער פּאָזיציע פון אונזער פארטיי אפילע „אָנהויבנדיק פון 1917 יאָר".

און ווי אַזוי שאַצט אָפּ אונזער פּאַרטיי די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע? אָט וואָס עס איז וועגן איר געזאָגט געוואָרן אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פון דער 14-טער פּאַרטקאָנפערענץ:

„א באַשטאַנד-טייל פון דער טראָצקיסטישער טעאָריע פון פערמאנענטער רעוואָלוציע איז די באַהויפטונג, אַז „אַן עכטער אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין רוסלאנד וועט ווערן מעגלעך ערשט נאָכן ניצאָכן פונם פּראָלעטאַריאט אין די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע"

(טראָצקי, 1922 יאָר), — די באַהויפּטונג, וואָס פאַרמישפּעט דעם פּראָלעטאַריאַט פון פסס״ר אינם איצטיקן פעריאָד אף פּאַסאַ-ליסטישע פּאַסיווקייט. קעגן אַזוינע „טעאָריעס״ האָט כ׳ לענין געשריבן: „אָנענדלעך שאַבלאָנישׂ איז בא זיי די טאַינע, וואָס זיי האָבן אויסגעלערנט אף אויסווייניק בעאייס דער אנטוויק-לונג פון דער מאַירעוו-אייראָפּעאישער סאָציאל-דעמאָקראַטיע און וועלכע באשטייט אין דעם, אז מיר זייגען ניט דער-וואַקסן צום סאָציאַליזם, אז באַ אונז איז ניטאָ, ווי עס דריקן זיך אויס די פארשיידענע „געלערנטע״ הערן צווישן זיי, די אָביעקטיווע פּאָרהאַנאָכעס פארן סאָציאַליזם״. (נאָטיצן וועגן סוכאַנאָוון). (רעזאָלוציע פון דער 14-טער פאַרטיי-קאָנפערענץ).

איז געדרונגען, אַז די טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָ-לוציע איז דיזעלבע סוכאַנאָוועריי, וועלכע כ׳ לענין שטעמפּלט אין זיינע נאָטיצן וועגן „אונזער רעוואָלוציע״ אלס סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם.

עס איז נאָר אומפארשטענדלעך, ווי אַזוי האָט געקאָנט אוא טעאָריע „איבערבאַוואָפּענען״ אונזער באָלשעוויסטישע פּארטיי.

כ׳ קאַמעניעוו האָט „געגעבן צו פאַרשטיין״ אין זיין רעדע, אז כ׳ טראָצקי קערט זיך אָפּ פון זיין טעאָריע פון פּערמאַנענ-טער רעוואָלוציע און האָט אלס באַשטעטיקונג דערצו געבראַכט די פאָלגנדיקע, מער ווי צוויידייטיקע ציטאַטע פון כ׳ טראָצקיס לעצטן בריוו צו די אָפּאָזיציאָנערן פון סענטיאבר 1926 יאָר:

„מיר גייען אַרויס דערפון, אז, ווי דאָס האָט אומבא-שטרייטבאר באַוויזן די דערפאַרונג, אין אלע וויפל ניט איז פּרינציפּיעלע פראגן, וואו ווער פון אונז איז זיך פאַנאַנדער-געגאנגען מיט לענינען, איז דער גערעכט געווען אומבאדינגט אף דער זייט פון וולאַדימיר איליטש״.

אבער כ׳ קאַמעניעוו האָט פאַרשוויגן, אַז גלייך נאָך דעם, אין דעמזעלבן בריוו, האָט כ׳ טראָצקי געמאכט פאָלגנדיקע דער-קלערונג, וואָס שטעלט קאַפּויר זיין פאָריקע דערקלערונג:

„די לענינגראַדער אָפּאָזיציע איז ענערגיש אַרויסגעטראָטן קעגן דער טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, אַלס טעאָרעטישער באַרעכטיקונג פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט". (זע טראָצקיס בריוו, סעפּטעמבער 1926 יאָר).

וואָס פאַר א באַדייטונג קאָן האָבן טראָצקיס ערשטע, צווייטיקע און צו גאָרניט מעכאַיעוודיקע דערקלערונג זייט באַ זייט מיט זיין צווייטער דערקלערונג, וואָס ווארפט אום די ערשטע ?

וואָס איז אַזוינס די טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע? אַן אָפּלייקענונג פון דער לענינשער „טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד".

וואָס איז אַזוינס די לענינשע „טעאָריע פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד"? אַן אָפּלייקענונג פון כ' טראָצקיס טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע.

צי איז דען ניט קלאָר, אַז ווען כ' קאַמעניעוו האָט געבראַכט די ערשטע ציטאַטע פון טראָצקיס בריוו און האָט פאַרשוויגן די צווייטע ציטאַטע, האָט ער זיך געפּרואווט פאַרפּלאָנטערן און אָפּנאַרן אונזער פּאַרטיי.

אָבער אָפּנאַרן אונזער פּאַרטיי איז ניט אזוי לייכט, כאַוועריים פון דער אָפּאָזיציע.

## זשאָנגלירונג מיט ציטאַטעס אָדער דער כ' טראָצקי פאַלסיפיצירט דעם לענינגיזם.

צי האָט איר, כאַוויירים, געוועגדעט די אויפמערקזאַמקייט, אַז די גאַנצע רעדע טראָצקיס איז איבערגעשאָטן מיט סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע ציטאַטעס פון לענינס ווערק? לייענסט דידאָזיקע ציטאַטעס, וועלכע זיינען אַרויסגעריסן פון פאַרשיידענע אַרטיקלען לענינס, און פאַרשטייסט ניט, וואָס וויל דער כ' טראָצקי

זיך דאָ מער דערשלאָגן: צי אונטערשטיצן מיט זיי זיין פּאָזיציע, אָדער צו „כאַפּן" דעם כ׳ לענין אין „ווידערשפּרוכן". ער האָט געבראַכט איין גרופּע ציטאַטעס פון לענינס ווערק, וועלכע ריידן וועגן דעם, אַז די געפאַר פון אינטערווענציע קאָן באַקעמפט ווערן בלויז אין פאַל פון אַ ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין עטלעכע לענדער, מיינענדיק, אַפּאָנים, „דעמאַסקירן" דערמיט די פּאַרטיי. ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, צי ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע ציטאַטעס ריידן ניט קעגן דער פּאָזיציע פון דער פּאַרטיי, נאָר פאַר איר און קעגן טראָצקיס פּאָזיציע, ווייל דעם ספּעציפישן געוויכט פון דער געפאַר פון אויסן שאַצט די פּאַרטיי אָפּ אין פולן העסקעם מיט לענינס ליניע. ער האָט געבראַכט אַ צווייטע גרופּע ציטאַטעס, וועלכע ריידן וועגן דעם, אַז דער פולער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם איז ניט מעגלעך אָן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין עטלעכע לענדער, סטאַרענדיק זיך אַף אַלערליי אויפאַנים צו זשאָנגלירן מיט דידאָזיקע ציטאַטעס. אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז מע טאָר ניט צונויפמישן אין איין קופּע דעם פולן ניצאָכן (די גאַראַנטיע פון אינטערווענציע) מיטן ניצאָכן פונם סאָציאַליזם ביכלאַל (די אויסבויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט), ניט פאַרשטייענדיק אָדער ניט ווילנדיק פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע ציטאַטעס פון לענינען ריידן ניט קעגן דער פּאַרטיי, נאָר פאַר דער פּאַרטיי און קעגן דער פּאָזיציע פונם כ׳ טראָצקי.

נאָר ברענגענדיק אַ מאַסע אַנדערע ציטאַטעס, וועלכע האָבן ניט קיין שאיכעס צום איניען, האָט דער כ׳ טראָצקי אָבער ניט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אַפן אַרטיקל פונם כ׳ לענין וועגן דער מעגלעכקייט פון ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד (1915 יאָר), האַלטנדיק אַפּאָנים, אַז דער כ׳ קאַמעניע׳ו מיט זיין אַרויסטרעטונג בעשאָלעם באַפרייט אים פון דעמדאָזיקן אַרטיקל. אָבער מע קאָן רעכענען איצט פאַר ענדגילטיק דערוויזן, אַז דעם כ׳

קאמעניעוו האָט זיך ניט איינגעגעבן אויסצופילן זיין ראָלע, און דערדאָזיקער ארטיקל פונם כ׳ לענין בלייבט אין זיין פולער קראַפט.

דער כ׳ טראָצקי האָט, ווייטער, געבראכט אַ ציטאטע פונם כ׳ לענינס באוואוסטן ארטיקל וועגן דעם, אז צווישן זיי איז ניט פאראן קיין כלוקעדייעס איבער דער פויערשער פראגע אין געביט פון דער לויפנדיקער פאָליטיק. אָבער ער האָט פארגעסן צו זאָגן, אז דערדאָזיקער ארטיקל לענינס ניט נאָר ער לייזט ניט, נאָר ער רירט אפילע ניט אָן די פראגע וועגן די כלוקעדייעס צווישן טראָצקין און לענינען איבער דער פראַגע וועגן דעם פויערטום אין צוזאמענהאנג מיט דער מעגלעכקייט אויסצובויען די פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט אין אונזער לאַנד.

דערמיט אייגנטלעך דערקלערט זיך טאקע, וואָס די אָפּעראַציעס פונם כ׳ טראָצקי מיט ציטאטעס זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין אַ פוסטע זשאָנגלירונג מיט ציטאטעס.

דער כ׳ טראָצקי האָט זיך געפּרואווט דערוויין א „צונויפאַלן" צווישן זיין פאָזיציע און לענינס פאָזיציע איבער דער פראגע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען די סאָציאליסטישע געזעלשאפט אין אונזער לאנד אפן גרונט פון די אינערלעכע קרעפטן פון אונזער רעוואָלוציע. אָבער ווי אזוי קאָן מען דערווייזן דאָס ניטדערווייזבארע?

ווי אזוי פאסט מען צונויף לענינס טעזיס וועגן דעם, אַז „עס איז מעגלעך אַ ניצאָכן פונם סאָציאליזם אין עטלעכע אָדער אפילע אין איין באזונדער גענומען קאפיטאליסטיש לאנד", מיט טראָצקיס טעזיס וועגן דעם, אז „עס איז האָפענונגסלאָז צו קלערן... אז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאנד, צום ביישפיל, זאָל קאָנען באשטיין קעגן דער קאָנסערוואטיווער אייראָפּע?

ווי אזוי פאסט מען, ווייטער, צונויף לענינס טעזיס וועגן דעם, אז דער „זיגרייכער פראָלעטאריאט פון דעמדאָזיקן לאנד

(איין לאנד. י. סט.), גאָכדעם ווי ער וואָלט עקספּראָפּריאירט די קאפּיטאליסטן און אָרגאניזירט בא זיך די סאָציאליסטישע פּראָדוקציע, וואָלט ער זיך געשטעלט אקעגן דער איבעריקער קאפּיטאליסטישער וועלט", מיטן טעזיס פונם כ׳ טראָצקי וועגן דעם, אַז „אָן דירעקטער מעלוכישער שטיצע פונם אייראָפּעאישן פּראָלעטאריאט וועט דער ארבעטער-קלאס פון רוסלאנד ניט קאָנען זיך האַלטן בא דער מאכט און פארוואנדלען זיין צייטווייליקע הערשאפט אין אַ דויערהאפטער סאָציאליסטישער דיקטאטור"?

ווי אזוי פּאַסט מען, ענדלעך, צונויף לענינס טעזיס וועגן דעם, אז „בלויז אן אויסגלייך מיטן פויערטום קאָן ראטעווען די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאנד, קאָלזמאן עס איז ניט אָנגעקומען די רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער", מיט טראָצקיס טעזיס וועגן דעם, אז „די ווידערשפּרוכן אין דער לאגע פון דער ארבעטער-רעגירונג אין אַן אָפּגעשטאנענעם לאנד מיט אַ איבער-וועגנדיקער מערהייט פויערשע באפעלקערונג וועלן קאָנען געפי-נען זייער לייזונג בלויז אין אינטערנאציאָנאלן מאסשטאב, אַף דער אַרענע פון דער וועלט-רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאריאט"?

און ווייטער: מיט וואָס אייגנטלעך אונטערשיידעט זיך טראָצקיס פּאָזיציע אין דער פראגע וועגן דעם ניצאָכן פון סאָ-ציאליזם אין אונזער לאנד פון אָ. באוערס פּאָזיציע, וועלכע באַ-שטייט אין דעם, אז „אין רוסלאנד, וואו דער פּראָלעטאריאט באַטרעפט בלויז אַן אומבאדייטנדיקע מינדערהייט פון דער נאַציע, קאָן ער איינשטעלן זיין הערשאפט נאָר צייטווייליק", אַז „ער דארף זי אומפארמיידלעך ווידער פארלירן, ווי נאָר די פויערשע מאסע פון דער נאציע וועט ווערן גענוג רייף אין קולטורעלער הינזיכט, קעדיי אליין צו נעמען די מאכט אין אירע הענט", אז „בלויז דורך דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאכט דורך דעם פּראָלעטאריאט פונם אינדוסטריעלן מאירעוו קאָן מען פאר-זיכערן די דויערהאפטע הערשאפט פונם אינדוסטריעלן סאָציאליזם" אין רוסלאנד?

צי איז דען ניט קלאָר, אַז טראָצקי איז נעענטער צו באַוער, איידער צו לענינען? און צי איז דען ניט ריכטיק, אַז טראָצקיס פּאָזיציע איז אַ פּאָזיציע פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג, אַז טראָצקי לייקנט אין טאָך דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון אונזער רעוואָלוציע?

דער כ' טראָצקי האָט זיך געפּרוּווט באַגרינדן זיין טעזיס וועגן דער אוממעגלעכקייט איינצוהאַלטן די פּראָלעטאַרישע מאַכט קעגן דער קאָנסערוואַטיווער אייראָפּע מיט אַ סילאָגיזם וועגן דעם, אַז די איצטיקע אייראָפּע איז ניט קיין קאָנסערוואַטיווע, אַז זי איז מער אָדער ווייניקער אַ ליבעראַלע און אַז ווען אייראָפּע זאָל ווירקלעך זיין אַ קאָנסערוואַטיווע, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט פון אונזער לאַנד ניט געקאָנט איינהאַלטן די מאַכט. אָבער צי דען איז שווער צו פאַרשטיין, אַז טראָצקי האָט זיך דאָ פאַרפּלאָנטערט פולקום און ענדגילטיק? ווי אַזוי זאָל מען, למשל, אָנרופן די איצטיקע איטאַליע, אָדער ענגלאַנד, אָדער פראַנקרייך,—אַ קאָנסערוואַטיווע אָדער ליבעראַלע? וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די איצטיקע צפון-אַמעריקע,—אַ קאָנסערוואַטיוו אָדער אַ ליבעראַל לאַנד? וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָן האָבן פאַר דער גאַנצקייט און פאַר דער אָפּגעהיטקייט פון אונזער רעפּובליק דאָס דאָזיקע „פיינע" און לעכערלעכע אונטערשטרייכן דעם כילעק צווישן דער קאָנסערוואַטיווער און „ליבעראַלער" אייראָפּע? צי דען האָט דאָס רעפּובליקאַנישע פראַנקרייך און די דעמאָקראַטישע אַמעריקע ניט אינטערווענירט אין אונזער לאַנד אין פּעריאָד פון קאָלטשאַקן און דעניקינען פּונקט אַזוי, ווי דאָס מאָנאַרכיסטישע און קאָנסערוואַטיווע ע נ ג ל א נ ד?

דער כ' טראָצקי האָט באַזונדערס פיל אָרט געשענקט דער פראַגע וועגן דעם מיטלפּויער. ער האָט געבראַכט אַ ציטאַטע פון לענינס ווערק פונם פּעריאָד פון 1906-טן יאָר, וואו לענין זאָגט פאָרויס אַ מעגלעכקייט, אַז נאָכן זיג פון דער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר רעוואָלוציע זאָל אַ טייל מיטלפּויערים אַוועקגיין אויף דער זייט פון

דער קאָנטער-רעוואָלוציע, און דערמיט האָט ער אַפּאָנים געוואָלט דערוויזן, אַז די־דאָזיקע ציטאַטע „פּאַלט צונויף“ מיט טראָצקיס פּאָזיציע איבער דער פראַגע וועגן דעם פּויערטום נאָכן זיג פון דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר רעוואָלוציע. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער כ׳ טראָצקי גלייכט דאָ צונויף זאַכן, וואָס מע קאָן ניט פאַרגלייכן. דער כ׳ טראָצקי איז געניגט צו באַטראַכטן דאָס מיטלפּויערטום, ווי „אַ זאַך אין זיך“, אַ זאַך אַ שטענדיקע און איינמאָל פאַר אַלעמאָל געגעבענע. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן קיינמאָל ניט געקוקט אַזוי אויפן מיטלפּויערטום. דער כ׳ טראָצקי האָט אַפּאָנים פאַרגעסן, אַז בײַ די באָלשעוויקעס איז דאָ דריי פּלענער בענוגייע דער גרונט-מאַסע פונם פּויערטום: איין פּלאַן, וואָס איז אויסגערעכנט אויפן פּעריאָד פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, אַ צווייטער פּלאַן, וואָס איז אויסגערעכנט אויפן פּע- ריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, און אַ דריטער פּלאַן, וואָס איז אויסגערעכנט אויפן פּעריאָד נאָך דער באַפעסטיקונג פון דער ראַטנמאַכט. אין ערשטן פּעריאָד האָבן די באָלשעוויקעס געזאָגט: צוזאַמען מיטן גאַנצן פּויערטום קעגן דעם צאַר און די פּריצים, בײַ דער נייטראַליזירונג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, פאַר אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. אין צווייטן פּע- ריאָד האָבן די באָלשעוויקעס געזאָגט: צוזאַמען מיטן אָרימסטן פּויערטום קעגן דער בורזשואַזיע און די באַלעגופים, בײַ דער נייטראַליזאַציע פונם מיטלפּויערטום, פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. און וואָס באַטייט די נייטראַליזאַציע פונם מיטל- פּויערטום? דאָס באַטייט האַלטן דאָס אונטער דער פּאָליטישער אויפזיכט פונם פּראָלעטאַריאַט, ניט פאַרטרויען אים און אָנעמען אַלע מיטלען, קעדיי עס זאָל זיך ניט ארויסרייסן פון די הענט. אין דריטן פּעריאָד, אין דעם פּעריאָד, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, זאָגן די באָלשעוויקעס: צוזאַמען מיט דער אָרימקייט בײַם פעסטן בונד מיטן מיטלפּויערטום, קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזערווירטשאַפט אין שטאָט און אין דאָרף, פאַר.

ניצאָכן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. ווער עס מישט צונויף דידאָזיקע דריי פלענער, די דריי פאַרשיידענע ליניעס, וועלכע שפיגלען אָפּ דריי פאַרשיידענע פעריאָדן פון אונזער רעוואָלוציע, דער פאַרשטייט קיין זאַך ניט אין באָלשעוויזם.

לענין איז געווען אינגאַנצן גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אז נאָכן זיג פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע וועט אַ טייל מיטלפויערים אַוועקגיין אין דער קאָנטער-רעוואָלוציע. אזוי האָט טאַקע פּאַסירט אין פעריאָד, לעמאָשל, פון דער „אופאער רעגירונג", ווען אַ טייל מיטלפויערים אין וואָלגער קאַנט איז אַוועקגעגאַנגען אין דער קאָנטער-רעוואָלוציע, צו די באַלעגופים, און דער גרעסטער טייל מיטלפויערים האָט זיך געוואַקלט צווישן דער רעוואָלוציע און דער קאָנטער-רעוואָלוציע. און אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין. דער מיטלפויער איז דערויף אַ מיטלפויער, אז ער זאָל אויסוואַרטן און זאָל זיך וואַקלען: „ווער ווייסט נאָך, ווער עס וועט בייקומען, שוין בעסער אויסוואַרטן". בלויז נאָך די ערשטע ערנסטע ניצחונות איבער דער אינערלעכער קאָנטער-רעוואָלוציע, און באזונדערס נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער ראַטנמאַכט האָט דער מיטלפויער אָנגעהויבן באשטימט צו קערעווען זיך אין דער זייט פון דער ראַטנמאַכט, באַשליסנדיק אַפּאָנים, אז אָן אַ מאַכט קאָן מען ניט, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט איז שטאַרק און די אַרבעט מיט דעראָזיקער מאַכט איז דער איינציקער אויסוועג. גראַד אין דעמאָזיקן פעריאָד האָט דער כ' לענין געזאָגט די נעוויעשע ווערטער וועגן דעם, אז „מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין אזא סטאַדיע פון סאָציאַליסטישער בויאונג, ווען מע דאַרף אויס-אַרבעטן קאָנקרעט, דעטאַל, אף דער דערפאַרונג פון דער אַרבעט אין דאָרף די גרונט-קלאָלים און אָנווייזונגען, לויט וועלכע מיר דאַרפן זיך פירן, קעדיי צו שטעלן זיך בענויגייע צום מיטלפויערטום אַפּן באָדן פון אַ פעסטן בונד". (רעדע אַפּן VIII צוזאַמענפאָר, באַנד XVI, ז. 94).

אָט ווי עס האַלט מיט דער פראַגע וועגן די מיטלפויערים.

דעם כ׳ טראָצקיס פעלער באשטייט אין דעם, וואָס ער גייט צו צו דער פראגע וועגן דעם מיטלפויערטום מעטאפיזיש, ער באַטראכט דאָס מיטלפויערטום, ווי אַ „זאַך אין זיך" און פאַר־פלאָנטערט דערמיט גופע די פראַגע, פאַרקריפּלענדיק און פאַל־סיפיצירנדיק דעם לעניניזם.

און, ענדלעך, האנדלט עס זיך לאַכלוטן ניט וועגן דעם, אז באַם פּראָלעטאריאט קאָנען זיין און וועלן נאָך זיין ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן מיט אַ געוויסן טייל מיטלפויערים. דער ווידער־שפּרוך צווישן דער פּאַרטיי און דער אָפּאָזיציע באַשטייט קלאל ניט אין דעם. די מיינונגס־פאַרשיידנהייט באשטייט דערין, וואָס די פּאַרטיי האַלט, אז די דאָזיקע ווידערשפּרוכן און מעגלעכע קאָנ־פליקטן איז פולקום מעגלעך ביי צוקומען אַפן יעסאָד פון די אייגענע קרעפטן פון אונזער רעוואָלוציע, בעשאַס דער כ׳ טראָצקי און די אָפּאָזיציע האלטן, אז די דאָזיקע ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן קאָנען ביי געקומען ווערן „בלויז אין אינטערנאַציאָ־נאַלן מאַסשטאב, אף דער אַרענע פון דער וועלט־רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאריאט".

זשאָנגלירנדיק מיט ציטאַטעס, פּרואווט זיך דער כ׳ טראָצקי פאַרשטעקן דידאָזיקע כלוקעדייעס ערגעץ אין אַ ווינקל. נאָר איך האָב שוין געזאָגט, אַז אָפּנארן אונזער פּאַרטיי וועט זיך ניט איינ־געבן.

און דער אויספיר? דער אויספיר איז אַזאַ, אז מע דאַרף זיין אַ דיאַלעקטיק און ניט קיין קונצנמאכער. איר וואָלט זיך כאָטש געדאַרפט לערנען דיאלעקטיק באם כ׳ לענין, כאַווייירים פון דער אָפּאָזיציע, איר וואָלט כאָטש געדאַרפט לערנען זיינע ווערק,— דאָס וואָלט צוגוץ געקומען (אַפּלאָדיסמענטן; געלעכטער).

## „קלייניקייטן" און קוריאָזן.

דער כ׳ טראָצקי האָט פאָרגעווארפן מיר, אלס אַווטאָר פון די טעזיסן, אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס דאָרט ווערט געזאָגט

וועגן דער רעוואָלוציע „אליין פאר זיך", ווי וועגן אַ סאָציאַליס־טישער רעוואָלוציע. דער כ׳ טראָצקי געפינט, אז אזא באַגיין זיך מיט דער רעוואָלוציע איז מעטאפיזיק. איך קאָן בעשום אויפן ניט מאַסקים זיין דערמיט.

פאַרוואָס רעדט זיך אין די טעזיסן וועגן דער רעוואָלוציע „אליין פאר זיך", ווי וועגן אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע? דערפאַר, וואָס דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן דער גאנצער כילעק אין דער אָפּשאַצונג פון אונזער רעוואָלוציע צווישן די אָנ־שויאונגען פון אונזער פאַרטיי און די אנשויאונגען פון דער אָפּאָ־זיציע. אין וואָס באַשטייט דערדאָזיקער כילעק? אין דעם, וואָס די פאַרטיי באַטראַכט אונזער רעוואָלוציע אלס אַ סאָציאַליסטישע, אַלס אַ רעוואָלוציע, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ געוויסע זעלבשטענדיקע קראַפט, וועלכע איז פעאיק צו גיין אַף א קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, — בעשאַס די אָפּאָזיציע באַ־טראַכט אונזער רעוואָלוציע אַלס אַן אומזיסטע ביילאַגע צו דער קינפטיקער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין מאַירעוו, וועלכע האָט נאָך ניט געזיגט, אַלס אַ ביי־זאַץ צו דער קינפטיקער רעוואָלוציע אין מאַירעוו, אלס עפּעס, וואָס האָט ניט קיין שום זעלבשטענדיקע קראַפט. מע דאַרף נאָר פאַרגלייכן לענינס אָפּשאַצונג פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אין אונזער לאַנד מיט דער אָפּשאַצונג פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, קעדיי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן טהאָם צווישן זיי. אין דער צייט, ווען לענין שאַצט אָפּ די פּראָלעטאַ־רישע דיקטאטור ווי אַ איניציאַטיווסטע קראַפט, וואָס, אָרגאַני־זירנדיק די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, דאַרף זי דערנאָך גיין אַף דירעקטער מיטהילף דעם וועלט־פּראָלעטאריאַט, אַף קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, — באַטראַכט די אָפּאָזיציע, פאַרקערט, די פּראָלעטאַרישע דיקטאטור אין אונזער לאַנד ווי אַ פאַסיווע קראַפט, וועלכע לעבט אונטער דער שרעק פון באַלדיקן פאַרלירן די מאַכט „פאָנים על פאָנים מיט דער קאָנסערוואטיווער אייראָפּע".

צי איז דען ניט קלאָר, אז דאָס וואָרט „מעטאפיזיק" איז

געלאָזט געוואָרן, קעדיי צו פאַרדעקן מיט אים די נאַקעטקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּשאַצונג פון אונזער רעוואָלוציע מיצאַד דער אָפּאָזיציע?

דער כ׳ טראָצקי האָט ווייטער גערעדט וועגן דעם, וואָס איך האָב פאַרביטן די ניטפינקטלעכע און ניטריכטיקע פאָרמולירונג פון דער פראגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין מיין ביכל „די יעסוידעס פון לעניניזם“ אין 1924 יאָר, מיט אַן אַנדער פאָרמולירונג, א מער פינקטלעכער און ריכטיקער. דער כ׳ טראָצקי איז אפּאָנים דערמיט ניט צופרידן. פארוואָס, אַף וואָסער גרונט,—האָט ער טאקע ניט געזאָגט. וואָס קאָן זיין פאַר א בייז אין דעם, וואָס איך האָב פאַריכט א ניטריכטיקע פאָרמולירונג, פאַרבייטנדיק זי אַף א ריכטיקע? איך האַלט גאָר ניט, אז איך בין ריין פון זינד. איך מיין, אז די פאַרטיי קאָן נאָר געווינען, אויב דער אָדער יענער כאווער, וועלכער באַגייט א טאָעס, אָנערקענט אים און פאריכט אים נאָכדעם. וואָס אייגנטלעך האָט געוואָלט זאָגן דער כ׳ טראָצקי, אונטערשטרייכנדיק דעמדאָזיקן פאקט? עפשער וויל ער נאָכפאָלגן א גוטןביישפיל און זיך סאָפּקאָלסאָף פאַרנעמען מיט פאַריכטן זיינע פילצאָליקע פעלערן? (אַפּלאָדיסמענטן; געלעכטער). מאַכטייסע, איך בין גרייט אים צו העלפן אין דער זאַך, אויב עס איז דאָ נויטיק מיין הילף, גרייט אים אונטערשטויסן און אים העלפן (אפּלאָדיסמענטן). אָבער דער כ׳ טראָצקי פאַרפאָלגט אפּאָנים עפּעס אַן אַנדער ציל. אויב דאָס איז ריכטיק, דאַרף איך זאָגן, אַז זיין פּרואוו איז א פּרואוו מיט ניט טויגבאַרע מיטלען.

דער כ׳ טראָצקי האָט פארזיכערט אין זיין רעדע, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטער קאָמוניסט, ווי עס שילדערן אים די פאָרשטייער פון דער מערהייט פון דער פאַרטיי. ער האָט געבראַכט א גאנצע ריי ציטאַטעס פון זיינע ארטיקלען, וועלכע ריידן וועגן דעם, אַז ער, דער כ׳ טראָצקי, האָט אָנערקענט און אָנער-

קענט ווייטער דעם „סאָציאַליסטישן כאַראַקטער“ פון אונזער אַר-בעט, אַז ער לייקנט ניט אָפּ דעם „סאָציאַליסטישן כאַראַקטער“ פון אונזער מעלוכישער אינדוסטריע א.א.וו. א.א.וו. וואָס פאַר אַ נייס דאָס איז! נאָך דאָס גייט אָפּ, אַז דער כ׳ טראָצקי זאָל אָפּ-לייקענען דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון אונזער אַרבעט, פון אונזער מעלוכע-אינדוסטריע א.א.וו. דידאָזיקע פאַקטן ווערן איצט אָנערקענט דורך אַלע, ביז צו דער ניו-יאָרקער בירזשע, ביז צו אונזערע נעפּלייט, אָפּגערעדט שוין וועגן אָ. באוערן. איצט זעען אַלע, סײַ פריינט, סײַ פיינט, אַז מיר בויען די אינ-דוסטריע ניט אַזוי, ווי עס בויען זי די קאַפּיטאַליסטן, אַז מיר טראָגן אַריין אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אייניקע נייע עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט קיין שום שײַכעס מיט קאַפּיטאַליזם.

ניין, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, ניט דערין גייט עס איצט.

איצט האַלט עס פיל ערנסטער, ווי עס קאָן זיך דוכטן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

איצט האַנדלט זיך ניט וועגן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַק-טער פון אונזער אינדוסטריע, נאָר וועגן אויסבויען אַ גאַנצע סאָ-ציאַליסטישע ווירטשאַפט, ניט געקוקט אַף דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, ניט געקוקט אַף די סאָנים, די אויסערלעכע און די אינערלעכע, וועלכע וואַרטן אַפּן אונטערגאַנג פון דער פּראָלעטאַ-רישער דיקטאַטור. עס גייט וועגן דערשלאָגן זיך אַ פולן טריומף פון לעניניזם אין אונזער פּאַרטיי.

די זאַך גייט איצט ניט וועגן קלייניקייטן און קוריאָזן. מיט קלייניקייטן און קוריאָזן וועט מען זיך איצט פון דער פּאַרטיי ניט אַרויסדרייען. די פּאַרטיי פאָדערט איצט עפּעס מער פון דער אָפּאָזיציע.

אָדער איר וועט אַרויסווייזן מוט און וועט קאָנען אָפּן און ערלעך זיך אָפּזאָגן פון אײַערע פּרינציפּיעלע פעלערן, אָדער איר

וועט דאָס ניט טאָן, און דאַן וועט איר באקומען פון דער פּאַרטיי די פאַרדינטע קוואַליפיקאַציע פון אייער פּאָזיציע, אלס א פּאָזיציע פון א סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג.

איינס פון די צוויי. פון אייך הענגט אָפּ צו מאַכן דעם אויסוואַל (שטימען: „ריכטיק!"; אַפּלאָדיסמענטן).

V

# די פּראַקטישע פּלאַטפאָרם פון דער אָפּאָזי-ציע. די פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי.

פון זשאָנגלירן מיט ציטאַטעס האָבן די לידערס פון דער אָפּאָזיציע זיך געפּרואווט איבערצוגיין צו כלוקעדייעס פון פּראַק-טישן כאַראַקטער. די כ"כ טראָצקי און קאָמעניעוו, ווי אויך דער כ' זינאָוויעוו האָבן זיך געפּרואווט צו פאָרמולירן דידאָזיקע כלוקע-דייעס, באהויפּטנדיק צוזאמען דערמיט, אז וויכטיק זייגען ניט די טעאָרעטישע כלוקעדייעס, נאָר די פּראַקטישע כלוקעדייעס. איך מוז אָבער זאָגן, אז קיין איינע פון די פאָרמולירונגען פון אונ-זערע כלוקעדייעס, וועלכע די אָפּאָזיציע האָט געגעבן אף דער-דאָזיקער קאָנפערענץ, צייכנט זיך ניט אויס ניט מיט אָביעקטיוו-קייט, ניט מיט פולקייט.

איר ווילט וויסן, כאַווירים פון דער אָפּאָזיציע, אין וואָס עס באשטייען אונזערע פּראַקטישע כלוקעדייעס, איר ווילט וויסן, וואָס עס פאָדערט פון אייך די פאַרטיי?

הערט:

1. די פּאַרטיי קאָן מער ניט דולדן און וועט ניט דולדן, אז יעדעס מאָל, ווען איר בלייבט אין דער מינדערהייט, זאָלט איר ארויס אין גאַס, דערקלערן א קריזיס אין דער פּאַרטיי און מאַכן כּיבערן די פּאַרטיי. דאָס וועט די פּאַרטיי מער ניט דולדן (שטימען: „ריכטיק!" אפּלאָדיסמענטן).

2. די פּאַרטיי קאָן ניט און וועט ניט דולדן, אַז פאַרלירנ-דיק די האָפּענונג צו קריגן א מערהייט אין אונזער פּאַרטיי,

זאָלט איר צוקלייבן און אָנזאַמלען אַלערליי אומצופרידענע עלעמענטן אלס מאטעריאַל פאַר א נייער פּאַרטיי. דאָס קאָן די פּאַרטיי ניט דולדן און וועט ניט דולדן (אפּלאָדיסמענטן).

3. די פּאַרטיי קאָן ניט און וועט ניט דולדן, אז שעלמעווענדיק דעם אָנפירנדיקן פּאַרטיי-אפּאראַט און ברעכנדיק דעם רעזשים אין דער פּאַרטיי, ברעכנדיק די אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, זאָלט איר פאַראייניקן און פאָרמירן אַלע און אַלערליי שטרעמונגען, וועלכע די פּאַרטיי האָט פאַרורטיילט, אין א נייער פּאַרטיי אונטער דער פאָן פון פרייהייט פון פראַקציעס. די פּאַרטיי וועט דאָס ניט דולדן (אפּלאָדיסמענטן).

4. מיר ווייסן, אז מיר האָבן גרויסע שוועריקייטן אויף די וועגן פון בויען דעם סאָציאַליזם. מיר זעען דידאָזיקע שוועריקייטן און האָבן די מעגלעכקייט זיי בייצוקומען. מיר וואָלטן באַגריסט יעדע הילף מיצד דער אָפּאָזיציע אין דער זאַך פון באַקעמפן דיזאָזיקע שוועריקייטן. אָבער די פּאַרטיי קאָן ניט און וועט ניט דולדן, אז איר זאָלט מאַכן פּרואוון אויסצונוצן דידאָזיקע שוועריקייטן, קעדיי צו פאַרערגערן אונזער לאַגע, אָנצופאַלן אויף דער פּאַרטיי, צוליב אטאַקעס קעגן דער פּאַרטיי (אַפּלאָדיסמענטן).

5. די פּאַרטיי פאַרשטייט מער ווי אַלע אָפּאָזיציעס צוזאַמען גענומען, אז דער פאָרויסגאַנג פון דער אינדוסטריאַליזאַציע און די בויאונג פונם סאָציאַליזם זיינען מעגלעך בלויז באַם קעסיידערדיקן אויפשטייג פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס. די פּאַרטיי נעמט אָן און וועט אָננעמען אַלע מיטלען, אז די מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס זאָל זיך קעסיידער פאַרבעסערן. אָבער די פּאַרטיי קאָן ניט און וועט ניט דולדן, אז די אָפּאָזיציע זאָל אַרויסגיין אין גאַס מיט דעמאַגאָגישע דערקלערונגען וועגן באַלדיקן אויפהויבן דעם אַרבעטס-לוין אויף 30—40 פּראָצענט, בעת זי ווייסט אויף געוויס, אז די אינדוסטריע קאָן ניט אויסהאַלטן אַזאַ אויפשטייג

פון אַרבעטס־לוין אין דער געגעבענער מינוט. ווען זי ווייסט אַף געוויס, אַז אַזעלכע דעמאַגאָגישע אַרויסטרעטונגען האָבן אַלס ציל ניט צו פאַרבעסערן די לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס, נאָר צו קולטיווירן אומצופרידנהייט צווישן די אַפּגעשטאַנענע שיכטן פון די אַרבעטנדיקע און אָרגאַניזירן די אומצופרידנהייט קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דעם אוואַנגאַרד פונם אַרבעטער־קלאַס. די פּאַרטיי קאָן דאָס ניט און וועט דאָס ניט דולדן (שטימען: „ריכטיק!“ אַפּלאָדיסמענטן).

6. די פּאַרטיי וועט ניט דולדן און קאָן ניט דולדן, אַז די אָפּאָזיציע זאָל אויך אַף ווייטער אונטעררייסן די יעסוידעס פונם צוזאַמענשלוס צווישן די אַרבעטער און די פּויערים, די יעסוידעס פונם בונד פון די אַרבעטער אין די פּויערים, פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידייע פון העכערן די פאַבריק־פּרייזן און פון פאַרשטאַרקן דעם שטייערן־דרוק אַפן פּויערטום, פּרוּווּנדיק צו „קאָנסטרויִרן“ די באַציאונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום ניט ווי באַציאונגען פון עקאָנאָמישער *מיטאַרבעט*, נאָר ווי באַציאונגען פון *עקספּלואַטירן* דאָס פּויערטום דורך דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע. די פּאַרטיי קאָן דאָס ניט דולדן און וועט דאָס ניט דולדן (אַפּלאָדיסמענטן).

7. די פּאַרטיי קאָן ניט און וועט ניט דולדן, אַז איר, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, זאָלט אויך אַף ווייטער זייען אַ איידיאישן מישמאַש אין דער פּאַרטיי, איר זאָלט איבערטרייבן אונזערע שוועריקייטן, קולטיווירן מאַפּאָלע־שטימונגען, פּריידיקן די אידייע פון אומעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד און אונטעררייסן דערמיט גופע די יעסוידעס פון לעניניזם (שטימען: „ריכטיק!“ אַפּלאָדיסמענטן).

8. די פּאַרטיי קאָן ניט דולדן און וועט ניט דולדן, האַגאַם דאָס איז ניט נאָר איר זאַך, נאָר די זאַך פון אַלע סעקציעס פונם קאָמינטערן, אַז איר זאָלט אייך ווייטער טרייסלען דעם קאָמינטערן, דעזאָרגאַניזירן זיינע סעקציעס און צעשרויפן די אָנפירונג

מיטן קאָמינטערן. די פּאַרטיי קאָן דאָס ניט דולדן און וועט דאָס ניט דולדן (אפּלאָדיסמענטן).

אָט אין וואָס, כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, עס באַשטייען אונזערע פּראַקטישע כלוקעדייעס, אָט אין וואָס עס ליגט דער טאָך פון דער פּאָליטישער און פּראַקטישער פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, און אָט קעגן וואָס עס קעמפט איצט אונזער פּאַרטיי.

איבערגעבנדיק אין זיין רעדע אייניקע פונקטן פון דערדאָזיקער פּלאַטפאָרם און זאָרגזאַם באַהאַלטנדיק די אַנדערע פונקטן, האָט דער כ׳ טראָצקי געפרעגט: וואָס זשע איז דאָ פאַראַן סאָציאַל-דעמאָקראַטישעס? א מאָדנע פראַגע! און איך פרעג: וואָס איז דאָ פאַראַן קאָמוניסטישעס אין דערדאָזיקער פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק? וואָס איז דאָ ניט סאָציאַל-דעמאָקראַטישעס? צי איז דען ניט קלאָר, אז די פּראַקטישע פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק איז געבויט לויט דער ליניע פון אוועקגיין פונם לענינִיזם, לויט דער ליניע פון דערנעענטערן זיך צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע?

איר האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס פאָדערט פון אייך די פּאַרטיי,—איצט ווייסט איר, וואָס זי פאָדערט פון אייך. אָדער איר וועט אויספּילן דידאָזיקע באַדינגונגען, וועלכע זיינען צוזאַמען דערמיט באַדינגונגען פון פולער אייניקייט אין אונזער פּאַרטיי, אָדער איר וועט דאָס ניט טאָן,—דאַן וועט די פּאַרטיי, נאָכדעם ווי זי האָט אייך נעכטן געקלאַפּט, אָנהויבן אייך מאָרגן צו דערקלאַפּן (אפּלאָדיסמענטן).

VI

## דער סאַכאַקל

וואָס זיינען די סאַכאַקלען, די רעזולטאַטן פון אונזער אינערלעך-פּאַרטייאישן קאַמף? איך האָב א דאָקומענט פון סענטיאַבר 1926, אונטערגעשריבן פונם כ׳ טראָצקי. דערדאָזיקער דאָקומענט

איז מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס דאָרט איז פאַראַן אַ גע־וויסער פּראָוו פאָרויסצוזען די סאַכאַקלען פונם אינערלעך־פאַרטייאישן קאַמף, עס איז פאַראַן אַ געוויסער פּראָגנאָז און אַ גע־וויסע שילדערונג פון די פּערספּעקטיוון פון אונזער אינערלעך־פאַרטייאישן קאַמף. אין דעמדאָזיקן דאָקומענט ווערט געזאָגט:

> „די פאַרייניקטע אָפּאָזיציע האָט באַוויזן אין אַפּרעל און אין יולי און וועט באַווייזן אין אָקטיאַבר, אַז די אייניקייט פון אירע אָנשויאונגען ווערט נאָך פאַרפעסטיקט אונטער דער ווירקונג פון דער גראָבער און ניט לאָיאַלער העצע, און די פאַרטיי וועט פאַרשטיין, אַז בלויז אַפן גרונט פון די אָנשויאונגען פון דער פאַרייניקטער אָפּאָזיציע איז דאָ אַן אויסוועג פון איצטיקן האַרבן קריזיס" (זע טראָצקיס בריוו צו די אָפּאָזיציאָנערן, סענטיאַבער פון 1926 יאָר. ביילאַגע צו דער סטענאָגראַם פון די זיצונגען פון פּאָליטביוראָ פונם 8 און 11 אָקטיאַבר פון 1926 יאָר).

איר זעט, אַז דאָס איז קימאַט נעוואָוע (אַ שטים: „טאַקע קימאַט"). דאָס איז קימאַט אַ נעוואָוע פון ריין מאַרקסיסטישן טיפּ, אַ פאָרויסזעען אַף גאַנצע צוויי כאָדאָשים (געלעכטער).

פאַרשטייט זיך, דאָ זיינען פאַראַן אייניקע גוזמעס (געלעכטער). דאָ רעדט זיך, לעמאָשל, וועגן דעם איצטיקן האַרבן קריזיס פון אונזער פאַרטיי. און מיר לעבן דאַנקען גאָט און זייַנען געזונט און האָבן קיין קריזיס אפילע ניט באַמערקט. עס איז, פאַרשטייט זיך, דאָ עפּעס אַ קריזיס, נאָר ניט קיין קריזיס פון דער פאַרטיי, נאָר אַ קריזיס פון אַ פראַקציע, וועלכע רופט זיך אָן די פראַקציע פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. אָבער מע קאָן דאָך ניט אויסמאָלן דעם קריזיס פון אַ קלייניקער פראַקציע ווי אַ קריזיס פון אַ מיליאָניקער פאַרטיי.

אין כ׳ טראָצקיס דאָקומענט ווערט ווייטער גערעדט וועגן דעם, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק פאַרפעסטיקט זיך און וועט זיך נאָך פאַרפעסטיקן ווייטער. איך מיין, אַז דאָ איז אויך אַ

געוויסע גוזמע (געלעכטער). מע קאָן ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק צעפאַלט זיך, אז עס שפּאַלטן זיך פון אים אָפּ די בעסטע עלעמענטן פון דער אָפּאָזיציע, אַז ער ווערט דערשטיקט אין אינערלעכע ווידערשפּרוכן. צי איז דען ניט קיין פאַקט, אַז די כ-טע קרופּסקע, לעמאַשל, גייט אַוועק פונעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק? (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). צי איז דאָס צופעליק?

אינעם דאָקומענט פונעם כ׳ טראָצקי ווערט לעסאָף געזאָגט, אַז בלויז אַפן גרונט פון די אָנשויאונגען פון דער פּאַרייניקטער אָפּאָזיציע איז דאָ אַן אויסוועג פונעם איצטיקן קריזיס. איך מיין, אַז אויך דאָ איז באַם כ׳ טראָצקי עטוואָס איבערגעטריבן (געלעכטער).

די כאַווײַרים פון דער אָפּאָזיציע מוזן וויסן, אַז די פּאַרטיי האָט זיך פאַרייניקט און באַהעפט ניט אַפן גרונט פון די אָנשויאונגען פונעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, נאָר אין קאַמף מיט דידאָזיקע אָנשויאונגען און קעגן דידאָזיקע אנשויאונגען, אַפן יעסאָד פון די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג. די גוזמע איז אין כ׳ טראָצקיס דאָקומענט אַ קלאָרע.

נאָר אויב מע זאָל זיך אַבסטראַהירן פון דידאָזיקע אַלע גוזמעס, וועלכע דער כ׳ טראָצקי האָט דערלאָזט אין זיין דאָקומענט, ווערט דאָך, כאַווײַרים, פונעם פּראָגנאָז, אייגנטלעך, דאַכט זיך גאָרניט בלייבן (געלעכטער).

ווי איר זעט, באַקומט זיך דער סאַכאַקל אַ פאַרקערטער, ווי דער, וועלכן דער כ׳ טראָצקי האָט אונז געמאָלט אין זיין פּראָגנאָז.

איך ענדיק, כאַווײַרים. דער כ׳ זינאָוויעוו האָט אַ געוויסע צייט זיך באַרימט, אַז ער קאָן צולייגן דעם אויער צו דער ערד (געלעכטער) און ווען ער לייגט אים צו צו דער ערד, הערט ער די טריט פון דער געשיכטע. זייער מעגלעך, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע בעעמעס. אָבער איינס דאַרף מען פונדעסטוועגן

אנערקענען, אַז דער כ׳ זינאָוויעוו, וועלכער קאָן צולייגן אָן אויער צו דער ערד און הערן די טריט פון דער געשיכטע, הערט ניט צומאָל אייניקע „קלייניקייטן״ (סירצאוו: „ער האָט מיטן צווייטן אויער געהערט״). מעגלעך, אַז די אָפּאָזיציע קאָן ווירק־לעך צולייגן די אויערן צו דער ערד און הערן אַזעלכע גרויסאַר־טיקע זאַכן, ווי די שריט פון דער געשיכטע. אָבער מע מוז אַנערקענען, אַז קענענדיק הערן אַזעלכע גלענצנדיקע זאַכן, האָט זי ניט געקאָנט דערהערן אַזאַ „קלייניקייט״, אַז די פּאַרטיי האָט שוין לאַנג זיך אויסגעקערעוועט מיטן רוקן צו דער אָפּאָזיציע, און די אָפּאָזיציע איז געבליבן שטעקן אָף אַ זאַמדבאַנק. דאָס האָבן זיי ניט דערהערט (שטימען: „ריכטיק!״).

וואָס זשע איז דערפון געדרונגען? דאָס, אַז בײַ דער אָפּאָ־זיציע זיינען אָפּאָנים די אויערן ניט אין אָרדענונג (געלעכטער).

דערפון איז מײַן אויספיר: כאַווײרים פון דער אָפּאָזיציע, היילט אייערע אויערן! (שטורמישע דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. די קאָנפערענץ באַגלייט שטייענדיק דעם כ׳ סטאַלין).

# װעגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אין אַל. ק. פּ. (ב).

(רעװאָלוציע, אָנגענומענע אײנשטימיק פון דער 15=טער פּאַרטײ-קאָנפערענץ און באַשטעטיקטע פון צ. ק. אַל. ק. פּ. (ב.)

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם פּעריאָד, װאָס מיר לעבן איבער, איז די פאַרקאָמפּליצירונג פונם קאַמף צװישן די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס און אונזער לאַנד, פון אײן זײט, און צװישן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן און די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אינעװײניק אין אונזער לאַנד, — פון דער צװײטער.

אױב די פּרואװן פונם װעלט-קאַפּיטאַל צום עקאָנאָמישן אַרומרינגלען אונזער לאַנד, צו זײַן פּאָליטישער איזאָליאַציע, צו אַ פאַרמאַסקירטער בלאָקאַדע און, ענדלעך, צו דירעקטער נעקאָמע פאַר דער הילף פון די אַרבעטער פון פּסס"ר פאַר די קעמפנדיקע אַרבעטער פון מאַירעװ און די אונטערדריקטע פעלקער פון מיזרעך — שאַפן שװעריקײטן פון אױסערלעכן שניט, איז דאָס אַריבערגײן פון אונזער לאַנד פונם אױפשטעלונגס=פּעריאָד צום פּעריאָד פון איבערבױען די אינדוסטריע און די װירטשאַפט ביכלאַל אַפן יעסאָד פון אַ העכערער טעכניק און דאָס, װאָס אין צוזאַמענהאַנג דערמיט װערט קאָמפּליצירט דער קאַמף צװישן די קאַפּיטאַליס-

טישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער ווירטשאַפט, — שאַפן שוועריקייטן פון אינערלעכן שניט.

די פּאַרטיי זעט די־דאָזיקע שוועריקייטן און האָט די מעגלעכקייטן בייצוקומען זיי. בא דער אונטערשטיצונג מיצאַד די מיליאָניקע מאַסן פונם פּראָלעטאַריאַט, איז שוין די פּאַרטיי גווער די־דאָזיקע שוועריקייטן און פירט זיכער דאָס לאַנד אפן וועג צום סאָציאַליזם. אָבער ניט אַלע אָפּטיילן פון אונזער פּאַרטיי גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דער ווייטערדיקער פּאָרויסגייענדיקער באַוועגונג. געוויסע טיילן פון אונזער פּאַרטיי, עמעס. ווייניקע אין צאָל, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר די שוועריקייטן, פילן א מידקייט און וואַקלונגען, פאַלן אריין אין פאַרצווייפלונג און קולטיווירן יערידע־שטימונגען, ווערן אָנגעשטעקט מיט ניט־גלויבן אין די שעפערישע קרעפטן פונם פּראָלעטאַריאַט און קומען צו דער אידעאָלאָגיע פון קאַפּיטוליאַנטישקייט.

אין דעמדאָזיקן זין דערמאָנט דער איצטיקער איבערבראָך־פּעריאָד ביז א געוויסער מאָס דעם אָקטיאַבער־פּעריאָד פון 1917 י. אזוי ווי דעמאָלט, אין אָקטיאַבער 1917 יאָר, האָבן די קאָמפּליצירטע סיטואַציע און שוועריקייטן פונם איבערגאַנג פון א בורזשואזער רעוואָלוציע צו א פּראָלעטאַרישער געבוירן וואַקלונגען בא איין טייל פון דער פּאַרטיי, מאַפּאָלעריי („פּאַראַזשענטשעסטוואָ”) און ניטגלויבן אין דער מעגלעכקייט, אז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל נעמען די מאַכט און איינהאַלטן זי (קאַמעניעוו, זינאָוויעוו),—פּונקט אַזוי איצט, אינם איצטיקן איבערבראָך־פּעריאָד, איז די שוועריקייטן פונם אריבערגיין צו א נייער פאַזע פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג געבוירן וואַקלונגען אין געוויסע קרייזן פון אונזער פּאַרטיי, א ניטגלויבן אין דער מעגלעכקייט פונם ניצאָכן פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער לאַנד איבער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, א ניטגלויבן אין דער מעגלעכקייט פון יגרייכן בויען ד״ם סאָציאַליזם אין פסס״ר.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז דער אויסדריק פון אָט די

יעידע־און מאפּאָלע־שטימונגען אין די רייען פון איין טייל פון אונזער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי זעט די שוועריקייטן און האָט די מעגלעכקייט זיי בייצוקומען. אָבער קעדיי צו באַקעמפן דידאָזיקע שוועריקייטן איז פריער פאר אלץ נויטיק בייצוקומען די יעידע־שטימונגען און די מאָפּאָלע־אידעאָלאָגיע אין די רייען פון איין טייל פון אונזער פּאַרטיי.

אָפּזאָגנדיק זיך פון דער פראַקציאָנעלקייט און אָפּגרעניצנדיק זיך פון די בעפּיירעש מענשעוויסטישע גרופּירונגען אינעווייניק אין אלק״פּ און אויסער איר, דערקלערט צוזאַמען דערמיט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק אין זיין דאָקומענט פון 16 אָקטיאַבר 1926, אז ער פאַרבלייבט אַף זיינע אלטע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס, זאָגט זיך ניט אָפּ פון זיינע פּרינציפּיעלע פעלערן און וועט פארטיידיקן דידאָזיקע פעלערהאַפטע אנשויאונגען אין די ראַמען פונם פּאַרטיי־סטאַטוט. דערפון איז געדרונגען, אז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האָט בעדייע אויך לעהאַבע צו קולטיווירן אין דער פּאַרטיי יעידע־שטימונגען און קאַפּיטוליאַנטעריי, אז ער האָט בעדייע אויך לעהאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן אין דער פּאַרטיי זיינע פעלער־האַפטע אָנשויאונגען.

דעריבער באַשטייט די אָרדנטלעכע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אין אויפדעקן דעם פּרינציפּיעלן באַנקראָט פון די גרונט־אנשויאונגען פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, דערקלערן, אז מע קאָן זיי ניט צונויפּפּאָרן מיט די יעסוידעס פונם לעניניזם, און פירן אן אנטשלאָסענעם אידייאישן קאַמף מיט די פּרינציפּיעלע פעלערן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק מיטן ציל זיי פולשטענדיק בייצוקומען.

I

# דער איבערגאַנג פון דער „נייער אפּאָזיציע" צום טראָצקיזם אין דער גרונט-פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

די פּאַרטיי גייט אַרויס פון דעם, אַז אונזער רעוואָלוציע איז א סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, אז די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע איז ניט בלויז א סיגנאַל, אַ שטויס און אויסגאַנגס-פּונקט פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין מאַירעוו, נאָר זי איז צוזאַמען דערמיט, ערשטנס, א באַזע פאַר דער ווייטערדיקער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער וועלט-רעוואָלוציע און, צווייטנס, עפנט זי מיט זיך דעם איבערגאַנגס-פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם אין פסס"ר (די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט), וואָס אין זיין פאַרלויף קאָן און וועט דער פּראָלעטאַריאַט בא א ריכטיקער פּאָליטיק בעגוגעייע צום פּויערטום בויען מיט ערפאָלג די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אויב, פאַרשטייט זיך, די מעכטיקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון איין זייט, און די מעכטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט פון פסס"ר — פון דער צווייטער, וועט זיין גענוג גרויס, קעדיי צו באַשיצן דעם פסס"ר פון א מיליטערישער אינטערווענציע מיצאַד דעם אימפּעריאַליזם.

דער טראָצקיזם האַלט זיך בא גאָר אַנדערע אנשויאונגען אפן כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער טראָצקיזם איז געגאַנגען אין אָקטיאַבר 1917 יאָר מיט דער פּאַרטיי, איז ער אַרויסגעגאַנגען און גייט ווייטער אַרויס פון דעם, אז אונזער רעוואָלוציע אַליין פאַר זיך גענומען איז, אין טאָך פון דער זאַך, ניט קיין סאָציאַליסטישע, אַז די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע איז בלויז

א סיגנאַל, א שטויס און אָן אויסגאַנגס-פונקט פון דער סאָציאַ-ליסטישער רעוואָלוציע אין מאַירעוו, אַז אויב עס וועט קומען אָן אָפּהאַלט אין דער וועלט-רעוואָלוציע, און די זיגרייכע סאָציאַ-ליסטישע רעוואָלוציע אין מאַירעוו וועט ניט אונטערקומען אינם נאָענטסטן פעריאָד, מוז די פּראָלעטאַרישע מאַכט אין רוסלאַנד פאַלן, אָדער איבערגעבוירן ווערן (וואָס דאָס איז אלציינס) אונ-טערן דראנג פון די אומפארמיידלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום.

אין דער צייט, ווען די פּאַרטיי, אָרגאַניזירנדיק די אָק-טיאַבר-רעוואָלוציע, איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם, אז „עס איז מעגלעך דער גיצאָכן פין סאָציאַליזם צוערשט אין אייניקע און אפילע אין איין באזונדער גענומען לאַנד", אז „דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט פון דעמדאָזיקן לאַנד, נאָך דעם ווי ער האָט עקס-פּראָפּריאירט די קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירט בא זיך א סאָציאַ-ליסטישע פּראָדוקציע", קאָן און מוז זיך שטעלן „קעגן דער איבעריקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונ-טערדריקטע קלאַסן פון אנדערע לענדער, אויפהויבנדיק אין זיי אויפשטאַנדן קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אַרויסטרעטנדיק אין א נויט-פאַל אפילע מיט מיליטערישער קראַפט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאסן און זייערע מעלוכעס" (לענין, באנד 13, זייט 133), — איז דער טראָצקיזם, מיטאַרבעטנדיק מיט די באָלשעוויקעס אינם אָק-טיאַבר-פעריאָד, אַרויסגעגאַנגען, פּארקערט, פון דעם, אז „עס איז האָפענונגסלאָז צו טראכטן... אז, לעמאָשל, דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וואָלט געקאָנט באַשטיין קעגן א קאָנסערוואטיווער איי-ראָפּע" (טראָצקי, באַנד 3, טייל 1, זייטן 80—90, „שאָלעם-פּראָ-גראַם", דערשינען צום ערשטן מאָל אין אוגוסט 1917 יאָר).

אין דער צייט, ווען די פּאַרטיי גייט ארויס פון דעם, אז אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן „אלץ, וואָס ס'איז נויטיק און גע-נוג פאַרן אויסבויען א פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט" (לענין, „וועגן דער קאָאָפּעראַציע"), איז דער טראָצקיזם גייט ארויס,

פאַרקערט, פון דעם, אַז „דער עכטער אויפשטייג פון דער סאָציאַ־ליסטישער ווירטשאַפט אין רוסלאַנד וועט מעגלעך ווערן ערשט נאָכן ניצאָכן פונם פראָלעטאַריאַט אין די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע" (טראָצקי, באַנד 3, טייל 1, זייטן 92—93, „נאָכ־וואָרט" צו דער „שאָלעם־פּראָגראַם", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1922 יאָר).

אין דער צייט, ווען די פּאַרטיי גייט ארויס פון דעם, אז, „10—20 יאָר ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען מיטן פּויערטום, און עס איז געזיכערט דער ניצאָכן אין אלוועלטלעכן מאַסשטאַב" (לענין, דער פּלאַן פון דער בראָשור „וועגן נער־שטייער"), איז דער טראָצקיזם גייט ארויס, פאַרקערט, פון דעם, אז קיין ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען מיטן פּויערטום קאָנען ניט זיין באַם פּראָלעטאַריאַט ביזן ניצאָכן פון דער וועלט־רעוואָלוציע, אז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט גענומען די מאַכט, „וועט קומען אין א פיינטלעכן צוזאַמענשטויס ניט בלויז מיט אלע גרופּירונגען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן אים אונטערגעשטיצט אין די ערשטע צייטן פון זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נאָר אויך מיט די ברייטע מאַסן פּויערטום, וואָס בא זייער מיטווירקונג איז ער גע־קומען צו דער מאַכט", אַז „די ווידערשפּרוכן אין דער לאַגע פון דער ארבעטער־רעגירונג אין אן אָפּגעשטאַנען לאַנד, מיט אן איבערוועגנדיקער מערהייט פּויערשער באַפעלקערונג, וועלן קאָנען געפינען זייער לייזונג בלויז אין אינטערנאַציאָנאלן מאַסשטאַב, אף דער אַרענע פון דער וועלט־רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט" (טראָצקי, „פאָרוואָרט" צו כ׳ טראָצקיס בוך „1905 יאָר", וואָס איז אָנגעשריבן אין 1922 יאָר).

די קאָנפערענץ קאָנסטאַטירט, אז אזוינע אנשויאונגען פון כ׳ טראָצקי און זיינע אָנהענגער איבער דער גרונט־פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע האָבן ניט קיין שום שאַיכעס צו די אנשויאונגען פון אונזער פּאַרטיי צום לעניניזם.

די קאָנפערענץ האַלט, אז אזוינע אנשויאונגען, וועלכע דערנידעריקן די היסטאָרישע ראָלע און דעם ספעציפישן געוויכט פון אונזער רעוואָלוציע, אלס דער באַזע פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער אלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, וועלכע שוואַכן אָפּ דעם ווילן פונם סאָוועטישן פראָלעטאַריאַט צו דער ווייטערדיקער בויאונג פון סאָציאַליזם און שטערן אזוי ארום די אויפבינדונג פון די קרעפטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, — ווידערשפרעכן דערמיט גופע די פרינציפן פון ווירקלעכן אינטערנאציאָנאַליזם און פון דער גרונט-ליניע פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די קאָנפערענץ האַלט, אז דידאָזיקע אנשויאונגען פון ל׳ טראָצקי און זיינע אָנהענגער זיינען א דירעקטע דערנעענטערונג צו די אנשויאונגען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דער פערזאָן פון איר איצטיקן לערער אָטאָ באוער, וועלכער באהויפט, אַז „אין רוסלאַנד, וואו דער פראָלעטאַריאַט בילדעט בלויז אן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט פון דער נאַציע, קאָן ער באפעסטיקן זיין הערשאַפט בלויז צייטווייליק“, אז „ער מוז זי אומפאַרמיידלעך ווידער פאַרלירן, ווי נאָר די פויערשע מאַסע פון דער נאַציע וועט ווערן גענוג רייף אין קולטורעלער הינזיכט, קעדיי אליין צו נעמען די מאַכט אין אירע הענט“, אז „די צייטווייליקע הערשאַפט פונם אינדוסטריעלן סאָציאַליזם אינם אַגראַרן רוסלאַנד איז בלויז א פלאַם, וואָס רופט דעם פראָלעטאריאט פון אינדוסטריעלן מאַירעוו צום קאַמף“, אז „בלויז דורך דער דעראָבערונג פון דער פאָליטישער מאַכט מיצאַד דעם פראָלעטאַריאַט פונם אינדוסטריעלן מאירעוו קאָן מען זיכערן די לאַנגדויערנדיקע הערשאַפט פונם אינדוסטריעלן סאָציאַליזם“ אין רוסלאַנד (א. באַוער, זע „באָלשעוויזם אָדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“ אף דייטש).

די קאָנפערענץ קוואַליפיצירט דעריבער אזוינע אנשויאונגען פון ל׳ טראָצקי און זיינע אָנהענגער אלס סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג אין אונזער פּאַרטיי אין דער גרונט-

פראגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

דער גרונט-פאַקט אין דער אנטוויקלונג פון די אינערלעך-פּאַרטייאישע פאַרהעלטענישן אין דער אַלק״פּ (ב) נאָכן 14-טן צוזאַמענפאָר (וועלכער האָט פאַרורטיילט די פּרינציפּיעלע אָנשוי-אונגען פון דער „נייער אָפּאָזיציע״) איז יענער אומשטאַנד, וואָס די „נייע אָפּאָזיציע״ (די כ״כ זינאָוויעוו, קאַמעניעוו), וועלכע האָט פריער געקעמפט קעגן טראָצקיזם, קעגן דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּנויג אין אונזער פּאַרטיי, איז אריבער אפן צאַד פון די אידייאישע פּאָזיציעס פון טראָצקיזם, וואָס זי האָט אינגאַנצן און פולשטענדיק אָפּגעגעבן אירע פריערדיקע אַלגעמיין פּאַרטייאישע פּאָזיציעס דעם טראָצקיזם און טרעט איצט ארויס פ א ר ן טראָצקיזם מיטן זעלבן ברען, מיט וועלכן זי איז ארויסגעטראָטן פריער ק ע ג ן דעם טראָצקיזם.

דאָס אריבערגיין פון דער „נייער אָפּאָזיציע״ אף דער זייט פון טראָצקיזם איז באַשטימט געוואָרן דורך צוויי הויפּט-אומשטענדן: א) מירקייט, וואַקלונגען, דעם פּראָלעטאריאט פרעמדע יערידע-שטימונגען און מאַפּאָלעריי צווישן די אָנהענגער פון דער „נייער אָפּאָזיציע״ צוליב די נייע שוועריקייטן און איבערלעבונגען פונם איבערבראָך-פעריאָד, דערביי זיינען די איצטיקע וואַקלונגען און די מאַפּאָלעריי פון די כ״כ קאַמעניעוו און זינאָוויעוו אנטשטאנען ניט צופעליק, נאָר ווי אן איבערכאַזערונג, ווי א רעצידיוו פון יענע וואקלונגען און יערידע-שטימונגען, וואָס דידאָזיקע כאוויירים האָבן ארויסגעוויזן מיט ניין יאָר צוריק, אין אָקטיאַבר 1917 יאָר, צוליב די שוועריקייטן פונם דעמאָלטיקן איבערבראָך-פעריאָד; ב) די פולשטענדיקע מאַפּאָלע פון דער „נייער אָפּאָזיציע״ אפן 14-טן צוזאמענפאָר און די שטרעבונג, וואס איז אנטשטאנען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, צו דערשלאָגן זיך אום יעדן פרייז א פאריייניקונג מיט די טראָצקיסטן, קעדיי דורך דער פאַרייניקונג פוןביידע גרופּן, פון די „טראָצקיסטן״

און דער „נייער אָפּאָזיציע", צו קאָמפּענסירן די שוואַכקייט און אָפּגעריסנקייט פון דידאָזיקע גרופּן פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, איבערהויפּט נאָך, אז די אידייאישע פּאָזיציעס פונם טראָצקיזם האָבן פולשטענדיק אנטשפּראָכן די אַצטיקע יערידע-שטימונגען פון דער „נייער אָפּאָזיציע".

דערמיט טאַקע דאַרף מען דערקלערן יענעם פאַקט, וואָס דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א זאַמל-פּונקט פון די קאָלערליי, פאַרורטיילטע דורך דער פּאַרטיי און דורך דעם קאָמינטערן, באַנקראָטירטע שטרעמונגען אינעווייניק אין אלק"פּ און אויסער איר, פון די „דעמאָקראַטישע צענטראַליסטן" און דער „אַרבעטער-אָפּאָזיציע" אין אלק"פּ ביז די אולטראַ-לינקע אָפּאָרטוניסטן אין דייטשלאַנד און די ליקווידאַטאָרן פון סואוואַ-רינישן שניט אין פראַנקרייך.

פון דאַנען דרינגט אַרויס יענע ניט-איבערקלייבערישקייט אין מיטלען און פּרינציפּלאָזיקייט אין פּאָליטיק, וואָס זיינען גע-לייגט געוואָרן אין יעסאָד פון דער עקזיסטענץ פונם בלאָק פון די טראָצקיסטן און דער „נייער אָפּאָזיציע" און וואָס אָן זיי וואָלטן זיי ניט געקאָנט צונויפזאַמלען אינאיינעם די פאַרשיידנאַרטיקע אַנטיפּאַרטייאישע שטרעמונגען.

אַף אזא אויפן האָבן די טראָצקיסטן, פון איין זייט, און די „נייע אָפּאָזיציע"—פון דער אַנדערער, גאַנץ געזעצמעסיק זיך באַ-געגנט אַף דער געמיינזאמער פּלאַטפאָרם פון סאָציאַל-דע-מאָקראַטישן אפּנויג און פון פּרינציפּלאָזער פאַרייניקונג פון די פאַרשיידענע אַנטיפּאַרטייאישע עלעמענטן אין קאַמף קעגן דער פּאַרטיי און האָבן אַזוי אַרום געבילדעט דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר—אין א נייער פאָרם — עפּעס א מין רעצידיוו פונם אווגוסט-בלאָק (1912—1914 יאָרן).

II

# די פּראַקטישע פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָ-נעלן בלאָק.

די פּראַקטישע פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק איז א דירעקטע פאָרזעצונג פונם גרונט-טאָעס פון דעמדאָזיקן בלאָק אין דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואָלוציע.

די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון דער פּראַקטישער פּלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק באַשטייען אין פאָלגנדיקע גרונט-פּונקטן:

א) פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג. די פּאַרטיי גייט ארויס פון דעם, אז די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבן איבער אין אַלגעמיין גענומען א צושטאַנד פון טיילווייזער, צייטווייליקער סטאַביליזאַציע, אַז דער איצטיקער פּעריאָד איז א צווישן-רעוואָלוציע-פּעריאָד, וואָס פאַרפּליכטעט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען צוצוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע, אַז דער אָנגריף פון קאַפּיטאַל, וועלכער באַמיט זיך אומזיסט צו פאַרפעסטיקן די סטאַביליזאַציע, קאָן ניט ארויסרופן קיין ענטפער-קאַמף און פאַרייניקונג פון די קרעפטן פונם ארבעטער-קלאַס קעגן דעם קאַפּיטאַל, אז די קאָמפּאַרטייען דאַרפן זיך אריינמישן אין דעם זיך פארשטאַרקנדיקן קלאַסנקאַמף און פאַרוואַנדלען די אטאַקעס פון קאַפּיטאַל אין קאָנטר-אטאַקעס פונם פּראָלעטאַריאַט פאר דער דראָבערונג פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, אַז אף צו דערגרייכן דידאָזיקע צילן מוזן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען באַהערשן די מיליאָנען מאַסן פון ארבעטער-קלאַס, וועלכע זיינען נאָך אַלץ אָנגעשלאָסן אָן די רעפאָרמיסטישע פּראָפאַריינען און אָן דעם 2-טן

אינטערנאַציאָנאַל, אַז די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט איז אזוי ארום נויטיק און אָבליגאטאָריש פאר די קאָמוניסטישע פאר-טייען.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק גייט ארויס פון גאנץ אנדערע פאָרהאנאָכעס. ניט גלויבנדיק אין די אינערלעכע קרעפטן פון אונ-זער רעוואָלוציע און ארייַנפאַלנדיק אין פאַרצווייפלונג צוליב דעם פארציען זיך פון דער וועלט-רעוואָלוציע, קייקלט זיך אַראָפּ דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק פונם באָדן פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון די קלאַסן-קרעפטן פון דער רעוואָלוציע אַפן באָדן פון „אולטרא-לינקער" זעלבסטגענאַרערײַ און „רעוואלוציאָנערן" אוואנטיו-ריזם, לייקנט אָפּ דאָס פאראנענזיין פון א טיילווייזער קאַפּיטאַ-ליסטישער סטאַביליזאַציע און שלאָגט זיך, אזוי ארום, אַראָפּ אפן וועג פון פוטשיזם.

פון דאַנען נעמט זיך די פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע וועגן איבערקוקן די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט און אַראָפּרייסן דעם ענגליש-רוסישן קאָמיטעט, דאָס ניטפאַרשטיין די ראָלע פון די פראָפפאריינען און דער לאָזונג וועגן פארבייטן די פראָפפאַריי-נען מיט נייע, אויסגעטראכטע „רעוואָלוציאָנערע" אָרגאַניזאציעס פון פראָלעטאַריאט.

פון דאנען נעמט זיך דאָס אונטערשטיצן מיצאַד דעם אָפּאָ-זיציאָנעלן בלאָק די אולטרא-לינקע שרייער און אפּאָרטוניסטן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (לעמאָשל, אין דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי).

די קאָנפערענץ האַלט, אַז די פּאָליטיק פון אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אין אינטערנאציאָנאלן געביט אנטשפרעכט ניט די אינטע-רעסן פון דער אינטערנאַציאָנאלער רעוואלוציאָנערער באווע-גונג.

ב) **דער פראלעטאריאט און דאָס פויערטום אין פסס"ר.** די פּאַרטיי גייט ארויס פון דעם, אז „דער העכ-

סטער פרינציפ פון דער דיקטאטור איז דאָס איינהיטן דעם בונד פונם פראָלעטאַריאַט מיטן פויערטום, קעדיי דער פראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען איינהאַלטן די אָנפירנדיקע ראָלע און די מעלוכישע מאַכט" (לענין, באנד 18, טייל 1, זייט 331); אז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן און דאַרף זיין דער העגעמאָן בענויגייע דער גרונט-מאַסע פונם פויערטום אין עקאָנאָמישן געביט, אין געביט פון דער בויאונג פונם סאָציאַליזם, פונקט אזוי ווי ער איז געווען אין אָקטיאבר 1917 יאָר דער העגעמאָן פונם פויערטום אין פּאָליטישן געביט, אין געביט פון אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואזיע און פון איינשטעלן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאריאט; אַז די אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד קאָן דורכגעפירט ווערן בלויז אין יענעם פאַל, אויב זי וועט זיך אָנשפּאַרן אף דער ביסלעכווייזער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער מערהייט פויערטום (די אָרימקייט, מיטלפויערים), וועלכע שטעלט פאָר דעם גרונט-מאַרק פאַר אונזער אינדוסטריע, אז צוליב דעם דאַרף דורכגעפירט ווערן אַזאַ עקאָנאָמישע פּאָליטיק (פּרייזן-פּאָליטיק, שטייערן-פּאָליטיק א. אז. וו.), וואָס זאָל פאַרפעסטיקן דעם צוזאמענשלוס פון דער אינדוסטריע מיט דער פויערשער ווירטשאפט און זאָל איינהיטן דעם בונד פונם אַרבעטער-קלאַס מיט דער גרונט-מאַסע פון פויערטום.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק גייט אַרויס פון גאָר אַנדערע פאָרהאַנאָכעס. אָפּגייענדיק פון דער גרונט-ליניע פון לעניניזם אין דער פויערשער פראַגע, ניט גלויבנדיק אין דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט בענויגייע צום פויערטום אין געביט פון סאָציאַליסטישער בויאונג און באַטראַכטנדיק דאָס פויערטום הויפּטזאכלעך אַלס פיינטלעכע סוויווע, — לייגט פאָר דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק אַזוינע עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע מאָכמיטלען, וועלכע זיינען מעסוגל בלויז צו דעזאָרגאַניזירן דעם צוזאַמענשלוס פון שטאָט מיטן דאָרף, צעוואלגערן דעם בונד פונם ארבעטער-קלאַס מיטן פויערטום און דערמיט גופע ארונטעררייסן יעטווידע מעגלעכקייט

פון אינדוסטריאַליזאַציע. דאָס זיינען, לעמאָשל, א) דער פאָרשלאַג פון דער אָפּאָזיציע וועגן העכערן די פאַבריק-פרייזן אף די אינדוסטריעלע סכוירעס, וואָס דאָס העכערן זיי קאָן ניט ניט ארויסרופן א העכערונג פון די לאכאדים-פרייזן, א פאַראָרימונג פון דער ארימקייט און פון באדייטנדיקע שיכטן מיטלפויערים, דאָס פאַלן פון דער אויפנעם-פעאיקייט פונם אינערלעכן מאַרק, א קי-דער-ווידער צווישן פראָלעטאריאט און דעם פויערטום, דאָס פאַלן פונם קורס פון טשערוואָנעץ און די פארמינערונג סאָפּקאָלסאָף פונם רעאלן אַרבעטסלוין; ב) דער פאָרשלאג פון דער אָפּאָזיציע וועגן מאקסימאַלן שטייערן-דרוק אין פויערטום, וועלכער (דער דרוק) קאָן ניט ניט שאַפן קיין בראָך אין דער זאַך פונם בונד פון די ארבעטער און פויערים.

די קאָנפערענץ האַלט, אז די פּאָליטיק פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק בענויגייע דעם פויערטום אנטשפרעכט ניט די אינטערעסן פון דער אינדוסטריאליזירונג פונם לאַנד און פון דער דיקטאטור פונם פראָלעטאַריאט.

ג) דער קאַמף קעגן פאַרטיי-אַפּאַראַט אונטער דער פאָן פון קאַמף מיט ביוראָקראַטיזם אין דער פאַרטיי. די פאַרטיי גייט ארויס פון דעם, אז דער פאַרטיי-אַפּאַראַט און די פאַרטיי-מאַסן בילדן איין איינהייטלעך גאַנצעס, אז דער פאַרטיי-אַפּאַראַט (צ. ק., צ. ק. ק., געגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי, גובקאָמען, קרייזקאָמען, אוקאָמען, ביוראָען פון קעמערלעך, א. א. וו.) פערזאָניפיצירט דעם אָנפירנדיקן עלעמענט פון דער פאַרטיי אין גאַנצן גענומען, אז דער פאַרטיי-אַפּאַראַט נעמט אריין אין זיך די בעסטע מענטשן פונם פראָלעטאַריאט, וועלכע מע קאָן און מע דאַרף קריטיקירן פאַר פעלערן, וועלכע מע קאָן און מע דאַרף „אָפּפרישן", אָבער וועלכע מע טאָר ניט שימפן, ניט ריזיקירנדיק צו דעזאָרגאַניזירן די פאַרטיי און איבערלאָזן זי א וואַפנלאָזע.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק גייט, פאַרקערט, ארויס פון אנט-

קעגנשטעלן די פּאַרטיי-מאַסן קעגן דעם פּאַרטיי-אַפּאַראַט, ער באַמיט זיך צו דערנידעריקן די אָנפֿירנדיקע ראָלע פֿונם פּאַרטיי-אַפּאַראַט און דערפֿירן זי צו די פֿונקציעס פֿון א רעגיסטראַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, ער העצט אויף די פּאַרטיי-מאַסן אויפֿן פּאַרטיי-אַפּאַראַט און דיסקרעדיטירט אזוי ארום דעם פּאַרטיי-אַפּאַראַט, אָפּשוואַכנדיק זיינע פּאָזיציעס אין געביט פֿון אָנפֿירן מיט דער מלוכה.

די קאָנפֿערענץ האַלט, אַז אָט די פּאָליטיק פֿונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיטן לעניניזם, איז מסוגל בלויז צו אָפּשוואַכן די פּאַרטיי אין איר קאַמף קעגן דעם ביוראָקראַטיזם פֿונם מלוכה-אַפּאַראַט, פֿאַר ווירקלעכן איבערמאַכן דעם מלוכה-אַפּאַראַט און דערמיט גופֿא פֿאַר פֿאַרפֿעסטיקן די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט.

ד) דער קאַמף קעגן דעם „רעזשים" אין דער פּאַרטיי אונטער דער פֿאָן פֿון קאַמף פֿאַר דער אינערלעך-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. די פּאַרטיי גייט אַרויס פֿון דעם, אַז „ווער עס שוואַכט אָפּ זאָל זיין אפֿילו וויפֿל ניט איז די אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי פֿונם פּראָלעטאַריאַט (באַזונדערס אין דער צייט פֿון זיין דיקטאַטור), יענער העלפֿט פֿאַקטיש דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט" (לענין, באַנד 17, זייט 136), אַז די אינערלעך-פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע איז נייטיק ניט אויף אָפּצושוואַכן און צעשטערן די פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, נאָר אויף צו פֿאַרפֿעסטיקן זי, אַז אָן אַן אייזערנער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, אָן אַ פֿעסטן רעזשים אין דער פּאַרטיי, אַ פֿאַרשטאַרקטן דורכן מיטגעפֿיל און אונטערשטיצונג פֿון די מיליאָנען מאַסן פֿון פּראָלעטאַריאַט, איז אוממעגלעך די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק גייט, פֿאַרקערט, אַרויס פֿון אַנטקעגנשטעלן די אינערלעך-פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע דער פּאַרטיי-דיסציפּלין, ער מישט צונויף פֿרייהייט פֿון פֿראַקציעס און

גרופּירונגען מיט דער אינערלעך-פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע און באַמיט זיך אויסנוצן אַזאַ מין דעמאָקראַטיע אף צו שטערן די פּאַר-טייאישע דיסציפּלין און אונטעררייסן די איינהייט פון דער פּאַרטיי. נאַטירלעך, אז דער צורוף פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק צום קאַמף קעגן דעם „רעזשים" אין דער פּאַרטיי, וואָס פירט אין דער ווירקלעכקייט צו דער פּאַרטיידיקונג פון דער פרייהייט פון פראַקציעס און גרופּירונגען, איז דערמיט גופא א צורוף, וועלכער וועט מיט באַגייסטערונג אונטערגעכאַפּט פון די אַנטי-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון אונזער לאַנד, אלס רעטונגס-אַנקער קעגן דעם רעזשים פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלע-טאַריאַט.

די קאָנפערענץ האַלט, אז דער קאַמף פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק קעגן דעם „רעזשים" אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט ניט קיין שום שייכעס צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון לעניניזם, איז מעסוגל בלויז אַרונטערצורייסן די איינהייט פון דער פּאַרטיי, אָפּצושוואַכן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פאַנאַנדער-צובינדן די אַנטיפּראָלעטאַרישע קרעפטן אין לאַנד, וועלכע באַ-מיען זיך אָפּשוואַכן און צעלייגן די דיקטאַטור.

אלס איינעם פון די מיטלען אף צו צעשטערן די פּאַרטיי-דיסציפּלין און פאַרשטאַרקן דעם קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי האָט דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק אויסגעקליבן דעם מע-טאָד פון אַלפאַרבאַנדישער דיסקוסיע, וואָס אָנבינדן זי (די דיס-קוסיע) האָט ער זיך געפּרואווט אין אָקטיאַבער דאָס יאָר. האַלטנ-דיק פאַר נויטיק דאָס פרייע באַהאַנדלען די פראַגן פון די כלוקע-דייעס אין די טעאָרעטישע זשורנאַלן פון אונזער פּאַרטיי און אנערקענענדיק פאַר יעדן פּאַרטיי מיטגליד דאָס רעכט פון פריי'ען קריטיקירן די פעלערן פון אונזער פּאַרטיי-אַרבעט, דערמאָנט צו-זאַמען דערמיט די קאָנפערענץ לענינס ווערטער וועגן דעם, אז אונזער פּאַרטיי איז ניט קיין דיסקוסיר קלוב, נאָר א שלאַכט-אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט. די קאָנפערענץ האַלט, אז אַן

אלפאַרבאַנדישע דיסקוסיע קאָן אָנערקענט ווערן פאַר נויטיק בלויז אין דעם פאַל, אויב: א) דידאָזיקע נויטיקייט ווערט אנערקענט לעכאָלאַפּאָכעס דורך עטלעכע אָרטיקע פאַרטיי-אָרגאניזאציעס פון גובערניאַלן אָדער געגנטלעכן מאסשטאב; ב) אויב אינעווייניק אין צ"ק איז ניטאָ קיין פעסטע מערהייט אין די וויכטיקסטע פראגן פון דער פארטיי-פּאָליטיק; ג) אויב ניט געקוקט אפן פאַראַנענזיין פון א פעסטער מערהייט אין צ"ק, וואָס שטייט אף א באשטימטן שטאנדפונקט, האלט דאָך דער צ"ק פאַר נויטיק דורכצוקאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון זיין פּאָליטיק דורך א דיסקוסיע-באהאנדלונג אין דער פאַרטיי. דערביי קאָן אַן אַל-פאַרבאַנדישע דיסקוסיע אין די אַלע פאַלן אָנגעהויבן און דורכגעפירט ווערן בלויז נאָך אַן אנטשפּרעכנדיקן באַשלוס פון צ"ק.

די קאָנפערענץ קאָנסטאטירט, אז אין דעם מאָמענט, ווען דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האט געפאָדערט צו עפענען אַן אַל-פאַרבאַנדישע דיסקוסיע, איז ניט געווען קיין איינע פון דידאָזיקע באַדינגונגען.

די קאָנפערענץ האלט דעריבער, אז דער צ"ק פון דער פארטיי האט געהאַנדלט גאַנץ ריכטיק, וואס ער האט אנערקענט די דיסקוסיע פאַר ניט צוועקמעסיק און האט פאַרורטיילט דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק פאַר זיינע פרואוון אָנצובינדן דער פארטיי אַן אַלפאַרבאַנדישע דיסקוסיע איבער פראַגן, שוין געלייזטע פון דער פאַרטיי.

אונטערפירנדיק די סאַכאקלען פונם אנאַליז פון דער פּראַקטישער פלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, שטעלט פעסט די קאָנפערענץ, אז דידאָזיקע פלאטפאָרם באצייכנט מיט זיך דאָס אָפּגיין פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק פון דער קלאַסן-ליניע פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין די וויכטיקסטע פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער און אינערלעכער פּאָליטיק.

III

# די רעוואָלוציאָנערע ווערטער און אָפּאָרטוניסטישע מאַיסים פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק איז דער פאַקט, וואָס, זייענדיק אין דער ווירקלעכקייט אַן אויסדרוק פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנויג אין אונזער פּאַרטיי, פאַרטיידיקנדיק אין דער ווירקלעכקייט אַן אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, באַמיט ער זיך פונדעסטוועגן איינצוויקלען זיין אָנגריף אין רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע, ער באַמיט זיך צו קריטיקירן די פּאַרטיי פון „לינקס", באַמיט זיך צו פּוצן זיך אין אַ „לינקער" טאָגע (מאַנטל). דערדאָזיקער אומשטאַנד דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די קאָמוניסטישע פּראָלעטאַריער, צו וועלכע עס אַפּעלירט הויפּטזאַכלעך דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק, זיינען די רעוואָלוציאָנערסטע פון אַלע פּראָלעטאַריער אין דער וועלט, וואָס, דערצויגענע אינם גייסט פון רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, וועלן זיי זיך פּשוט ניט צוהערן צו די אָפנהערציקע קריטיקער פון רעכטס, און דעריבער איז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק, כדי אָפּצוּוועצן זיין אָפּאָזיציאָנעלע סחורה, געצוואונגען צוצוקלעפּן צו איר אַן עטיקעטל פון רעוואָלוציאָנערישקייט, ווייסנדיק גוט, אַז בלויז אַזאַ שפּיצל קאָן מען צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער.

אַזוי ווי אָבער דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז דאָך דער דורכפירער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנויג, ווייל ער פאַרטיידיקט אין דער ווירקלעכקייט אַן אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, טרעטן אומבאַדינגט אַרויס די ווערטער און מאַיסים פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אין אַ קאָנפליקט צווישן זיך. פון דאַנען נעמט זיך די ווי־

דערשפּרעכיקייט אין דער אַרבעט פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. פון דאַנען נעמט זיך די דיסהאַרמאָניע צווישן וואָרט און טאַט, צווישן דער רעוואָלוציאָנערער פראַזע און דער אָפּאָרטוניסטישער טאַט.

די אָפּאָזיציע קריטיקירט מיט געפילדער די פּאַרטיי און דעם קאָמיטעטערן פון לינקס און לייגט פאָר צוזאַמען דערמיט איבערצוקוקן די פּראַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט, אָראָפּצורייסן דעם ענגליש-רוסישן קאָמיטעט, אַוועקגיין פון די פּראָפּאַריינען, פאַרבייטן זיי אויף נייע „רעוואָלוציאָנערע" אָרגאַניזאַציעס, מיינענדיק מיט דעם אַלעם צו רוקן פאָרויס די רעוואָלוציע, אָבער אין דערווירקלעכקייט באַקומט זיך דערפון הילף טאָמאַסן און אודעגעכטן, עס באַקומט זיך דאָס, וואָס די קאָמפּאַרטייען ווערן אָפּגעריסן פון די פּראָפּאַריינען, עס באַקומט זיך אַן אָפּשוואַכונג פון די פּאָזיציעס פונם אַלוועלטלעכן קאָמוניזם, — מעמיילע א פאַרלאַנגזאַמונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויף ווערטער — „רעוואָלוציאָנערן", אָבער אין דער ווירקלעכקייט — מיטהעלפער פון די טאָמאַסעס און אודעגעסטעס.

מיט גרויס טומל „צעקלאַפּט" די אָפּאָזיציע די פּאַרטיי פון „לינקס" און פאָדערט צוזאַמען דערמיט אויפצוהויבן די פאַבריק-פּרייזן אויף אינדוסטריעלע סכוירעס, מיינענדיק דערמיט צו פאַרגיכערן די אינדוסטריאַליזאַציע, אָבער אין דער ווירקלעכקייט דאַרף זיך דערפון באַקומען די דעזאָרגאַניזאַציע פונם אינערלעכן מאַרק, די צעפּאַלונג פונם צוזאַמענשלוס פון דער אינדוסטריע מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט, דאָס פאַלן פונם קורס פונם טשערוואָנעץ, דאָס פאַלן פונם רעאַלן אַרבעטסלוין און, מעמיילע, דער אָרונטערייס פון וועלכער ניט איז אינדוסטריאַליזאַציע. אויף ווערטער — אינדוסטריאַליסטן, און אין דער ווירקלעכקייט — מיטהעלפער פון די קעגנער פון אינדוסטריאַליזאַציע.

די אָפּאָזיציע באַשולדיקט די פּאַרטיי אין ניט וועלן קעמפן מיטן ביוראָקראַטיזם פונם מעלוכע-אַפּאַראַט און לייגט פאָר צוזאַ-

מען דערמיט אויפצוהויבן די פאַבריק-פרייזן, מיינענדיק אַפּאָנים, אַז דאָס אויפהויבן די פאַבריק-פרייזן האָט ניט קיין שייכות צו דער פראַגע וועגן ביוראָקראַטיזם פונם מעלוכע-אַפּאַראַט, איז אָבער אין דער ווירקלעכקייט קומט אַרויס, אַז דערפון מוז זיך באַקומען די פולשטענדיקע ביוראָקראַטיזירונג פונםווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט, ווייל די הויכע פאַבריק-פרייזן זיינען דאָס זיכערסטע מיטל פאַר דער אויסצערונג פון דער אינדוסטריע און פאַר דער ביוראָקראַטיזירונג פונם ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט. אַ בן וואָרט — קעגן ביוראָקראַטיזם, אין דער טאַט — פאַרטיידיקער און דורכפירער פון דער ביוראָקראַטיזאַציע פונם מעלוכע-אַפּאַראַט.

די אָפּאָזיציע פּילדערט און שרייט קעגן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל און לייגט צוזאַמען דערמיט פאָר אַרויסצוציען פון דער צירקוליאַציע מעלוכע-קאַפּיטאַלן לטובֿת דער אינדוסטריע, מיינענדיק דערמיט אונטערצורייסן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל; אָבער אין דער ווירקלעכקייט באַקומט זיך דערפון אַן אַלערלייאיקע פאַרשטאַרקונג פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ווייל דאָס אַרויסציען מעלוכע-קאַפּיטאַלן פון דער צירקוליאַציע, וועלכע איז דער גרונט-געביט פאַר דער אַרבעט פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, קאָן ניט אָפּגעבן דעם האַנדל אין פולן רשות פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אַ בן וואָרט — קאַמף מיטן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אין דער עמעסן — הילף דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

די אָפּאָזיציע שרייט וועגן דער איבערגעבורט פונם פּאַרטיי-אַפּאַראַט, און אין דער ווירקלעכקייט באַקומט זיך, אַז ווען דער צ. ק. שטעלט די פראַגע וועגן אויסשליסן איינעם פון די ווירקלעך איבערגעבוירענע קאָמוניסטן, דעם הער אָסאָווסקי, ווייזט אַרויס די אָפּאָזיציע דעם מאַקסימום לאָיאַלקייט צו דעמדאָזיקן הער און שטימט קעגן אויסשליסן אים. אַ ף ווערטער — קעגן איבערגעבורט, און אין דער ווירקלעכקייט — מיטהעלפער און פאַרטיידיקער פון איבערגעבורט.

די אָפּאָזיציע האָט געשריען וועגן אינערלעך-פּאַרטייאישער

דעמאָקראַטיע און האָט געזאָדערט צוזאַמען דערמיט אַן אַלפאַר-
באַנדישע דיסקוסיע, מיינענדיק דערמיט צו רעאַליזירן די אינער-
לעך-פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע, און אין דער ווירקלעכקייט האָט
זיך ארויסגעוויזן, אַז אָנבינרנדיק דער קאָלאָסאַלער מערהייט פון
דער פּאַרטיי אַ דיסקוסיע אין נאָמען פון א נישטיקער מינדערהייט
אירער, איז די אָפּאָזיציע באַגאַנגען דעם גראָבסטן אַקט פון אוי-
ווער זיין אַף וואָסערע ס'זאָל ניט זיין דעמאָקראַטיע. אַפן וואָרט—
פאַר אינערלעך-פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע, און אין דער ווירק-
לעכקייט—דאָס אויוועך זיין אַף די גרונט-פּרינציפּן פון יעטווידער
דעמאָקראַטיע.

אינם פּעריאָד פונם פאַרשאַרפטסטן קלאַסנקאַמף אין דער אַר-
בעטער-באַוועגונג, וואָס מיר לעבן איצט איבער, קאָן געפירט ווערן
בלויז איינע פון די צוויי מעגלעכע פּאָליטיקעס: אָדער די פּאָליטיק
פונם מענשעוויזם, אָדער די פּאָליטיק פונם לעניניזם. די פּרואוון
פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק צו פאַרנעמען אַ מיטל-לאַגע צווישן די
קעגנזעצלעכע ליניעס, אונטערן צורעק פון אַ „לינקער", „רעוואָ-
לוציאָנערער" פראַזעאָלאָגיע און באַם פאַרשאַרפן די קריטיק קעגן
דער אלק"פּ, האָבן געמוזט ברענגען און האָבן ווירקלעך געבראַכט
דערצו, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז פאַרקראָכן אין לאַגער
פון די קעגנער פון לעניניזם.

די סאָנים פון אלק"פּ און פונם קאָמינטערן ווייסן דעם ווערט
פון דער „רעוואָלוציאָנערער" פראַזעאָלאָגיע פונם אָפּאָזיציאָנעלן
בלאָק. דעריבער איז, פאַרבייגייענדיק פאַרביי דערדאָזיקער פראַ-
זעאָלאָגיע אלס עטוואָס אזוינס, וואָס איז גאָרניט ווערט, לויבן
זיי אלע איינמוטיק דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק פאַר זיינע ניטרע-
וואָלוציאָנערע מאַסים און כאַפּן אונטער דעם אָפּאָזיציאָנעלן לאָ-
זונג פון קאַמף מיט דער גרונט-ליניע פון אלק"פּ און קאָמינטערן
אַלס זייער אייגענעם לאָזונג. מע קאָן ניט באַטראַכטן אלס צו-
פעליקן דעם פאַקט, וואָס די עסערן אין קאַרעטן, די רוסישע מענ-
שעוויקעס און די דייטשישע „לינקע" סאָציאַל-דעמאָקראַטן, — זיי

האָבן אַלע געפונען פאַר מעגלעך אָזן אויסצודריקן מיטגעפיל דעם קאַמף פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק קעגן דער פאַרטיי, אויסרעכענענדיק אַף דעם, אַז דער קאַמף פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק וועט ברענגען צו אַ שפּאַלטונג, און די שפּאַלטונג וועט פאַנאַנדערבינדן די אַנטיפּראָלעטאַרישע קרעפטן פון אונזער לאַנד, צו דער פרייד פון די סאָנים פון דער רעוואָלוציע.

די קאָנפערענץ האַלט, אַז די פּאַרטיי דאַרף לייגן באַזונדערע אַכט אַף אויפצודעקן די „רעוואָלוציאָנערע" מאַסקירונג און אַף צו אַנטפּלעקן דעם אָפּאַרטוניסטישן מעהוס פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק.

די קאָנפערענץ האַלט, אַז די פּאַרטיי דאַרף אָפּהיטן די איינהייט פון אירע רייען, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, רעכענענדיק, אַז די איינהייט פון אונזער פּאַרטיי איז דער איקערדיקער קעגנגיפט קעגן אַלע און קאָלערליי קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פאַרמעסטונגען פון די סאָנים פון דער רעוואָלוציע.

IV

# אויספירן.

אונטערפירנדיק די סאַכאַקלען פון דער דורכגעגאַנגענער סטאַדיע פונם אינערלעך-פּאַרטייאישן קאַמף, קאָנסטאַטירט די 15-טע קאָנפערענץ פון אַלק"פּ, אַז די פּאַרטיי האָט אַנטפּלעקט אין דעמדאָזיקן קאַמף איר קאָלאָסאַלן אידייאישן וואוקס, האָט אָפּגעוואָרפן און וואַקלונגען די פּרינציפּיעלע אַנשויאונגען פון דער אָפּאָזיציע און האָט זיך דערשלאָגן אַ שנעלן און אַנטשיידנדיקן ניצחון איבערן אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, צווינגענדיק אים אָפּן אָפּצוזאָגן זיך פון פראַקציאָנעלקייט און אָפּצוגרעניצן זיך פון די בעפּיירעש-אָפּאָרטוניסטישע גרופּירונגען אינעווייניק און אויסער דער אַלק"פּ.

די קאָנפערענץ קאָנסטאַטירט, אַז אין רעזולטאַט פון די פּרואוון פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אַנצובינדן דער פּאַרטיי אַ דיס-

קוסיע און ארונטערצורייסן איר איינהייט, האָבן די פּאַרטייאישע מאסן נאָך מער זיך באהעפט ארום צ. ק. און האָבן דערמיט גופע איזאָלירט די אָפּאָזיציע און געזיכערט אזוי ארום די ווירקלעכע איינהייט פון די רייען פון אונזער פּאַרטיי.

די קאָנפערענץ האַלט, אז בלויז באַ דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון די ברייטע פּאַרטייאישע מאסן האָט דער צ. ק. געקאָנט דערשלאָגן זיך אזוינע ערפאָלגן, אז די אקטיווקייט און באוואוסטזיניקייט, וואָס די פּאַרטיי-מאַסן האָבן אַרויסגעוויזן אינם קאַמף מיט דער דעיאָרגאַניזאטאָרישער ארבעט פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, זיינען די בעסטע באווייזן, אז די פּאַרטיי לעבט און אנטוויקלט זיך אף די יעסודעס פון ווירקלעכער אינערלעך-פּאַרטייאישער דעמאָקראטיע.

באַווילינדיק אינגאנצן און פולשטענדיק די פּאָליטיק פונם צ. ק. אין זיין קאַמף פאַר זיכערן די איינהייט, האלט די קאָנפערענץ, אז די אויפגאבן פון דער פּאַרטיי באַשטייען לעהאבע אָט אין וואָס:

1. אכטונג געבן אף דעם, אז דער דערגרייכטער מינימום, וואָס איז נויטיק פאר דער איינהייט פון דער פּאַרטיי, זאָל ווירקלעך דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

2. פירן אַן אנטשלאָסענעם אידייאישן קאַמף מיטן סאָציאַל-דעמאָקראטישן אָפּנויג אין אונזער פּאַרטיי, דערקלערנדיק פּאַר די מאסן די פעלערהאַפטיקייט פון די פּרינציפּיעלע אנשויאונגען פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק און ארויסשטעלנדיק אף דער שיין דעם אָפּאָרטוניסטישן אינהאלט פון דידאָזיקע אנשויאונגען, מיט וואָסערע „רעוואָלוציאָנערע״ פראזן זיי זאָלן זיך ניט צודעקן.

3. דערשלאָגן זיך, אז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק זאָל אַנערקענען די פעלערהאַפטיקייט פון זיינע אנשויאונגען.

4. מיט אלע מיטלען אָפּהיטן די איינהייט פון דער פּארטיי, איבערהאַקנדיק אלע און קאָלערליי פּרואוון צו באנייען די פראַקציאָנעלקייט און דאָס אויפֿוועקן זיין אף דער דיסציפּלין.

# אינהאלט

## פארטראג


**I. די אנטוויקלונגס־עטאפן פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק**

זייטל

בלאָק . . . . . . . . . . . . . . . . 3

דער ערשטער עטאַפּ . . . . . . . . . . . . 4

דער צווייטער עטאַפּ . . . . . . . . . . . . 5

דער דריטער עטאַפּ . . . . . . . . . . . . 8

דער פערטער עטאַפּ . . . . . . . . . . . . 9

לענין און די פראגע וועגן אַ בלאָק אין דער פּאַרטיי 11

דער פּראָצעס פון צעפאַלונג פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק 13

אף וואָס רעכנט אויס דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק . 15

**II. דער גרונט־פעלער פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק** 17

פארלויפיקע באמערקונגען . . . . . . . . . . 18

לענינִיזם און טראָצקיזם . . . . . . . . . . 24

רעזאָלוציע פון דער 14־ער קאָנפערענץ פון א.ל.ק.פּ.(ב.) 41

דער איבערגאַנג פון דער „נייער אָפּאָזיציע“ צום טראָצקיזם . . . . . . . . . . . . . . . 45

די כ״ב טראָצקי, סמילגא און ראדעק ווילן זיך
ארויסדרייען . . . . . . . . . . . . . 51
די באשליסנדיקע באַדייטונג פון דער פראַגע וועגן
די פּערספּעקטיוון פון אונזער בויאונג . . . . 57
די פּאָליטישע פּערספּעקטיוון פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק 60

III. די פּאָליטישע און ארגאניזאַציאָנעלע טאָעסן
פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק . . . . . . . . 65

IV. אייניקע אויספירן . . . . . . . . . . . . . 74

## שלוס וואָרט

I. וועגן אייניקע אַלגעמיינע פראגן . . . . . . 79
דער מארקסיזם איז ניט קיין דאגמע, נאָר א וועג-
ווייזער צו טאט . . . . . . . . . . . . 79
אייניקע לעגינס באַמערקונגען וועגן דער דיקטאַטור
פונם פּראָלעטאריאט . . . . . . . . . . 89
וועגן דער ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג
פון די קאפּיטאַליסטישע לענדער . . . . . . 96

II. כ׳ קאמעניעוו רייניקט דורך דעם וועג פאַרן
כ׳ טראָצקי . . . . . . . . . . . . . . 101

III. אן אומדערהערטער פלאנטער, אדער כ׳ זי-
נאָוויעוו וועגן רעוואלוציאנערישקייט און
אינטערנאציאנאליזם . . . . . . . . . . 112

**IV. כ׳ טראָצקי פאלסיפיצירט דעם לענינים . .** 121

כ׳ טראָצקיס פאָקיסן, אדער די פראַגע וועגן דער „פערמאנענטער רעוואָלוציע" . . . . . . . . 121

זשאנגלירונג מיט ציטאטעס אדער דער כ׳ טראָצקי פאלסיפיצירט דעם לעניניזם . . . . . . . 132

„קלייניקייטן" און קוריאזן . . . . . . . . . 139

**V. די פראקטישע פלאטפארם פון דער אָפּאָזיציע. די פאדערונגען פון דער פאַרטיי . . . . . .** 143

**VI. דער סאכאקל . . . . . . . . . . . . .** 146

## ר ע ז אָ ל ו צ י ע

**וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק אין אל. ק. פּ. (ב.)** 150

1. דער איבערגאַנג פון דער „נייער אָפּאָזיציע" צום טראָצקיזם אין דער גרונט-פראַגע וועגן דעם כא-ראקטער און די פּערספּעקטיוון פון אונזער רעוואלוציע 153
2. די פראקטישע פלאַטפאָרם פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק 159
3. די רעוואָלוציאָנערע ווערטער און אפּארטוניסטישע מאיסים פונם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק . . . . . 166
4. אויספירן . . . . . . . . . . . . . . . 170

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, נעגלינע גאַס, 7.

## עס געפינען זיך אין פארקויף
## פאָלגנדיקע ביכער:

ק. ר.

1. נ. בוכארין—די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואזיע און קארל קאוטסקי איר אפּאָסטאָל, 164 ז. 90—
2. בוכארין און סטאַלין—וועגן דער טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, 95 ז. . . . . 35—
3. בוכאַרין — לעניניזם אָדער טראָצקיזם, זאמלבוך I-טע העפט, 248 ז. . . . . . . . . . . 50—
4. בוכאַרין — לעניניזם אָדער טראָצקיזם זאַמלבוך II-טע העפט, 160 ז. . . . . . . . . . 50—
5. י. סטאַלין — די יעסוידעס פון לעניניזם 116 ז. . 60—
6. י. סטאלין — סאַכאַקלען פון דער 14-ער פּאַרטיי-קאָנפערענץ . . . . . . . . . . . . . 20—
7. י. סטאלין — פראַגן פון לעניניזם . . . . . . . 80—
8. נ. בוכאַרין — מיר זיינען גרייט, 96 ז. . . . . 50—